# תּורה נבֿיאים וּכתובֿים
## תּרגום ייִדיש פֿון יהואש

# יִרְמְיָה

א 1 די ווערטער פֿון יִרמְיָהו דעם זון פֿון חִלקִיָהון, פֿון די כּהנים
וואָס אין עֲנָתוֹת אין לאַנד בנימין, 2 וואָס דאָס וואָרט פֿון גאָט
איז צו אים געווען אין די טעג פֿון יֹאשִׁיָהו, דעם זון פֿון אָמוֹנען, דעם
מלך פֿון יהודה, אין דרײַצנטן יאָר פֿון זײַן מלוכה, 3 און איז אויך
געווען אין די טעג פֿון יהוֹיָקים דעם זון פֿון יֹאשִׁיָהון, דעם מלך פֿון
יהודה, ביזן סָוף פֿון עלפֿטן יאָר פֿון צִדקִיָהו דעם זון פֿון יֹאשִׁיָהון,
דעם מלך פֿון יהודה, ביז דעם גלות פֿון ירוּשָׁלַיִם אין פֿינפֿטן חוֹדש.

4 און דאָס וואָרט פֿון גאָט איז געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן:

5 אײדער איך האָב דיך אין מוטערלײַב געפֿורעמט,
האָב איך דיר דערקענט,
און אײדער דו ביסט פֿון טראַכט אַרויס,
האָב איך דיך געהײליקט;
אַ נבֿיא פֿאַר די פֿעלקער
האָב איך דיך געמאַכט.

6 האָב איך געזאָגט: ווײ, גאָט דו האַר, איך קען דאָך ניט רעדן,
וואָרום איך בין אַ ייִנגל. 7 האָט גאָט צו מיר געזאָגט:

זאָלסט ניט זאָגן: איך בין אַ ייִנגל,
נײַערט אומעטום ווו איך וועל דיך שיקן זאָלסטו גײן,
און אַלץ וואָס איך וועל דיר באַפֿעלן זאָלסטו רעדן.
8 זאָלסט ניט מוֹרא האָבן פֿאַר זײ,

וואָרום איך בין מיט דיר, דיך מציל צו זײַן,
זאָגט גאָט.

9 און גאָט האָט אויסגעשטרעקט זײַן האַנט און צוגערירט, צו מײַן
מויל, און גאָט האָט צו מיר געזאָגט:

אָט האָב איך געגעבן מײַנע ווערטער אין דײַן מויל;
10 זע, איך, האָב דיך געשטעלט הײַנטיקן טאָג
איבער די פֿעלקער און איבער די קיניגרײַכן,
אויסצורײַסן און אײַנצוּוואַרפֿן,
און אונטערצוברענגען און צו צעשטערן;
צו בויען און צו פֿלאַנצן.

11 און דאָס וואָרט פֿון גאָט איז געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן: וואָס
זעסטו, יִרמְיָהו? האָב איך געזאָגט: אַ מאַנדלשטאָק זע איך. 12 האָט
גאָט צו מיר געזאָגט: האָסט וויל געזען, וואָרום איך פּאַס-אויף
אויף מײַן וואָרט עס צו טאָן.

13 און דאָס וואָרט פֿון גאָט איז געווען צו מיר אַ צווייט מאָל, אַזוי צו
זאָגן: וואָס זעסטו? האָב איך געזאָגט: אַ זודיקן טאָפּ זע איך, און זײַן
פּאָדערזײַט איז קעגן צפֿון. 14 האָט גאָט צו מיר געזאָגט:

פֿון צפֿון וועט אויסברעכן דאָך בייז
אויף אַלע באַוווינער פֿון לאַנד.
15 וואָרום זע, איך רוף צו אַלע משפחות
פֿון די קיניגרײַכן צו צפֿון, זאָגט גאָט,
און זיי וועלן קומען, און וועלן שטעלן איטלעכער זײַן טראָן
בײַם אײַנגאַנג פֿון די טויערן פֿו ירושָלַיִם,
און קעגן אַלע אירע מויערן רונד אַרום,
און קעגן אַלע שטעט פֿון יהודה.
16 און איך וועל זיי אַרויסזאָגן מײַן משפּט
פֿאַר אַל זייער שלעכטיקייט,
וואָס זיי האָבן מיך פֿאַרלאָזן,
און געריייכערט צו פֿרעמדע געטער,
און זיך געבוקט צו די ווערק פֿון זייערע הענט.
17 און דו זאָלסט אָנגורטן דײַנע לענדן,
און זאָלסט אויפֿשטיין און רעדן צו זיי

אַלץ וואָס איך וועל דיר באַפֿעלן;
זאָלסט זיך ניט שרעקן פֿאַר זיי,
כּדי איך זאָל דיך ניט דערשרעקן פֿאַר זיי.
18 וואָרום זע, איך האָב דיך הײַנט געמאַכט
פֿאַר אַ באַפֿעסטיקטער שטאָט,
און פֿאַר אַן אײַזערנעם זײַל,
און פֿאַר קופּערנע מויערן אַקעגן גאַנצן לאַנד,
קעגן די מלכים פֿון יהודה, קעגן אירע האַרן,
קעגן אירע כֹּהנים, און קעגן דעם פֿאָלק פֿון לאַנד.
19 און זיי וועלן מלחמה האַלטן אַקעגן דיר,
און וועלן דיך ניט בײַקומען,
וואָרום איך בין מיט דיר, זאָגט גאָט,
דיך מציל צו זײַן.

# ב

1 און דאָס וואָרט פֿון גאָט איז געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן:
2 גיי און זאָלסט רופֿן אין די אויערן פֿון ירושָלַיִם, אַזוי צו זאָגן:
אַזוי האָט גאָט געזאָגט:

איך געדענק דיר די גינציקייט פֿון דײַן יוגנט,
די ליבשאַפֿט פֿון דײַן כּלה-צײַט;
דײַן גיין נאָך מיר אין דער מדבר,
אין אַ לאַנד ניט געזייט.
3 הייליק בײַ גאָט איז ישׂראל,
דאָס ערשטע פֿון זײַן תּבואה;
אַלע זײַנע פֿאַרצערער וועלן פֿאַרווּיסט ווערן;
אַ בייזעניש וועט קומען אויף זיי,
זאָגט גאָט.

4 הערט דאָס וואָרט פֿון גאָט, איר הויז פֿון יעקב,
און אַלע משפּחות פֿון הויז פֿון ישׂראל;
5 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
וואָס האָבן אײַערע עלטערן אין מיר אַן עוולה געפֿונען,
וואָס זיי האָבן זיך דערווײַטערט פֿון מיר,
און געגאַנגען נאָך נישט און נישטיק געוואָרן?

6 און זיי האָבן ניט געזאָגט: ווּ איז גאָט
וואָס האָט אונדז אויפֿגעבראַכט פֿון לאַנד מִצרַיִם,
וואָס האָט אונדז געפֿירט דורכן מדבר,
דורך אַ לאַנד פֿון וויסטעניש און גריבער,
דורך אַ לאַנד פֿון טריקעניש און טויטשאָטן,
דורך אַ לאַנד וואָס קיין מענטש איז ניט דורכגעגאַנגען דערין,
און קיין מוטערמענטש האָט ניט געוווינט דאָרטן?
7 און איך האָב אײַך געבראַכט אין אַ פֿרוכטיקן לאַנד,
צו עסן איר פֿרוכט און איר גוטס;
און איר זײַט געקומען און האָט פֿאַראומרייניקט מײַן לאַנד,
8 די כֹּהנים האָבן ניט געזאָגט: ווּ איז גאָט?
און די אויפֿהאַלטער פֿון דער תּוֹרה האָבן מיך ניט געקענט,
און די פֿאַסטוכער האָבן געבראָכן אָן מיר,
און די נבֿיאים האָבן נבֿיאות געזאָגט פֿאַר בעַל,
און נאָך די וואָס נוצן ניט, זײַנען זיי געגאַנגען.
9 דרום וועל איך נאָך קריגן מיט אײַך, זאָגט גאָט,
און מיט אײַערע קינדסקינדער וועל קריגן.
10 וואָרום פֿאָרט דורך די אינדזלען פֿון די כִּתּים, און זעט,
און קיין קֵדָר שיקט, און קוקט זיך גוט צו,
און זעט אויב אַזוינס איז געשען.
11 האָט דען אַ פֿאָלק פֿאַרביטן זײַנע געטער?
וואָס זיי זײַנען קיין געטער ניט;
און מײַן פֿאָלק האָט פֿאַרביטן זײַן כּבוד
אויף וואָס נוצט ניט.
12 גרווילט איר הימלען איבער דעם,
און שוידערט, ווערט באַנומען ביז גאָר,
זאָגט גאָט.
13 וואָרום אַ צווייַעדיק בייז האָט געטאָן מײַן פֿאָלק:
זיי האָבן פֿאַרלאָזן מיך, דעם קוואַל פֿון לעבעדיקע וואַסער,
זיך צו האַקן ברונעמער, צעבראָכענע ברונעמער,
וואָס קענען דאָס וואַסער ניט האַלטן.

14 איז אַ קנעכט ישׂראל?
צי אַ הויזגעבאָרענער שקלאַף איז ער?
פֿאַר וואָס איז ער צו רויב געוואָרן?
15 אויף אים ברילן די יונגלײַבן,

זיי לאָזן אַרויס זייער קָול,
און זיי האָבן געמאַכט זײַן לאַנד צו וויסט;
זײַנע שטעט זײַנע כָּרב, אָן אַ באַוווינער.
16 אויך די זין פֿון נוֹף און תַּחפַּנחס
טוען אויף דײַן שאַרבן פּיטערן.
17 פֿאַר וואָר, דאָס האָט דיר אָנגעמאַכט
וואָס דו האָסט פֿאַרלאָזן יהוה דײַן גאָט,
בעת ער האָט דיך אויפֿן וועג געפֿירט.
18 און אַצונדערט ווי קומסטו אויפֿן וועג קיין מִצרַיִם,
צו טרינקען דאָס וואַסער פֿון שיחֹר?
און ווי קומסטו אויפֿן וועג קיין אַשור,
צו טרינקען דאָס וואַסער פֿון טײַך?
19 דײַן שלעכטיקייט וועט דיך אָנלערנען,
און דײַנע אָפּקערונגען וועלן דיך שטראָפֿן;
און ווייס און זע, אַז שלעכט איז און ביטער
וואָס דו האָסט פֿאַרלאָזן יהוה דײַן גאָט,
און מײַן מוֹרא איז ניט אויף דיר,
זאָגט יהוה דער גאָט פֿון צבָאוֹת.

20 וואָרום פֿון אייביק אָן האָב איך צעבראָכן דײַן יאָך,
צעריסן דײַנע בינדשטריק,
און דו האָסט געזאָגט: איך וועל ניט איבערטרעטן;
אָבער אויף יעטוועדער הויכן בערגל,
און אונטער יעטוועדער צווײַגהאַפֿטיקן בוים,
שטרעקסטו ווי אַ זוֹנה זיך אויס.
21 און איך האָב דיך געפֿלאַנצט אַ וויל ווײַנריטל,
לויטער ריכטיקן זאָמען;
און ווי ביסטו מיר פֿאַרקערט געוואָרן
אין וויל ווּקסן פֿון פֿרעמדן ווײַנשטאָק!
22 וואָרום, אַז דו זאָלסט זיך וואַשן מיט לויג,
און זאָלסט מערן אויף דיר זייף,
איז געפֿלעקט דײַן זינד פֿאַר מיר,
זאָגט גאָט דער האַר.

23 ווי קענסטו זאָגן: איך האָב מיך ניט פֿאַראומרייניקט,
נאָך די בעַל-געטער בין איך ניט געגאַנגען?

זע דײַן פֿירונג אין טאָל,
מערק װאָס דו האָסט געטאָן,
דו פֿלינקע קעמעלין, װאָס פֿאַרדרײט אירע װעגן;
24 אַ װילדע אײַזעלין צום מדבר געװױנט,
װאָס שלינגט דעם װינט אין דער גלוסטונג פֿון איר זעל;
פֿון איר פֿאָרונג װער קען זי אָפּהאַלטן?
אַלע אירע זוכער דאַרפֿן זיך ניט אײַנמיען,
אין איר חודש װעלן זײ זי געפֿינען.
25 ”פֿאַרמײַד דײַן פֿוס פֿון באָרװעס זײַן,
און דײַן קעל פֿון דאָרשטיקײט“;
אָבער דו האָסט געזאָגט: אומזיסט, ניין!
נײַערט פֿרעמדע האָב איך ליב,
און נאָך זײ װעל איך גײן.

26 װי די שאַנד פֿון אַ גנב אַז ער װערט געפֿונען,
אַזױ איז צו שאַנד דאָס הױז פֿון ישׂראל,
זײ, זײערע מלכים, זײערע האַרן,
און זײערע כּהנים, און זײערע נבֿיאים.
27 זײ זאָגן צו אַ האָלץ: ביסט מײַן פֿאָטער!
און צו אַ שטײן: דו האָסט אונדז געבאָרן!
װאָרום זײ האָבן געקערט דעם רוקן צו מיר, און ניט דעם פּנים;
נאָר אין צײַט פֿון זײער אומגליק זאָגן זײ:
שטײ אױף און העלף אונדז.
28 און װוּ זײַנען דײַנע געטער װאָס דו האָסט דיר געמאַכט?
זאָלן זײ אױפֿשטײן אױב זײ קענען דיר העלפֿן
אין צײַט פֿון דײַן אומגליק;
װאָרום אַזױ װי די צאָל פֿון דײַנע שטעט,
זײַנען דײַנע געטער, יהודה.
29 פֿאַר װאָס קריגט איר אױף מיר?
איר אַלע האָט געבראָכן אָן מיר,
זאָגט גאָט.
30 אומזיסט האָב איך געשלאָגן אײַערע קינדער,
זײ האָבן קײן מוסר ניט גענומען;
אײַער שװערד האָט פֿאַרצערט אײַערע נבֿיאים,
װי אַ מערדערישער לײב.
31 איר דור, זעט דאָס װאָרט פֿון גאָט:

בין איך דען געווען אַ מדבר צו ישׂראל?
צי אַ לאַנד פֿון שטאָקפֿינצטערניש?
פֿאַר וואָס זאָגט מײַן פֿאָלק:
מיר ווילן זיך אומטרײַבן,
מיר וועלן מער ניט קומען צו דיר?
32 קען אַ יונגפֿרוי פֿאַרגעסן איר צירונג,
אַ כלה אירע שלייפֿן?
און מײַן פֿאָלק האָט מיך פֿאַרגעסן
טעג אָן אַ צאָל.

33 ווי באַשײנסטו דײַן וועג
ליבשאַפֿט צו זוכן!
פֿאַר וואָר, אַפֿילו די ערגסטע
קענסטו דײַנע וועגן לערנען.
34 אין דײַנע ברעגן געפֿינט זיך אויך בלוט
פֿון נפֿשות פֿון אומשולדיקע אָרימע –
ניט בײַ אַן אײַנברעכונג האָסטו זיי געפֿונען;
אָבער בײַ אַלעם דעם 35 זאָגסטו:
פֿאַר וואָר, איך בין אומשולדיק,
זײַן צאָרן האָט זיך געוויס אָפּגעקערט פֿון מיר.
זע, איך משפּט זיך מיט דיר
פֿאַר דײַן זאָגן: איך האָב ניט געזינדיקט.
36 ווי זייער וואָלוול דו מאַכסט זיך
צו בײַטן דײַן וועג!
וועסט אויך פֿון מִצרַיִם פֿאַרשעמט ווערן,
ווי דו ביסט פֿאַרשעמט געוואָרן פֿון אַשור.
37 אויך פֿון דעם דאָזיקן וועסטו אַרויסגיין
מיט דײַנע הענט איבער דײַן קאָפּ,
וואָרום גאָט פֿאַראַכט דײַנע בטחונות,
און וועסט מיט זיי ניט באַגליקן.

ג 1 . . . . אַזוי צו זאָגן:
אַז אַ מאַן שיקט אַוועק זײַן ווײַב,
און זי גייט אַוועק פֿון אים,

און ווערט אַן אַנדער מאַנס,
וועט ער דען זיך ווידער אומקערן צו איר?
וואָלט ניט זינדיק פֿאַרזינדיקט ווערן יענע לאַנד?
און דו האָסט מזנה געווען מיט ליבהאָבער אַ סך,
און ווילסט זיך אומקערן צו מיר,
זאָגט גאָט.
2 הייב אויף דײַנע אויגן אויף די הויכע ערטער,
און זע, וווּ ביסטו ניט געשענדט געוואָרן?
אויף די וועגן האָסטו געלויערט אויף זיי,
ווי אַן אַראַבער אין דער מדבר;
און האָסט זינדיק געמאַכט דאָס לאַנד
מיט דײַן זנות און מיט דײַן שלעכטיקייט.
3 דרום זײַנען די פֿרירעגנס פֿאַרמיטן געוואָרן,
און שפּעטרעגן איז ניט געווען;
אָבער אַ שטערן פֿון אַ זונה איז געווען בײַ דיר,
4 האָסטו זיך ניט געוואָלט שעמען.
האָסטו ניט אַקאָרשט גערופֿן צו מיר: פֿאָטער מין,
וועט ער אויף אייביק אַ שׂנאה טראָגן?
5 וועט ער שטענדיק זי אָנהאַלטן?
אָט האָסטו גערעדט, און דאָך געטאָן דאָס בייז,
און געפּועלט בײַ זיך.

6 און גאָט האָט צו מיר געזאָגט אין די טעג פֿון מלך יֹאשִיָהו: האָסטו
געזען וואָס די אָפּגעקערטע ישׂראל האָט געטאָן? זי איז געגאַנגען
אויף יעטווועדער הויכן גערגל, און אונטער יעדער צווײַגהאַפּטיקן
בוים, און האָט דאָרטן מזנה געווען. 7 און איך האָב געוועסט
געזאָגט: נאָכדעם אַז זי האָט געטאָן דאָס אַלץ, וועט זי זיך אומקערן
צו מיר; אָבער זי האָט זיך ניט אומגעקערט. און די פֿעלשערין איר
שוועסטער יהודה האָט דאָס געזען. 8 אָבער איך האָב געזען, אַז הגם
דערפֿאַר וואָס די אָפּגעקערטע ישׂראל האָט אומטרײַשאַפּט
באַגאַנגען, האָב איך זי אַוועקגעשיקט, און איר געגעבן איר
שיידבריוו, האָט פֿון דעסטוועגן ניט מורא געהאַט די פֿעלשערין
יהודה איר שוועסטער, און זי אויך איז געגאַנגען און האָט מזנה
געווען. 9 און עס איז געווען, פֿון וועגן דער לײַכטיקייט פֿון איר זנות
האָט זי זינדיק געמאַכט דאָס לאַנד, און זי האָט אומטרײַשאַפּט
באַגאַנגען מיט שטיין און מיט האָלץ. 10 אָבער אַפֿילו נאָך אַלעם

דעם האָט די פֿעלשערין איר שוועסטער יהודה זיך ניט אומגעקערט
צו מיר מיט איר גאַנצן האַרצן, נאָר בלויז מיט ליגן, זאָגט גאָט.
11 און גאָט האָט צו מיר געזאָגט: די אָפּגעקערטע ישׂראל האָט
זיך אַרויסגעוויזן מער רעכטפֿאַרטיק פֿון דער פֿעלשערין יהודה.
12 גיי און זאָלסט רופֿן די דאָזיקע ווערטער קעגן צפֿון, און זאָגן:

קער זיך אום, דו אָפּגעקערטע ישׂראל, זאָגט גאָט:
איך וועל ניט וואַרפֿן אַ בייז פּנים אויף אײַך,
וואָרום איך בין גענאָדיק, זאָגט גאָט,
איך האַלט ניט אַ שׂנאה אויף אייביק.
13 נאָר זיי וויסן דײַן זינד,
אַז אָן יהוה דײַן גאָט האָסטו געבראָכן,
און האָסט צעשפּרייט דײַנע וועגן צו פֿרעמדע,
אונטער יעטוועדער צווײַגהאַפֿטיקן בוים;
און צו מײַן קָול הט איר ניט צוגעהערט,
זאָגט גאָט.

14 קערט אײַך אום, קינדער אָפּקערער,
זאָגט גאָט,
וואָרום איך בין אײַער האַר,
און איך וועל אײַך נעמען איינעם פֿון אַ שטאָט,
און צוויי פֿון אַ משפּחה,
און וועל אײַך ברענגען קיין ציון.
15 און איך וועל אײַך געבן פּאַסטוכער נאָך מײַן האַרצן,
און זיי וועלן אײַך פֿיטערן מיט קענשאַפֿט
און מיט פֿאַרשטאַנדיקייט.
16 און עס וועט זײַן,
אַז איר וועט זיך מערן און פֿרוכפּערן אין לאַנד,
אין יענע טעג, זאָגט גאָט,
וועט מען מער ניט זאָגן:
דער אָרון פֿון גאָטס בונד;
און ער וועט אויפֿן זינען ניט אַרויף,
און מע וועט אים ניט דערמאָנען און ניט דאַכטן;
און ער וועט מער ניט געמאַכט ווערן.
17 אין יענער צײַט וועט מען רופֿן ירושָלַיִם דער טראָן פֿון גאָט,
און אײַנזאַמלען וועלן זיך צו איר אַלע פֿעלקער,

פֿון וועגן גאָטס נאָמען, קיין ירושָלַיִם,
און זיי וועלן מער ניט גיין
נאָך דער אײַנגעשפּאַרטיקייט פֿון זייער בייזן האַרצן.
18 אין יענע טעג וועט גיין דאָס הויז פֿון יהודה
מיט דעם הויז פֿון ישׂראל,
און זיי וועלן קומען אין איינעם פֿון צפֿון-לאַנד
אין דעם לאַנד וואָס איך האָב געמאַכט אַרבן אײַערע עלטערן.
19 און איך האָב געוועסט געזאָגט:
ווי וועל איך דיך אויסריכטן צווישן די קינדער,
און דיר געבן אַ גלוסטיק לאַנד,
די שיינשענסטע נחלה פֿון די פֿעלקער!
און איך האָב געזאָגט: "פֿאָטער מײַן" וועסטו מיך רופֿן,
און פֿון הינטער מיר וועסטו זיך ניט אָפּקערן.
20 אָבער אַזוי ווי אַ ווײַב וואָס פֿעלשט אָן איר מאַן,
אַזוי האָט איר געפֿעלשט אָן מיר, הויז פֿון ישׂראל,
זאָט

21 אַ קָול ווערט אויף די הויכע ערטער געהערט,
אַ תּכנונים-געוויין פֿון די קינדער פֿון ישׂראל,
וואָרום זיי האָבן פֿאַרקרימט זייער וועג,
פֿאַרגעסן אָן יהוה זייער גאָט.
22 קערט אײַך אום, קינדער אָפּקערער,
איך וועל היילן אײַערע אָפּקערונגען.
דאָ זײַנען איר, געקומען צו דיר,
וואָרום דו ביסט יהוה אונדזער גאָט.
23 פֿאַר וואָר, פֿאַלש איז וואָס פֿון די הייכן,
דער טומל פֿון די בערג;
פֿאַר וואָר, אין יהוה אונדזער גאָט
איז די הילף פֿון ישׂראל.
24 און די שאַנדגעטערײַ האָט אויפֿגעגעסן
די מי פֿון אונדזערע עלטערן, פֿון אונדזער יוגנט אָן,
זייערע שאָף און זייערע רינדער,
זייערע זין און זייערע טעכטער.
25 לאָמיר ליגן אין אונדזער שאַנד,
און זאָל אונדז באַדעקן אונדזער שמאַך,
וואָרום צו יהוה אונדזער גאָט האָבן מיר געזינדיקט,

מיר און אונדזערע עלטערן,
פֿון אונדזער יוגנט און ביז הײַנטיקן טאָג,
און מיר האָבן ניט צוגעהערט צו דעם קָול
פֿון יהוה אונדזער גאָט.

ד

1 אַז דו וועסט זיך אומקערן, ישׂראל, זאָגט גאָט,
צו מיר זיך אומקערן,
און אַז דו וועסט אָפּטאָן דײַנע אומווערדיקייטן פֿון מײַן פּנים,
און וועסט זיך ניט וואַקלען,
2 און וועסט שווערן: "אַזוי ווי גאָט לעבט".
מיט אמת, מיט רעכט, און מיט גערעכטיקייט,
וועלן זיך בענטשן מיט אים פֿעלקער,
און מיט אים וועלן זיי זיך רימען.

3 וואָרום אַזוי האָט גאָט געזאָגט
צו די מענער פֿון יהודה און צו ירושָלַיִם:
אַקערט אײַך אַן אַקער,
און איר זאָלט ניט זייען אויף דערנער.
4 באַשנײַדט אײַך צו גאָט,
און טוט אָפּ די פֿאָרהויטן פֿון אײַער האַרץ,
איר מענער פֿון יהודה און באַוווינער פֿון ירושָלַיִם,
כּדי מײַן גרימצאָרן זאָל ניט אַרויסגיין ווי אַ פֿײַער,
און ברענען אַז קיין לעשער זאָל ניט זײַן,
פֿון וועגן אײַערע שלעכטע מעשׂים.

5 דערציילט אין יהודה, און מאַכט הערן אין ירושָלַיִם,
און זאָגט: בלאָזט אַ שופֿר אין לאַנד;
רופֿט מיט אַ פֿולער קעל, און אַזאָגט:
זאַמלט אײַך אײַן, און לאָמיר אַרײַן אין די פֿעסטונגשטעט.
6 הייבט אויף אַ פֿאָן קיין צִיוֹן,
אַנטרינט, איר זאָלט אײַך ניט אָפּשטעלן,
וואָרום איך ברענג אַן אומגליק פֿון צפֿון,
און אַ בראָך אַ גרויסן.
7 אַ לײַב איז אויפֿגעגאַנגען פֿון זײַן געצווייַג,

און אַן אומבפֿענגער פֿון פֿעלקער
האָט געצויגן, איז אַרויס פֿון זײַן אָרט,
צו מאַכן דײַן לאַנד צו וויסט,
דײַנע שטעט זאָלן כָּרֵב זײַן, אָן אַ באַוווינער.
8 איבער דעם גורט אָן זאַקקליידער,
טוט קלאָגן און יאָמערן;
וואָרום ניט אָפּגעקערט האָט זיך
גאָטס גרימצאָרן פֿון אונדז.
9 און עס וועט זײַן אין יענעם טאָג,
זאָגט גאָט
וועט פֿאַרגײן דאָס האַרץ פֿון דעם מלך,
און דאָס האַרץ פֿון די האַרן;
און די כֹּהנים וועלן באַנומען ווערן,
און די נבֿיאים וועלן גאַפֿן.

10 האָב איך געזאָגט: וויי, גאָט דו האַר, פֿאַר וואָר, נאַרן גענאַרט
האָסטו דאָס דאָזיקע פֿאָלק און ירושָלַיִם, אַזוי צו זאָגן: "שלום וועט
זײַן צו אײַך", און די שווערד דערגרײַכט ביזן נפֿש.

11 אין יענער צײַט וועט באַפֿוילן ווערן
אויף דעם דאָזיקן פֿאָלק און אויף ירושָלַיִם
אַ הייסער ווינט פֿון די הויכער ערטער אין מדבר,
אויפֿן וועג צו דער טאָכטער מײַן פֿאָלק;
ניט צו ווינטשופֿלען, און ניט צו רייניקן;
12 אַ ווינט שטאַרקער פֿון דעם וועט קומען פֿון מיר;
אַצונד וועל איך אויך אַרויסזאָגן אַ משפט אויף זיי.
13 זע, ווי וואָלקנס גייט ער אויף,
און ווי דער שטורעמווינט זײַנען זײַנע רײַטוועגן;
פֿלינקער פֿון אָדלערס זײַנען זײַנע פֿערד:
וויי אונדז, וואָרום מיר זײַנען פֿאַרוויסט.
14 וואַש אָפּ פֿון בייז דײַן האַרץ, ירושָלַיִם,
כּדי זאָלסט געהאָלפֿן ווערן.
ביז וואַנען וועלן רוען אין דיר
דײַנע מכשבות פֿון אומרעכט?
15 וואָרום אַ קָול זאָגט אָן פֿון דָן,
און מאַכט הערן אומגליק פֿון געבערג פֿון אפֿרים:

16 דערציילט די פֿעלקער: אָט איז עס!
מאַכט הערן וועג ירושָלַיִם:
באַלעגערער קומען פֿון אַ וויַיטן לאַנד,
און לאָזן אַרויס אויף די שטעט פֿון יהודה זייער קָול.
17 ווי פֿעלדהיטער זיַינען זיי אויף איר פֿון רונד אַרום,
וויַיל זי האָט מיר ווידערשפּעניקט, זאָגט גאָט.
18 דיַין פֿירונג און דיַינע מעשׂים
האָבן דיר דאָס אָנגעמאַכט –
די דאָזיקע שלעכטיקייט דיַינע –
וואָס עס איז ביטער,
וואָס עס רירט אָן ביז דיַין האַרצן.

19 מיַינע אינגעווייד, מיַינע אינגעווייד!
איך דריַי מיך פֿון וויַיטאָק!
אָ די ווענט פֿון מיַין האַרצן!
מיַין האַרץ טוט ברומען אין מיר,
איך קען ניט שוויַיגן!
וואָרום אַ קָול פֿון שופֿר האָסטו געהערט, מיַין זעל,
אַ שאַל פֿון מלחמה.
20 אַ בראָך אויף אַ בראָך גערשעט,
וואָרום פֿאַרוויסט געוואָרן איז דאָס גאַנצע לאַנד,
פֿלוצים זיַינען פֿאַרוויסט געוואָרן מיַינע געצעלטן,
אין אַ רגע – מיַינע פֿאָרהאַנגען.
21 ביז וואַנען וועל איך זען די פֿאָן,
וועל איך הערן דעם קול פֿון דעם שופֿר

22 וואָרום נאַריש איז מיַין פֿאָלק,
מיך קענען זיי ניט;
קינדער נאַרן זיַינען זיי,
און ניט פֿאַרשטאַנדיק זיַינען זיי;
זיי זיַינען חכמים אויף טאָן שלעכטס,
און פֿון גוטס טאָן ווייסן זיי ניט.

23 איך האָב געזען די ערד,
ערשט זי איז וויסט און ליידיק
און די הימלען –

און זייער ליכט איז ניטאָ.
24 איך האָב געזען די בערג, ערשט זיי ציטערן,
און אַלע הייכן האָבן זיך געטרייַסלט.
25 איך האָב געזען, ערשט קיין מענטשן איז ניטאָ,
און אַלע פֿויגלען פֿון הימל זייַנען אַוועק.
26 איך האָב געזען, ערשט דער כַּרמֶל איז אַ מדבר,
און אַלע זייַנע שטעט זייַנען צעשטערט,
פֿאַר דעם אָנגעזיכט אפֿון גאָט,
פֿאַר דעם גרים פֿון זייַן צאָרן.

27 וואָרום אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
אַ וויסטעניש וועט ווערן דאָס גאַנצע לאַנד,
הגם קיין פֿאַרלענדונג וועל איך ניט מאַכן.
28 אויף דעם וועט טרויערן די ערד,
און פֿינצטער ווערן וועלן די הימלען פֿון אויבן,
ווייַל איך האָב גערדט, איך האָב געטראַכט,
און איך האָב ניט חרטה, און וועל זיך ניט אָפּקערן דערפֿון.
29 פֿאַר דעם קָול פֿון רייַטער און בויגנשיסער,
אַנטלויפֿט די גאַנצע שטאָט;
זיי זייַנען אַרייַן אין געדיכטע וועלדער,
און אויף פֿעלזן זייַנען זיי אַרויפֿגעגאַנגען;
יעטוועדער שטאָט איז פֿאַרלאָזן,
און אין זיי וווינט ניט קיין מענטש.
און דו באַרויבטע, וואָס טוסטו,
30 וואָס דו קליידסט דיך אין רויט,
וואָס דו צירסט דיך מיט צירונג פֿון גאָלד,
וואָס דו רייַסט אויף דייַנע אויגן מיט פֿאַרב?
אומזיסט מאַכסטו זיך שיין,
דייַנע ליבהאָבער פֿאַראַכטן דיך,
זיי זוכן דייַן לעבן.
31 וואָרום אַ קָול ווי פֿון אַ ווייערין האָב איך געהערט,
אַנגסט ווי פֿון אַן ערשטגעווינערין.
דעם קָול פֿון טאָכטער צִיוֹן וואָס פֿאַרקייַכט זיך,
וואָס שפּרייט אירע הענט פֿאַנאַנדער:
וויי מיר, וואָרום מייַן זעל
איז אוממאַכטיק פֿאַר די טייטער.

ה 1 וואַנדער אום אין די גאַסן פֿון ירושָלַיִם,
און אַעט אַקאָרשט און ווערט געוואָר,
און זוכט אין אירע מערק,
אויב איר וועט געפֿינען אַ מענטשן,
אויב עס איז דאָ ווער עס טוט גערעכטיקייט,
ווער עס זוכט אמת,
און איך וועל איר פֿאַרגעבן.
2 אַפֿילו ווען זיי זאָגן: אַזוי ווי גאָט לעבט!
שווערן זיי פֿון דעסטוועגן פֿאַלש.

3 גאָט, דײַנע אויגן זײַנען דאָך אויף אמת;
האָסט זיי געשלאָגן, און זיי האָבן זיך ניט געקימערט,
האָסט זיי פֿאַרלענדט, און זיי האָבן קיין מוסר ניט גענומען;
זיי האָבן געמאַכט זייער פּנים האַרטער פֿון פֿעלז,
זיי האָבן זיך ניט געוואָלט אומקערן.
4 און איך האָב געוועסט געזאָגט:
דאָס זײַנען נאָר די אָרימע,
זיי זײַנען נאַריש, ווײַל זיי ווייסן ניט דעם וועג פֿון יהוה,
דאָס געזעץ פֿון זייער גאָט.
5 איך וועל מיר גיין צו די גרויסע,
און וועל רעדן מיט זיי;
וואָרום זיי ווייסן דעם וועג פֿון יהוה,
דאָס געזעץ פֿון זייער גאָט.
אָבער זיי האָבן דעסגלײַכן צעבראָכן דעם יאָך,
צעריסן די בינדשטריק.
6 דרום דערשלאָגט זיי אַ לײַב פֿון וואַלד,
אַ וואָלף פֿון מדבריאָת וועט זיי פֿאַרוויסטן,
אַ לעמפּערט טוט לויערן אויף זייערע שטעט,
איטלעכער וואָס גייט אַרויס פֿון זיי, וועט פֿאַרצוקט ווערן;
וואָרום פֿיל זײַנען זייערע פֿאַרברעכן,
שטאַרק זײַנען זייערע אָפּקערונגען.

7 ווי זאָל איך וואַר דעם דיר פֿאַרגעבן?
דײַנע קינדער האָבן מיך פֿאַרלאָזן,
און געשוואָרן בײַ אומגעטער;
אַז איך האָב זיי אָנגעזעט, האָבן זיי מזנה געווען,

און אין הײַזער פֿון זונות קלײַבן זײ זיך אויף.
8 פֿערד אָפּגעפּיטערטע, אָגערס זײַנען זײ,
איטלעכער דו זײַן חברס װײַב הירזשען זײ;
9 זאָל איך דערפֿאַר זיך ניט אָפּרעכענען?
זאָגט גאָט;
און זאָל אָן אַ פֿאָלק װי דאָס דאָזיקע
זיך ניט נוקם זײַן מײַן זעל?

10 גײט אַרויף אין אירע רײען, און צעשטערט,
נאָר אַ פֿאַרלענדונג זאָלט איר ניט מאַכן;
טוט אָפּ אירע צװײַגן,
װאָרום ניט גאָטס זײַנען זײ.
11 װאָרום פֿעלשן געפֿעלשט האָבן אָן מיר
דאָס הויז פֿון ישׂראל און דאָס הויז פֿון יהודה,
זאָגט גאָט.
12 זײ האָבן געלײקנט אָן גאָט,
און געזאָגט: דאָס איז ניט ער,
און בײז װעט ניט קומען אויף אונדז,
און שװערד און הונגער װעלן מיר ניט אָנזען.
13 און פֿון די נבֿיאים װעט זיך אויסלאָזן אַ װינט,
װאָרום דאָס װאָרט איז אין זײ ניטאָ;
אַזױ זאָל זײ אַליין געשען!
14 דרום האָט יהוה דער גאָט פֿון צבֿאָות אַזױ געזאָגט:
װײַל איר רעדט דאָס דאָזיקע גערײד,
אָט מאַך איך מײַנע װערטער אין דײַן מויל צו פֿײַער,
און דאָס דאָזיקע פֿאָלק האָלץ,
און עס װעט זײ פֿאַרצערן.
15 זע, איך ברענג אויף אײַך אַ פֿאָלק פֿון דער װײַט,
איר הויז פֿון ישׂראל, זאָגט גאָט;
אַ מאַכטיק פֿאָלק איז דאָס,
אַ פֿאָלק פֿון פֿאַרצײַטן איז דאָס,
אַ פֿאָלק װאָס דו װײסט ניט זײַן לשון,
און פֿאַרשטײסט ניט װאָס ער רעדט.
16 זײַן פֿײַלבײַטל איז װי אַן אָפֿענער קבר;
זײ זײַנען אַלע גיבורים.

17 און ער וועט אויפֿעסן דײַן שניט, און דײַן ברויט;
זיי וועלן אויפֿעסן דײַנע זין און דײַנע טעכטער;
ער וועט אויפֿעסן דײַנע שאָף און דײַנע רינדער,
ער וועט אויפֿעסן דײַן ווײַנשטאָק און דײַן פֿײַגנבוים;
ער וועט צעקלאַפּן מיטן שווערד
דײַנע פֿעסטונגשטעט וואָס דו פֿאַרזיכערסט זיך אויף זיי.
18 הגם אויך אין יענע טעג, זאָגט גאָט,
וועל איך ניט מאַכן אַ פֿאַרלענדונג פֿון אײַך.

19 און עס וועט זײַן, אַז איר וועט זאָגן: פֿאַר וואָס האָט יהוה
אונדזער גאָט אונדז געטאָן דאָס אַלץ? זאָלסטו זאָגן צו זיי: אַזוי ווי
איר האָט מיך פֿאַרלאָזן, און געדינט פֿרעמדע געטער אין אײַער
לאַנד, אַזוי זאָלט איר דינען פֿרעמדע אין אַ לאַנד ניט אײַערס.

20 זאָגט דאָס אָן אין הויז פֿון יעקב,
און מאַכט עס הערן אין יהודה, אַזוי צו זאָגן:
21 הערט דאָס צו אַקאָרשט, איר נאַריש פֿאָלק אָן שׂכל,
וואָס האָבן אויגן און זעען ניט,
וואָס האָבן אויערן און הערן ניט;
22 האָט איר דען ניט מורא פֿאַר מיר? זאָגט גאָט,
צי ציטערט איר ניט פֿאַר מײַן אָנגעזיכט?
איך וואָס האָב געמאַכט זאַמד אַ גרענעץ צום ים,
אַן אייביק געזעץ וואָס ער קען ניט אַריבערגיין;
און זײַנע כוואַליעס וואַרפֿן זיך, און קענען ניט בײַקומען,
און זיי ברומען, און קענען עס ניט אַריבערגיין.
23 אָבער בײַ דעם דאָזיקן פֿאָלק
איז אַן אָפּגעקערט און ווידערשפּעניק האַרץ,
זיי האָבן זיך אָפּגעקערט און זײַנען אַוועק.
24 און זיי האָבן ניט געזאָגט אין זייער האַרצן:
לאָמיר מורא האָבן פֿאַר יהוה אונדזער גאָט,
וואָס גיט רעגן, פֿרירעגן, און שפּעטערגן, אין זײַן צײַט,
וואָס היט פֿאַר אונדז אָפּ די געשטעלטע וואָכן פֿון שניט.
25 אײַערע זינד האָבן אָפּגענייגט די דאָזיקע,
און אײַערע חטאים האָבן פֿאַרמיטן דאָס גוטס פֿון אײַך.
26 וואָרום צווישן מײַן פֿאָלק געפֿינען זיך רשעים;
זיי קוקן נאָך, אַזוי ווי פֿויגלפֿאַנגער לויערן,

זיי שטעלן אַ פֿאַסטקע, מענטשן פֿאַנגען זיי.
27 ווי אַ שטײַג פֿון מיט פֿויגלען,
אַזוי זײַנען זייערע הײַזער פֿול ם
איט באַטרוג;
דרום זײַנען זיי גרויס און רײַך געוואָרן.
28 פֿעט, גראָב זײַנען זיי געוואָר;
יאָ, זיי שטײַג אַריבער אין בייזע שטיק.
פֿאַר רעכט נעמען זיי זיך ניט אָן,
פֿאַרן רעכט פֿון יתום, אַז זיי זאָלן עס דורכפֿירן;
און דעם משפּט פֿון די ראָימע משפּטן זיי ניט.
29 זאָל איך דערפֿאַר זיך ניט אָפּרעכענען?
זאָגט גאָט;
זאָל אָן אַ פֿאָלק ווי דאָס דאָזיקע
זיך ניט נוֹקם זײַן מײַן זעל?

30 אַ שרעק און שוידער
געשעט אין לאַנד:
31 די נבֿיאים זאָגן נבֿיאות אויף ליגן,
און די כֹּהנים געוועלטיקן זיי צו דער האַנט,
און מײַן פֿאָלק האָט עס ליב אַזוי;
אָבער וואָס וועט איר טאָן צום סָוף דערפֿון?

ו

1 אַנטרינט, איר קינדער פֿון בנימין,
אַרויס פֿון ירושָלַיִם,
און אין תּקוֹעַ בלאָזט אַ שוֹפֿר,
און אין בעת-כֶּרֶם הייבט אויף אַ צייכן,
וואָרום אַן אומגליק קוקט אַרויס פֿון צפֿון,
און אַ בראָך אַ ברויסער.
2 די שיינע און פֿאַרצערטלטע,
די טאָכטער ציון טאָ איך פֿאַרשנײַדן.
3 צו איר קומען פֿאַרסטוכער מיט זייערע סטאַדעס,
זיי שטעלן אויף געצעלטן רונד אַרום איר,
זיי פּיטערן איטלעכער זיך צו דער האַנט.

4 "ברייט אָן אַ מלחמה אויף איר!
שטייט אויף, און לאָמיר אַרויפֿגיין אין מיטן טאָג!" –
"ווי אונדז! וואָרום דער טאָג קערט זיך אָפּ,
וואָרום עס שטרעקן זיך די שאָטנס פֿון אָוונט" –
5 "שטייט אויף, און לאָמיר אַרויפֿגיין בײַ נאַכט,
און לאָמיר צעשטערן אירע פּאַלאַצן!"

6 וואָרום אַזוי האָט געזאָגט גאָט פֿון צבָאוֹת:
שנײַדט אָן געהילץ,
און שיט אָן אַרום ירושָלַיִם אַן ערדוואַל;
דאָס איז די שטאָט וואָס איז אין גאַנצן
אָנגעלייגט מיט רויב אין איר.
7 ווי אַ ברונעם קוועלט אַרויס זײַנע וואַסער,
אַזוי קוועלט זי אַרויס איר בייז;
אומרעכט און רויב הערט זיך אין איר, פֿאַר מײַן פּנים איז תּמיד
קראַנקשאַפֿט און שלעג.
8 נעם אַ מוסר, ירושָלַיִם,
כּדי מײַן זעל זאָל זיך ניט אָפּעקלען פֿון דיר,
אַ לאַנד ניט באַוווינט.

9 אַזוי האָט געזאָגט גאָט פֿון צבָאוֹת:
אַרומקלײַבן ווי אַ ווײַנשטאָק וועט מען אַרומקלײַבן
דעם איבערבלײַב פֿון ישׂראל;
קער ווידער און ווידער דײַן האַנט,
ווי אַ האַרבסטער אויף די צווײַגלעך.

10 צו וועמען זאָל איך רעדן און וואָרענען.
אַז זיי זאָלן הערן?
זע, זייער אויער איז פֿאַרשטאָפּט,
און זיי קענען ניט פֿאַרנעמען;
זע, גאָטס וואָרט איז בײַ זיי צום געשפּעט,
זיי ווילן עס ניט.
11 דרום בין איך פֿול מיט דעם גרימצאָרן פֿון גאָט,
איך קען מער ניט אײַנהאַלטן:
גיס אים אויך אויף די קינדער אין גאַס,
און אויף דעם געזעמל פֿון יונגע לײַט מיטאַנאַנדער;

וואָרום אי מאַן אי ווײַב וועלן באַצוווּנגען ווערן,
דער זקן מיטן פֿולבאַטאָגטן.
12 און זייערע הײַזער וועלן איבערגיין צו אַנדערע,
פֿעלדער און ווײַבער מיטאַנאַנדער;
וואָרום איך וועל אויסשטרעקן מײַן האַנט
אויף די באַווינער פֿון לאַנד, זאָגט גאָט.
13 וואָרום פֿון זייער קלענסטן ביז זייער גרעסטן
איז איטלעכער גײציק גאָך געווין,
און פֿון נבֿיא ביזן כּהן
טוט איטלעכער פֿאַלשקייט.
14 און זיי היילן דעם בראָך פֿון מײַן פֿאָלק אויף גרינג,
אַזוי צו זאָגן: שלום! שלום! ווען קיין שלום איז ניטאָ.
15 זיי וועלן צו שאַנד ווערן,
ווײַל אומווערדיקייט האָבן זיי געטאָן;
צו מאָל שעמען שעמען זיי זיך ניט,
צו מאָל פֿון קיין בושה ווייסן זיי ניט;
דרום וועלן זיי פֿאַלן צווישן די געפֿאַלענע;
בעת איך רעכן זיך מיט זיי
וועלן זיי געשטרויכלט ווערן, זאָגט גאָט.

16 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
שטייט אויף די וועגן און זעט,
און פֿרעגט אויף די אַלטע שטעגן,
ווּ איז דער וועג צום גוטן,
און גייט אויף אים,
און געפֿינט אַן אָפּרו פֿאַר אײַער זעל.
אָבער זיי האָבן געזאָגט:
מיר וועלן ניט גיין.
17 און איך פֿעלג אויפֿשטעלן וועכטער איבער אײַך:
פֿאַרנעמט דעם קָול פֿון שופֿר!
אָבער זיי האָבן געזאָגט:
מיר וועלן ניט פֿאַרנעמען.
18 דרום הערט, איר פֿעלקער,
און זיי וויסן, דו אײַנזאַמלונג, וואָס אויף זיי קומט.
19 הער, דו ערד;
זע, איך ברענג אַן אומגליק אויף דעם דאָזיקן פֿאָלק,

די פּרוכט פֿון זייערע טראַכטונגען,
ווײַל זיי האָבן מײַנע ווערטער ניט פֿאַרנומען,
און מײַן תּוֹרה – זי האָבן זיי פֿאַראַכט.
20 צו וואָס מיר דען ווײַרויך וואָס קומט פֿון שבֿאָ,
און גוטער געווירצראָר פֿון אַ ווײַטן לאַנד?
אײַערע בראַנדאָפּפֿער זײַנען ניט צו באַוויליקונג,
און אײַערע שלאַכטאָפּפֿער זײַנען מיר ניט אָנגעלייגט.
21 דרום האָט גאָט אַזוי געזאָגט:
זע, איך לייג שטרויכלונגען פֿאַר דעם דאָזיקן פֿאָלק,
און שטרויכלען וועלן דורך זיי
פֿאָטערס און זין אין איינעם
דער שכן און זײַן חבֿר;
און זיי וועלן אונטערגיין.

22 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
זע, אַ פֿאָלק קומט פֿון צפֿון-לאַנד,
און אַ גרויסע אומה דערוועקט זיך פֿון די עקן ערד.
23 בויגן און שפּיז האַלטן זיי,
אַכזָרים זײַנען זיי, און האָבן קיין רחמנות ניט;
זייער קָול ברומט ווי דער אים,
און אויף פֿערד רײַטן זיי;
אויסגעשטעלט ווי איין מאַן צו מלחמה
אויף דיר, טאָכטער צִיוֹן.
24 מיר האָבן געהערט זײַן הערונג,
אונדזערע הענט זײַנען שלאַף געוואָרן,
אַן אַנגסט האָט אונדז באַנומען,
אַ ווײַטאָק ווי אַ געווינערין.
25 זאָלסט ניט אַרויס אין פֿעלד,
און אין וועג זאָלסטו ניט גיין,
וואָרום די שווערד פֿון דעם פֿײַנט
איז אַ שרעק רונד אַרום.
26 טאָכטער מײַן פֿאָלק, גורט אָן זאַק,
און קײַקל זיך אין אַש;
אַ טרויער ווי נאָך אַן איינאיניציקן מאַך דיר,
אַ ביטערע קלאָג,

וואָרום פּלוצים וועט קומען
דער פֿאַרוויסטער אויף אונדז.

27 אַ פּרוּווער האָב איך דיך געמאַכט,
אַ גאָלדטיגל צווישן מײַן פֿאָלק,
כּדי זאָלסט געוואָר ווערן
און פּרוּוון זייער וועג.
28 אָפּגעקעקערטע אָפּקערער זײַנען זיי אַלע,
רכילות-טרײַבער;
קופּער און אײַזן זײַנען זיי,
אַלע פֿאַרדאָרבן זײַנען זיי.
29 געסאָפּעט האָט דער בלאָזזאַק,
פֿאַרלענדט געוואָרן פֿון פֿײַער איז דאָס בלײַ –
אומזיסט האָט מען לײַטערן געלײַטערט,
וואָרום די שלעכטע זײַנען ניט אָפּגעשיידט געוואָרן.
30 פֿאַראַכטע זילבער רופֿט מען זיי,
וואָרום פֿאַראַכט האָט זיי גאָט.

## ז

1 דאָס וואָרט וואָס איז געווען צו יִרמְיָהון פֿון גאָט, אַזוי צו זאָגן:
2 שטעל זיך אין טויער פֿון גאָטס הויז, און זאָלסט אויסרופֿן
דאָרטן דאָס דאָזיקע וואָרט, און זאָגן: הערט דאָס וואָרט פֿון גאָט,
גאַנץ יהודה, וואָס קומט אין די דאָזיקע טויערן זיך צו בוקן צו גאָט.

3 אַזוי האָט געזאָגט יהוה פֿון צבָאוֹת
דער גאָט פֿון ישׂראל:
בעסערט אײַערע וועגן און אײַערע מעשׂים,
און איך וועל אײַך לאָזן רוען אין דעם דאָזיקן אָרט.
4 איר זאָלט אײַך ניט פֿאַרזיכערן אויף די ווערטער פֿון ליגן,
אַזוי צו זאָגן: דער טעמפּל פֿון גאָט,
דער טעמפּל פֿון גאָט, דער טעמפּל פֿון גאָט איז דאָס.
5 נײַערט, אויב בעסערן וועט איר בעסערן
אײַערע וועגן און אײַערע מעשׂים;
אויב טאָן וועט איר טאָן גערעכטיקייט
צווישן איטלעכן און זײַן חבר,

6 דעם פֿרעמדן, דעם יתום, און די אַלמנה וועט איר ניט דריקן,
און אומשולדיק בלוט וועט איר ניט פֿאַרגיסן
אין דעם דאָזיקן אָרט,
און נאָך פֿרעמדע געטער וועט איר ניט גיין,
צו אײַער אייגענער רעה,
7 וועל איך אײַך לאָזן רוען אין דעם דאָזיקן אָרט,
אין דעם לאַנד וואָס איך האָב געגעבן אײַערע עלטערן
פֿון אייביק און ביז אייביק.
8 זעט, איר פֿאַרזיכערט אײַך
אויף ווערטער פֿון ליגן אָן אַ נוץ.
9 ווילט איר גנבען, טייטן, און נואפֿן,
און שווערן פֿאַלש, און רײַכערן צו באַעל,
און גיין נאָך פֿרעמדע געטער, וואָס איר קענט ניט,
10 און קומען און זיך שטעלן פֿאַר מיר אין דעם דאָזיקן הויז,
וואָס מײַן נאָמען ווערט גערופֿן אויף אים,
און זאָגן: "מיר זײַנען געראַטעוועט!"
כּדי צו טאָן אַלע די דאָזיקע אומווערדיקייטן!
11 איז אַ הייל פֿון רויבער געוואָרן אין אײַערע אויגן
דאָס דאָזיקע הויז וואָס מײַן נאָמען ווערט גערופֿן אויף אים?
אָבער איך, זעט, האָב צוגעקוקט, זאָגט גאָט.
12 וואָרום גייט אַקאָרשט צו מײַן אָרט וואָס אין שילוֹ,
וואָס איך האָב געמאַכט רוען מײַן נאָמען דאָרטן צוערשט,
און זעט וואָס איך האָב געטאָן צו אים,
פֿון וועגן דער שלעכטיקייט פֿון מײַן פֿאָלק ישׂראל.
13 און אַצונד, ווײַל איר טוט אַלע די דאָזיקע מעשׂים,
זאָגט גאָט,
און איך האָב צו אײַך גערעדט,
נאָכאַנאַנד און נאָכאַנאַנד גערעצט,
און איר האָט ניט צוגעהערט,
און איך האָב אײַך גערופֿן,
און איר האָט ניט געענטפֿערט –
14 דרום וועל איך טאָן צו דעם הויז,
וואָס מײַן נאָמען ווערט גערופֿן אויף אים,
וואָס איר פֿאַרזיכערט אײַך אויף אים,
וואָס איר פֿאַרזיכערט אײַך אויף אים,
און צו דעם אָרט וואָס איך האָב געגעבן

אײַך און אײַערע עלטערן,
אַזוי ווי איך האָב געטאָן צו שילוֹ.
15 און איך וועל אײַך אַוועקוואַרפֿן פֿון פֿאַר מײַן פּנים,
אַזוי ווי איך האָב אַוועקגעוואָרוון אַלע אײַערע ברידער,
דעם גאַנצן זאָמען פֿון אפֿרים.

16 און דו, זאָלסט ניט מתפּלל זײַן פֿאַר דעם דאָזיקן פֿאָלק,
און ניט אויפֿהייבן אַ געשריי און אַ תּפֿילה פֿאַר זיי,
און זיך ניט שתּדלען בײַ מיר,
וואָרום איך הער דיך ניט צו.
17 זעסטו ניט וואָס איזי טוען
אין די שטעט פֿון יהודה און אין די גאַסן פֿון ירושָלַיִם?
18 די קינדער קלײַבן האָלץ,
און די פֿאָטערס צינדן אָן דאָס פֿײַער,
און די ווײַבער קנעטן טייג
צו מאַכן קוכנס צו דער מלכּה פֿון הימל,
און זיי גיסן גיסאָפּפֿער צו פֿרעמדע געטער,
כּדי מיך ווי צו טאָן.
19 טוען זיי דען מיר וויי, זאָגט גאָט,
צי ניט זיך אַליין, צו דער שנאַד פֿון זייער פּנים?
20 דרום האָט גאָט דער האַר אַזוי געזאָגט:
זע, מײַן כּעס און מײַן גרימצאָרן
גיסט זיך אויס אויף דעם דאָזיקן אָרט,
אויף מענטשן, און אויף בהמות,
און אויף דעם בוים פֿון פֿעלד,
און אויף דער פֿרוכט פֿון דער ערד,
און ער ועט ברענען און ניט פֿאַרלאָשן ווערן.

21 אַזוי האָט געזאָגט יהוה פֿון צבָאוֹת,
דער גאָט פֿון ישׂראל:
לייגט צו אײַערע בראַנדאָפּפֿער צו אײַערע שלאַכטאָפּפֿער,
און עסט זיך אָן מיט פֿלייש.
22 וואָרום איך האָב ניט גערעדט מיט אײַערע עלטערן,
און האָב זיי ניט באַפֿוילן,
אין דעם טאָג וואָס איך האָב זיי אַרויסגעצויגן פֿון לאַנד מִצרַיִם,
וועגן אַ בראַנדאָפּפֿער אָדער אַ שלאַכטאָפּפֿער.

23 נאָר בלויז דאָס דאָזיקע וואָרט האָב איך זיי באַפֿוילן,
אַזוי צו זאָגן: הערט צו מײַן קָול,
און איך וועל אײַך זײַן צום גאָט,
און איר וועט מיר זײַן צום פֿאָלק;
און איר זאָלט גיין אין אַלדעם וועג וואָס איך באַפֿעל אײַך,
כּדי אײַך זאָל גוט זײַן.
24 אָבער זיי האָבן ניט צוגעהערט,
און ניט צוגענייַגט זייער אויער,
און זיי זײַנען געגאַנגען אין די עצות,
אין דער אײַנגעשפּאַרטקייט פֿון זייער בייזן האַרצן,
און זײַנען געווען אַהינטער און ניט פֿאַרויס,
25 פֿון דעם טאָג וואָס אײַערע עלטערן זײַנען אַרויס פֿון לאַנד מִצרַיִם
ביז אויף הײַנטיקן טאָג;
און איך האָב געשיקט צו אײַך אַלע מײַנע קנעכט די נבֿיאים,
טאָגטעגלעך, נאָכאַנאַנד געשיקט,
26 אָבער זיי האָבן ניט צוגעהערט צו מיר,
און ניט צוגענייַגט זייער אויער,
און זיי האָבן האַרט געמאַכט זייער נאַקן;
זיי האָבן געטאָן ערגער פֿון זייערע עלטערן.
27 און וועסט רעדן צו זיי די אַלע ווערטער,
אָבער זיי וועלן ניט צוהערן צו דיר,
און וועסט רופֿן צו זיי,
אָבער זיי וועלן דיר ניט ענטפֿערן.
28 זאָלסטו זאָגן צו זיי:
דאָס איז דאָס פֿאָלק וואָס האָט ניט צוגעהערט
צו דעם קָול פֿון יהוה זײַן גאָט,
און ניט גענומען קיין מוסר;
אונטערגעגאַנגען איז דער אמת,
און פֿאַרשניטן פֿון זייער מויל.
29 שנײַד אָפּ דײַן קרוין האָר און וואַרף אַוועק,
און אויף די הויכע ערטער הייב אויף אַ קלאָג,
וואָרום פֿאַראַכט האָט גאָט און פֿאַרלאָזן
דעם דָור פֿון זײַן צאָרן.
30 וואָרום די קינדער פֿון יהודה האָבן געטאָן
וואָס איז שלעכט אין מײַנע אויגן, זאָגט גאָט;
זיי האָבן אַרײַנגעטאָן זייערע אומווערדיקייטן אין דעם הויז

וואָס מײַן נאָמען ווערט גערופֿן אויף אים,
עס צו פֿאַראומרייניקן.
31 און זיי האָבן געבויט די במות פֿון תּופֶת
וואָס אין טאָל פֿון בן-הִנוֹ,
צו פֿאַרברענען זייערע זין און זייערע טעכטער אין פֿײַער,
וואָס ניט איך האָב באַפֿוילן,
און ניט עס איז אויף מײַן זינען אַרויפֿגעקומען.
32 דרום זע, טעג קומען, זאָגט גאָט,
און עס וועט מער ניט געזאָגט ווערן "תּופֶת"
און "טאָל פֿון ב-הִנוֹם",
נײַערט "טאָל פֿון טייטונג",
און מע וועט באַגראָבן אין תּופֶת,
ווײַל מער קיין אָרט וועט ניט זײַן.
33 און די טויטע לײַבער פֿון דעם דאָזיקן פֿאָלק
וועלן זײַן צו שפּײַז פֿאַרן פֿויגל פֿון הימל,
און פֿאַר דער חיה פֿון דער ערד,
און קײַנער וועט זיי ניט אָפּשרעקן.
34 און איך וועל פֿאַרשטערן פֿון די שטעט פֿון יהודו,
און פֿון די גאַסן פֿון ירושָלַיִם,
דעם קוֹל פֿון לוסטיקייט און דעם קָול פֿון פֿרייד,
דעם קָול פֿון אַ כתן און דעם קָונל פֿון אַ כּלה,
וואָרום צו וויסטעניש וועט ווערן דאָס לאַנד.

ח 1 אין יענער צײַט, זאָגט גאָט,
וועט מען אַרויסציען די בײַנער פֿון די מלכים פֿון יהודה,
און די בײַנער פֿון זײַנע האַרן,
און די בײַנער פֿון די כֹּהנים,
און די בײַנער פֿון די נבֿיאים,
און די בײַנער פֿון די באַווינער פֿון ירושָלַיִם,
פֿון זייערע קברים;
2 און מע וועט זיי אויסשפּרייטן
פֿאַר דער זון, און פֿאַר דער לבנה,
און פֿאַר דעם גאַנצן חיל פֿון הימל,
אָס זיי האָבן זיי ליב געהאַט,

און וואָס זיי האָבן זיי געדינט,
און וואָס זיי זײַנען געגאַנגען נאָך זיי,
און וואָס זיי האָבן זיי געזוכט,
און וואָס זיי האָבן זיך געבויקט צו זיי;
ניט אײַנגעזאַמלט און ניט באַגראָבן וועלן זיי ווערן;
צו מיסט אויפֿן געזיכט פֿון דער ערד וועלן זיי זײַן.
3 און טויט וועט זײַן ליבער פֿון לעבן דעם גאַנצן איבערבלײַב
וואָס וועט בלײַבן פֿון דער דאָזיקער בייזער משפּחה,
די וואָס וועלן איבערבלײַבן אין אַלע ערטער
וואָס איך האָב זיי פֿאַרשטויסן אַהין,
זאָגט גאָט פֿון צבָאוֹת.

4 און זאָלסט זאָגן צו זיי: אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
פֿאַלט מען און מע שטייט ניט אויף?
צי קערט מען זיך אָפּ, און מע קערט ניט צוריק?
5 פֿאַר וואָס האָט זיך אָפּגעקערט דאָס דאָזיקע פֿאָלק, ירושָלַיִם,
אַן אייביקע אָפּקערונג?
זיי האַלטן זיך אָן באַטרוג,
זיי ווילן ניט צוריקקערן.
6 איך האָב געהאָרכט און זיך צוגעהערט,
ניט די ריכטיקייט רעדן זיי.
קײַנער האָט ניט חרטה אויף זײַן שלעכטיקייט,
צו זאָגן: וואָס האָב איך געטאָן!
איטלעכער קערט זיך אַוועק אין זײַן געלאַף,
ווי אַ פֿערד וואָס יאָגט אין מלחמה.
7 אַפֿילו דער שטאָרך אין הימל
ווייס זײַנע געשטעלטע צײַטן,
און די טורטלטויב און די שוואַלב און דער בושל
היטן די צײַט פֿול זייער קומען;
נאָר מײַן פֿאָלק ווייס ניט
דאָס געזעץ פֿון גאָט.
8 ווי קענט איר זאָגן: חכמים זײַנען מיר,
און די תּוֹרה פֿון גאָט איז בײַ אונדז?
פֿאַר וואָר, זע, אומנישט האָט געאַרבעט
די פֿאַלשע פּען פֿון די שרײַבער.
9 פֿאַרשעמט זײַנען די חכמים,

דערשראָקן און באַצוווּנגען;
זע, דאָס וואָרט פֿון גאָט האָבן זײ פֿאַראַכט,
און וואָסער חכמה איז בײַ זײ?

10 דרום וועל איך געבן זײערע װײַבער צו אַנדערע,
און זײערע פֿעלדער צו אָפּיַרשער;
וואָרום פֿון קלענסטן ביזן גרעסטן
איז איטלעכער גײציק נאָך געווין;
פֿון נבֿיא ביזן כּהן
טוט איטלעכער פֿאַלשקײט.
11 און זײ הײלן דעם בראָך פֿון דער טאָכטער מײַן פֿאָלק אויף גרינג,
סאַזוי צו זאָגן: שלום! שלום! ווען קײן שלום איז ניטאָ.
12 זײ װעלן צו שאַנד װערן,
װײַל אומווערדיקײט האָבן זײ געטאָן;
צו מאָל שעמע שעמען זײ זיך ניט,
און פֿון קין בושה ווייסן זײ ניט;
דרום װעלן זײ פֿאַלן צווישן די געפֿאַלענע;
אין דער צײַט פֿון זײער רעכנשאַפֿט
װעלן זײ געשטרויכלט װערן, זאָגט גאָט.

13 פֿאַרלענדן וועל איך זײ פֿאַרלענדן,
זאָגט גאָט;
קײן רויבן אויפֿן װײַנשטאָק,
און קײן פֿײַגן אויפֿן פֿײַגנבוים,
און דאָס בלאַט פֿאַרוועלקט!
און וואָס איך האָב זײ געגעבן, וועט אַוועק פֿון זײ.

14 נאָך וואָס זיצן מיר?
זאַמלט אײַך אײַן און לאָמיר אַרײַן אין די פֿעסטונגשטעט,
און דאָרטן פֿאַרשניטן װערן;
וואָרום יהוה אונדזער גאָט האָט אונדז פֿאַרשניטן,
און אונדז אָנגעטרונקען מיט געפֿטוואַסער,
װײַל מיר האָבן געזינדיקט צו גאָט.
15 געהאָפֿט אויף שלום,
און קײן גוטס איז ניטאָ;

אויף אַ צײַט פֿון היילונג,
ערשט אַ שרעקעניש.

16 פֿון דָן הערט זיך דאָס סאָפּען פֿון זײַנע פֿערד,
פֿון דעם קָול פֿון די הירזשעס פֿון זײַנע אָגערס
ציטערט דאָס גאַנצע לאַנד;
און זיי קומען און פֿאַרצערן
דאָס לאַנד און איר פֿולקייט,
די שטאָט און די ווינער אין איר.
17 וואָרום זעט, איך שיק אָן אויף אײַך שלענג פּיפּערנאָטערס,
וואָס פֿאַר זיי איז קיין שפּרוך ניטאָ,
און זיי וועלן אײַך בײַסן, זאָגט גאָט.

18 איך וויל מיך דערמונטערן אין קומער,
איז מײַן האַרץ אין מיר קראַנק.
19 זע, אַ קָול פֿון געשריי פֿון דער טאָכטער מײַן פֿאָלק,
פֿון אַ לאַנד אַ ווײַטן:
איז גאָט ניטאָ אין ציוֹן?
איז איר קיניג ניטאָ אין איר?
פֿאַר וואָס האָבן זיי מיך דערצערנט מיט זייערע געצן,
מיט נישטיקייטן פֿון דער פֿרעמד?
20 אַריבער דער שניט, געענדיק דער זומער,
און מיר זײַנען ניט געהאָלפֿן געוואָרן.
21 איבער דעם בראָך פֿון דער טאָכטער מײַן פֿאָלק
בין איך צעבראָכן,
פֿינצטער בין איך,
אַ שרעק האָט מיך אָנגענומען.
22 איז קיין באַלזאַם ניטאָ אין גִלעָד?
צי איז קיין רוֹפֿא ניטאָ דאָרט?
פֿאַר וואָס דען קומט ניט קיין היילונג
צו דער טאָכטער מײַן פֿאָלק?
ווער מאַכט מײַן קאָפּ וואַסער,
און מײַן אויג אַ קוואַל טרערן,
און מײַן אויג אַ קוואַל טרערן,
איך וואָלט באַוויינט טאָג און נאַכט
די דערשלאָגענע פֿון דער טאָכטער מײַן פֿאָלק!

ט

1 ווער גיט מיר אין מדבר
אַ האַרבעריק פֿאַר וואַנדערער,
איך וואָלט פֿאַרלאָזן מײַן פֿאָלק,
און אַוועקגיין פֿון זיי!
וואָרום אַלע זײַנען זיי נואפֿים,
אַ געזעמל פֿון פֿעלשער.
2 און זיי שפּאַנען זייער צונג – זייער בויגן פֿון ליגן,
און ניט פֿאַר אמת זײַנען זיי שטאַרק אין לאַנד;
וואָרום פֿון בייז צו בייז גייען זיי
און מיך קענען זיי ניט, זאָגט גאָט.
3 היט אײַך איטלעכער פֿון זײַן חבר,
און אויף קיין ברודער זאָלט איר אײַך ניט פֿאַרזיכערן,
וואָרום נאַרן נאַרט איטלעכער ברודער,
און איטלעכער חבר טרײַבט רכילות.
4 און איינער דעם אַנדערן גענאַרן זיי,
און אמת זאָגן זיי ניט;
זיי האָבן אײַנגעוווינט זייער צונג זאָגן ליגן,
זיי מאַטערן זיך צו פֿאַרברעכן.
5 דײַן זיצן אי צווישן באַטרוג;
פֿוהן ווען באַטרוג ווילן זיי מיך ניט קענען,
זאָגט גאָט.

6 דרום האָט גאָט פֿון צבֿאָות אַזוי געזאָגט:
זע, איך לײַטער זיי, און וועל זיי פּרוּוון,
וואָרום ווי דען זאָל איך טאָן
פֿון וועגן דער טאָכטער מײַן פֿאָלק?
7 אַ פֿאַרשפּיצטע פֿײַל איז זייער צונג,
זי רעצט באַטרוג;
מיטן מויל רעדט מען שלום מיטן חבר,
און אין זיך מאַכט מען אַ לויערונג אויף אים.
8 זאָל איך דערפֿאַר זיך ניט אָפּרעכענען מיט זיי,
זאָגט גאָט;
זאָל אָן אַ פֿאָלק ווי דאָס דאָזיקע
זיך ניט נוקם זײַן מײַן זעל?

9 וועגן די בערג וועל איך אויפֿהייבן אַ געוויין און יאָמער,
און וועגן די פּיטערפּלעצער פֿון מדבר אַ קלאָג,
וואָרום זיי זײַנען פֿאַרוויסט, אַז קיין מענטש גייט ניט דורך,
און זיי הערן ניט קיין קָול פֿון פֿי;
פֿון אַ פֿויגל פֿון הימל ביז אַ בהמה
זײַנען אַנטלאָפֿן, אַוועק.
10 און איך וועל מאַכן ירושָלַים פֿאַר הויפֿנס,
אַ וווינונג פֿון שאַקאַלן,
און די שטעט פֿון אינודה וועל איך מאַכן אַ וויסטעניש,
אָן אַ באַוווינער.

11 ווער איז דער קלוגער מאַן,
ער זאָל דאָס פֿאַרשטיין?
און דער וואָס גאָטס מויל האָט צו אים גערעדט,
ער זאָל דאָס זאָגן?
פֿאַר וואָס איז אונטערגעגאַנגען דאָס לאַנד,
פֿאַרוויסט ווי אַ מדבר, אָן אַ דורכגייער?
12 און גאָט האָט געזאָגט:
פֿאַר וואָס זיי האָבן פֿאַרלאָזן מײַן תּוֹרה,
וואָס איך האָב געלייגט פֿאַר זיי,
און זיי האָבן ניט צוגעהערט צו מײַן קָול,
און ניט געגאַנגען אין איר;
13 נײַערט געגאַנגען אין דער אײַנגעשפּאַרטקייט פֿון זייער האַרצן,
און נאָך די בעַל-געטער וואָס זייערע עלטערן האָבן זיי געלערנט.
14 דרום האָט אַזוי געזאָגט יהוה פֿון צבָאוֹת,
דער גאָט פֿון ישׂראל:
זע, איך מאַך זיי עסן, דאָס דאָזיקע פֿאָלק, ווערמוט,
און איך וועל זיי מאַכן טרינקען גיפֿטוואַסער.
15 און איך וועל זיי צעשפּרייטן צווישן די פֿעלקער,
וואָס ניט זיי און ניט זייערע עלטערן האָבן געקענט,
און איך וועל נאָכשיקן נאָך זיי די שווערד,
ביז איך טו זיי פֿאַרלענדן.

16 אַזוי האָט געזאָגט גאָט פֿון צבָאוֹת:
קוקט זיך אום, און רופֿט די קלאָגערינס, זיי זאָלן קומען,
און נאָך די קלוגע ווײַבער שִׁקט, זיי זאָלן קומען;

17 און זאָלן זיי אײַלן און אויפֿהייבן אויף אונדז אַ יאָמער,
אַז אונדזערע אויגן זאָלן צעגיין אין טרערן,
און אונדזערע ברעמען זאָלן פֿליסן מיט וואַסער.
18 וואָרום אַ יאָמער-קָול הערט זיך פֿון צִיוֹן:
ווי זײַנען מיר פֿאַרוויסט געוואָרן!
מיר זײַנען פֿאַרשעמט ביז גאָר,
ווײַל מיר האָבן פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד,
ווײַל אַרויסגעוואָרפֿן האָבן אונדז אונדזערע וווינונגען.
19 וואָרום הערט, איר ווײַבער, דאָס וואָרט פֿון גאָט,
און לערנט אײַערע טעכטער אַ יאָמער,
און איינע די אַנדערע אַ קלאָג.
20 וואָרום דער טויט איז אַרויפֿגעגאַנגען אין אונדזערע פֿענצטער,
געקומען אין אונדזערע פּאַלאַצן,
צו פֿאַרשנײַדן אַ קינד פֿון דער גאַס,
בכורים פֿון די מערק. –
21 רעד: אַזוי איז דער שפּרוך פֿון גאָט –
און די טויטע לײַבער פֿון מענטשן וועלן פֿאַלן
ווי מיסט אויף פֿרײַען פֿעלד,
און ווי אַ הײַפֿל הינטערן שניטער,
וואָס קײַנער קלײַבט ניט אויף.
22 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
זאָל זיך ניט רימען דער חכם מיט זײַן חכמה,
און זאָל זיך ניט רימען דער גיבור מיט זײַן גבורה;
זאָל זיך ניט רימען דער עוֹשר מיט זײַן עשירות;
23 נאָר דערמיט זאָל זיך רימען דער וואָס רימט זיך,
מיט פֿאַרשטיין און קענען מיך,
אַז איך יהוה טו חסד,
רעכט, און גערעכטיקייט, אויף דער ערד;
ווײַל די דאָזיקע באַגער איך,
זאָגט גאָט.

24 זע, טעג קומען, זאָגט גאָט,
און איך וועל זיך רעכענען
מיט אַלע באַשניטענע און אומבאַשניטענע:
25 מיט מִצרַיִם, און מיט יהודה, און מיט אֶדוֹן,
און מיט די קינדער פֿון עַמוֹן, און מיט מואבֿ,

אוהן מיט אַלע וואָס מיט אָפּגעהאַקטע האָרעקן,
וואָס ווינען אין מדבר;
וואָרום אַלע פֿעלקער זײַנען אומבאַשניטן,
און דאָס גאַנצע הויז פֿון ישׂראל זײַנען אומבאַשניטן אין האַרצן.

י 1 הערט דאָס וואָרט וואָס גאָט האָט אויף אײַך גערעדט,
איר הויז פֿון ישׂראל: 2 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
דעם וועג פֿון די פֿעלקער זאָלט איר זיך ניט אָפּלערנען,
און פֿאַר די צייכנס פֿון הימל זאָלט איר זיך ניט שרעקן,
ווײַל די פֿעלקער שרעקן זיך פֿאַר זיי.
3 וואָרום די מנהגים פֿון די אומות, דאָס איז נישטיקייט;
וואָרום עס איז אַ האָלץ וואָס מע האָט פֿון וואַלד אויסגעהאַקט,
דאָס ווערק פֿון אַ מײַנסטערס הענט מיט דער הובל.
4 מיט זילבער און מיט גאָלד באַשיינט מען עס,
מיט נעגל און מיט האַמערס באַפֿעסטיקט מען עס,
עס זאָל זיך ניט וואַקלען.
5 ווי אַ פֿאָלקן אין אַ פּלוצערפֿעלד זײַנען זיי,
און זיי קענען ניט רעדן;
טראָגן מוזן זיי געטראָגן ווערן,
ווײַל זיי קענען ניט שפּרייזן.
איר זאָלט ניט מורא האָבן פֿאַר זיי,
וואָרום זיי קענען ניט בייז טאָן,
און אויך גוטס טאָן איז ניטאָ אין זיי.

6 ניטאָ דײַן גלײַכן, יהוה,
גרויס ביסטו, און גרויס איז דײַן נאָמען אין גבורה.
7 ווער זאָל דיך ניט פֿאָרכטן,
קיניג פֿון די פֿעלקער?
פֿאַר וואָר, דיר קומט עס,
וואָרום צווישן אַלע קליגסטע פֿעלקער,
און אין אַל זייער מלוכה,
איז ניטאָ דײַן גלײַכן.
8 און אַלע אין איינעם זײַנען זיי פֿאַרגרעבט און נאַריש;
אַ נישטיקע לערנונג, אַ האָלץ איז דאָס.

9 זילבערבלעך פֿון תּרשיש געבראַכט,
און גאָלד פֿון אופָ־ז,
די אַרבעט פֿון אַ מײַנסטער,
און אַ שמעלצערס הענט;
בלאָ און פּורפּל איז זייער מלבוש,
די אַרבעט פֿון קינצלער זײַנען זיי אַלע.
10 אָבער יהוה איז דער אמתער גאָט,
ער איז דער לעבעדיקער גאָט, און דער אייביקער קיניג;
פֿון זײַן כּעס ציטערט די ערד,
און פֿעלקער קענען ניט אויסהאַלטן זײַן צאָרן.
11 אַזוי זאָלט איר זאָגן צו זיי:
די געטער וואָס האָבן די הימלען און די ערד ניט געמאַכט,
וועלן אונטערגיין פֿון דער ערד
און פֿון אונטער די דאָזיקע הימלען.
12 ער האָט געמאַכט די ערד מיט זײַן כּוח,
באַפֿעסטיקט די וועלט מיט זײַן חכמה,
און מיט זײַן פֿאַרשטאַנדיקייט די הימלען פֿאַרשפּרייט.
13 בײַם קָול פֿון זײַן דונערן
ווערט אַ פֿילקייט פֿון וואַסער אין הימל;
און ער ברענגט אויף וואָלקן
פֿון עק פֿון דער ערד;
ער מאַכט בליצן צום רעגן,
און ציט אַרויס פֿון זײַנע שפּײַכלערס דעם ווינט.
14 איטלעכער מענטש איז פֿאַרגרעבט, אָן פֿאַרשטאַנד,
איטלעכער שמעלצער ווערט צו שאַנד פֿון דעם געץ;
וואָרום פֿאַלש איז זײַן געגאָסענער אָפּגאָט,
און קיין אָטעם איז אין זיי ניטאָ.
15 נישטיק זײַנען זיי, אַ ווערק פֿון פֿאַרפֿירעניש;
אין דער צײַט פֿון זייער רעכנשאַפֿט וועלן זיי אונטערגיין.
16 ניט ווי די דאָזיקע איז דער חלק פֿון יעקבֿ;
וואָרום ער איז דער באַשעפֿער פֿון אַלץ,
און ישׂראל איז דער שבט פֿון זײַן אַרבֿ;
יהוה פֿון צבֿאות איז זײַן נאָמען.

17 קלײַב אויף פֿון דער ערד דײַן בינטל,
דו וואָס זיצסט אין באַלעגערונג.

18 וואָרום אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
זע, איך שלײַדער אַרויס דאָס מאָל די באַוווינער פֿון לאַנד,
און וועל זיי צודריקן, כּדי זיי זאָלן דערשפּירן.

19 וויי מיר אויף מײַן בראָך!
שווער אין מײַן ווונד!
און איך האָב געוועסט געזאָגט:
אַ קראַנקשאַפֿט נאָר איז דאָס,
און איך וועל זי אַריבערטראָגן.
20 מײַן געצעלט אין פֿאַרוויסט,
און אַלע מײַנע שטריק זײַנען צעריסן,
מינע קינדער זײַנען אַרויס פֿון איר און זײַנען ניאָט.
ניטאָ ווער זאָל אויסשפּרײַטן ווידער מײַן געצעלט,
און ווער זאָל אויפֿציען מײַנע פֿאָרהאַנגען.
21 וואָרום פֿאַרגרעבט זײַנען די פּאַסטוכער,
און גאָט האָבן זיי ניט געזוכט;
דרום האָב זיי ניט באַגליקט,
און זייער גאַנצע סטאַדע איז צעשפּרייט געוואָרן.
22 האָרך! אַ הערונג אָט קומט,
און אַ גרויסער רַעַש פֿון צפֿון-לאַנד,
צו מאַכן די שטעט פֿון יהודה אַ וויסטעניש,
אַ וווינונג פֿון שאַקאַלן.

23 איך ווייס, גאָט, אַז ניט בײַם מענטשן איז זײַן וועג,
ניט בײַם מענטשן איז גייענדיק צו לענקען זײַן טריט.
24 שטראָף מיך, גאָט, אָבער מיט גערעכטיקייט,
ניט אין דײַן צאָרן, כּדי זאָלסט מיך ניט פֿאַרמינערן.
25 גיס אויך דײַן גרימצאָרן אויף די פֿעלקער וואָס קענען דיך ניט,
און אויף די משפּחות וואָס רופֿן ניט דײַן נאָמען,
וואָרום פֿאַרצערט האָבן זיי יעקב,
יאָ, אים פֿאַרצערט און אים פֿאַרלענדט,
און זײַן וווינונג פֿאַרוויסט.

# יא

1 דאָס וואָרט וואָס איז געווען צו יִרמיָהון פֿון גאָט, אַזוי צו
זאָגן:
2 הערט די ווערטער פֿון דעם דאָזיקן בונד,
און איר זאָלט רעדן צו די מענער פֿון יהודה,
און צו די באַווינער פֿון ירושָלַיִם,
3 און זאָלסט זאָגן צו זיי:
אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פֿון ישׂראל:
פֿאַרשאָלטן דער מאַן וואָס וועט ניט צוהערן
די ווערטער פֿון דעם דאָזיקן בונד,
4 וואָס איך האָב באַפֿוילן אײַערע עלטערן
אין דעם טאָג וואָס איך האָב זיי אַרויסגעצויגן
פֿון לאַנד מִצרַיִם, פֿון דעם אײַזנשמעלצאויוון,
אַזוי צו זאָגן: הערט צו מײַן קָול;
און איר זאָלט זיי טאָן, אַזוי ווי אַלץ וואָס איך באַפֿעל אײַך:
און איר וועט מיר זײַן צום פֿאָלק,
און איך וועל אײַך זײַן צום גאָט;
5 כּדי מקיים צו זײַן די שבועה
וואָס איך האָב געשוואָרן אײַערע עלטערן,
זיי צו געבן אַ לאַנד וואָס פֿליסט מיט מילך און האָניק,
אַזוי ווי הײַנטיקן טאָג.
האָב איך געענטפֿערט און געזאָגט: אָמן, גאָט!

6 און גאָט האָט צו מיר געזאָגט: רוף אויס די אַלע ווערטער אין די
שטעט פֿון יהודה, און אין די גאַסן פֿון ירושָלַיִם, אַזוי צו זאָגן:

הערט די ווערטער פֿון דעם דאָזיקן בונד,
און איר זאָלט זיי טאָן.
7 וואָרום וואָרענען האָב איך געוואָרנט אײַערע עלטערן פֿון דעם טאָג
וואָס איך האָב אײַך אויפֿגעבראַכט פֿון לאַנד מִצרַיִם,
ביז אויף הײַנטיקן טאָג,
נאָכאַנאַנד און נאָכאַנאַנד געוואָרנט,
אַזוי צו זאָגן: הערט צו מײַן קָול.
8 אָבער זיי האָבן ניט צוגעהערט,
און ניט צוגענייגט זייער אויערן,
און זיי זײַנען געגאַנגען איטלעכער
אין דער אײַנגעשפּאַרטקייט פֿון זייער בייזן האַרצן,אָ

און איך האָב געבראַכט אויף זיי
אַלע ווערטער פֿון דעם דאָזיקן בונד,
וואָס איך האָב זיי באַפֿוילן צו טאָן,
און זיי האָבן ניט געטאָן.

9 און גאָט האָט צו מיר געזאָגט: אַ בונט געפֿינט זיך בײַ די מענער
פֿון יהודה, און בײַ די באַוווינער פֿון ירושָלַיִם. 10 זיי האָבן זיך
אומגעקערט צו די זינד פֿון זייערע אורעלטערן, וואָס האָבן ניט
געוואָלט צוהערן מײַנע ווערטער; און זיי זײַנען געגאַנגען נאָך
פֿרעמדע געטער זיי צו דינען; פֿאַרשטערט האָבן דאָס הויז פֿון
ישׂראל און דאָס הויז פֿון יהודה מײַן בונד וואָס איך האָב געשלאָסן
מיט זייערע עלטערן. 11 דרום האָט גאָט אַזוי געזאָגט:

זע, איך ברענג אויף זיי אַן אומגליק
וואָס זיי וועלן פֿון אים ניט קענען אַרויסגיין,
און זיי וועלן שרײַען צו מיר,
און איך וועל ניט צוהערן צו זיי.
12 און די שטעט פֿון יהודה
און די באַוווּנער פֿון ירושָלַיִם
וועלן גיין און וועלן שרײַען
צו די געטער וואָס זיי רייכערן צו זיי,
אָבער העלפֿן וועלן זיי זיי ניט העלפֿן,
אין דער צײַט פֿון זייער אומגליק.
13 וואָרום אַזוי ווי די צאָל פֿון דײַנע שטעט
זײַנען דײַנע געטער, יהודה,
און אַזוי ווי די צאָל פֿון די גאַסן פֿון ירושָלַיִם
האָט איר געמאַכט מזבחות צו שאַנדגעצן,
מזבחות פֿאַר רייכערן צו בעַל.
14 און דו, זאָלסט ניט מתפּלל זײַן פֿאַר דעם דאָזיקן פֿאָלק,
און ניט אויפֿהייבן אַ געשריי און אַ תּפֿילה פֿאַר זיי.
וואָרום איך הער ניט צו בעת זיי רופֿן צו מיר
פֿון וועגן זייער אומגליק.

15 וואָס טוט מײַן ליבפֿרײַנט אין מײַן הויז,
אַז זי באַגייט שענדלעכקייט מיט פֿיל?
און זאָל דורך הייליק פֿלייש דאָס אָפּגעטאָן ווערן פֿון דיר?

אַז בײַ דײַן שלעכטיקייט, דענצמאָל פֿרייסטו זיך.
16 אַ צווײַגהאַפֿטיקער אײלבערטבױם,
שיין מיט פֿרוכט פֿײַנע,
האָט גאָט גערופֿן דײַן נאָמען;
אָבער מיט גרויס ליאַרעמגעפּילדער
האָט ער אָנגעצונדן אַ פֿײַער דערויף,
און זײַנע צווײַגן װעלן צעשטערט װערן.
17 װאָרום גאָט פֿון צבָאות, װאָס האָט דיך געפֿלאַנצט,
האָט אָנגעזאָגט שלעכטס אויף דיר,
פֿונװ עגן דער שלעכטיקייט פֿון דעם הויז פֿון ישׂראל
און דעם הויז פֿון יהודה,
װאָס זיי האָבן בײַ זיך געטאָן,
מיך צו דערצערענען מיט רײַכערן צו בעַל.

18 און גאָט האָט מיך געלאָזט װיסן, און איך װייס;
דענצמאָל האָסטו מיר באַװיזן זייערע מעשׂים.
19 און איך בין געװען װי אַ שאָף אַ מילדע,
װאָס װערט צו דער שכֵטה געפֿירט;
און איך האָב ניט געװוּסט
אַז זיי טראַכטן אויף מיר טראַכטונגען:
„לאָמיר אומברענגען דעם בוים מיט זײַן פֿרוכט,י און אים
פֿאַרשנײַדן פֿון לאַנד פֿון די לעבעדיקע,
אַז זײַן נאָמען זאָל מער ניט געדאַכט װערן“.
20 און דו גאָט פֿון צבָאוֹת װאָס משפּטסט גערעכט,
װאָס פּרוּװסט די נירון און דאָס האַרץ,
לאָמיך זען דײַן נקמה אויף זיי,
װאָרום צו דיר האָב איך אַנטפּלעקט מײַן קריג.

21 דרום האָט גאָט אַזױ געזאָגט אויף די לײַט פֿון ענָתות
װאָס זוכן דײַן לעבן, אַזױ צו זאָגן:
זאָלסט ניט נבֿיאות זאָגן אין נאָמען פֿון גאָט,
כּדי זאָלסט ניט שטאַרבן פֿון אונדזער האַנט;
22 דרום האָט גאָט פֿון צבָאוֹת אַזױ געזאָגט:
זע, איך רעכן זיך אָפּ מיט זיי;
די יונגעלײַט װעלן שטאַרבן פֿון שװערד,
זייערע זין און זייערע טעכטער װעלן שטאַרבן פֿון הונגער.

23 און קיין איבערבלײַב פֿעט ניט זײַן פֿון זיי,
וואָרום איך ברענג אַן אומגליק אויף די לײַט פֿון עֲנָתוֹת,
דאָס יאָר פֿון זייער רעכנשאַפֿט.

יב 1 גערעכט וועסטו בלײַבן, גאָט,
ווען איך זאָל זיך קריגן מיט דיר;
אָבער גערעכטיקייט וויל איך רעדן צו דיר:
פֿאַר וואָס איז דער וועג פֿון רשעים מצליח?
פֿאַר וואָס לעבן רואיק אַלע פֿעלשער פֿאַלשע?
2 פֿלאַנצסט זיי, און זיי וואָרצלען זיך אײַן,
זיי גייען אויף און טראָגן פֿרוכצט;
נאָנט ביסטו אין זייער מויל,
און ווײַט פֿון זייערע נירן.
3 און דו, גאָט, קענסט מיך,
זעסט מיך, און האָסט געפּרוּווט מײַן האַרץ צו דיר;
שלעפּ זיי אַוועק ווי שאָף צו דער שכיטה,
און גיב זיי אָפּ צום טאָג פֿון טייטונג.

4 ביז וואַנען וועט טרויערן דאָס לאַנד,
און דאָס גראָז פֿון גאַנצן פֿעלד וועט זײַן פֿאַרטריקנט?
פֿון וועגן דער שלעכטיקייט פֿון די ווינער אין איר
זײַנען אומגעקומען בהמות און פֿויגלען;
ווײַל זיי האָבן געזאָגט:
ער זעט ניט אונדזער סָוף.

5 אויב מיט פֿוסגייער ביסטו געלאָפֿן,
און זיי האָבן דיך מיד געמאַכט,
הינט ווי ווילסטו זיך מיט פֿערד פֿאַרמעסטן?
און ביסטו זיכער אין לאַנד פֿון פֿריד,
ווי וועסטו אָבער טאָן אין דעם געוועלד פֿון יַרדן?
6 וואָרום אַפֿילו דײַנע ברידער אין דײַן פֿאָטערס הויז,
אַפֿילו זיי האָבן געפֿעלשט אָן דיר,
אַפֿילו זיי האָבן דיר נאָפֿגעשריען מיט אַ פֿולער קעל;
ניט גלויב זיי ווען זיי רעדן גוט צו דיר.

7 איך האָב פֿאַרלאָזן מײַן הויז,
איך האָב אַוועקגעוואָרפֿן מײַן אַרב;
איך האָב איבערגעגעבן די פֿעליבטע פֿון מײַן זעל
אין דער האַנט פֿון אירע פֿײַנט.
8 מײַן אַרב איז מיר געוואָרן ווי אַ לייב אין וואַלד,
זי האָט אויפֿגעהויבן איר קָול אויף מיר,
דרום האָב איך זי פֿײַנט געקראָגן.
9 איז אַ קלויאיקער רויבפֿויגל מײַן אַרב מיר?
די רויבפֿויגלען זײַנען רונד אַרום איר;
גייט זאַמלט אַלע קחיות פֿון פֿעלד,
ברענגט זיי אַהער צו עסן.

10 פֿיל פֿאַסטוכער האָבן פֿאַרדאָרבן מײַן ווײַנגאָרטן,
צעטרעטן מײַן פֿעלד;
זיי האָבן געמאַכט מײַן פֿלוסטיק פֿעלד
פֿאַר אַ מדבר אַ פֿיסטן.
11 מע האָט עס געמאַכט פֿאַר אַ וויסטעניש,
עס טרויערט צו מיר וויסטערהייט;
פֿאַרוויסט איז דאָס גאַנצע לאַנד,
וואָרום קיין מענטש נעמט ניט צום האַרצן.
12 אויף אַלע הויכע ערטער אין מדבר
זײַנען פֿאַרוויסטער געקומען,
וואָרום גאָטס שווערד פֿאַרצערט פֿון עק לאַנד ביז עק לאַנד,
ניטאָ קיין פֿריד פֿאַר קיין לײַב.
13 זיי האָבן געזייט ווייץ, און דערנער געשניטן,
זיך געפּלאָגט – קיין נוץ ניט געבראַכט;
דרום שעמט אײַך מיט אײַערע תּבֿואות,
פֿון וועגן דעם גרימצאָרן פֿון גאָט.

14 אַזוי האָט גאָט געזאָגט – אויף אַלע מײַנע בייזע שכנים, וואָס
רירן אָן די אַרב וואָס איך האָב געמאַכט אַרבן מײַן פֿאָלק ישׂראל:

זע, איך רײַס זיי אויס פֿון זייער ערד,
און דאָס הויז פֿון יהודה וועל איך אויסרײַסן פֿון צווישן זיי.

15 און עס וועט זײַן,
נאָכדעם ווי איך רײַס זיי אויס
וועל איך זיי ווידער דערבאַרימען,
און וועל זיי אומקערן איטלעכן צו זײַן נחלה,
און איטלעכן צו זײַן לאַנד.
16 און עס וועט זײַן,
אויב לערנען וועלן זיי לערנען
די וועגן פֿון מײַן פֿאָלק,
צו שווערן בײַ מײַן נאָמען: "אַזוי ווי יהוה לעבט!"
אַזוי ווי זיי האָבן געלערנט מײַן פֿאָלק.
17 אויב אָבער זיי וועלן ניט צוהערן,
וועל איך אויסרײַסן יענע אומה,
אויסרײַסן און אונטערברענגען, זאָגט וואָט.

# יג

1 אַזוי האָט גאָט צו מיר געזאָגט: גיי און זאָלסט דיר קויפֿן אַ
פֿלאַקסענעם גאַרטל, און אים אָנטאָן אויף דײַנע לענדן, און
אין וואַסער זאָלסטו אים ניט לאָזן קומען. 2 האָב איך געקויפֿט דעם
גאַרטל אַזוי ווי דאָס וואָרט פֿון גאָט, און אָנגעטאָן אויף מײַנע לענדן.
3 און דאָס וואָרט פֿון גאָט איז געווען צו מיר אַ צווייט מאָל, אַזוי צו
זאָגן: 4 נעם דעם גאַרטל וואָס דו האָסט געקויפֿט, וואָס אויף דײַנע
לענדן, און שטיי אויף, גיי דיר קיין פּרָת, און באַהאַלט אים דאָרטן
אין אַ שפּאַלט פֿון פֿעלז. 5 בין איך געגאַנגען און האָב אים באַהאַלטן
אין פּרָת אַזוי ווי גאָט האָט מיר באַפֿוילן. 6 און עס איז געווען צום
סוף פֿון פֿיל טעג, האָט גאָט צו מיר געזאָגט: שטיי אויף, גיי קיין
פּרָת, און נעם אַרויס פֿון דאָרטן דעם גאַרטל, וואָס איך האָב דיר
באַפֿוילן אים דאָרטן צו באַהאַלטן. 7 בין איך געגאַנגען קיין פּרָת, און
האָב אויפֿגעגראָבן, און אַרויסגענומען דעם גאַרטל פֿון דעם אָרט
וואָס איך האָב אים דאָרטן באַהאַלטן; ערשט דער גאַרטל איז געווען
פֿאַרדאָרבן, ער האָט ניט געטויגט צו קיין זאַך. 8 איז דאָס וואָרט פֿון
גאָט געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן:

9 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
אַזוי וועל איך פֿאַרדאַרבן דעם שטאָלץ פֿון יהודה,
אַזוי וועל איך פֿאַרדאַרבן דעם שטאָלץ פֿון יהדוה,

און דעם שטאָלץ פֿון ירושָלַיִם, דעם גרויסן.
10 דאָס דאָזיקע בייזע פֿאָלק
וואָס ווילן ניט הערן מײַנע ווערטער,
וואָס גייען אין דער אײַנגעשפּאַרטקייט פֿון זייער האַרצן,
און זײַנען געגאַנגען נאָך פֿרעמדע געטער
זיי צו דינען, און זיך צו בוקן צו זיי,
וועלן ווערן ווי דער דאָזיקער גאַרטל
וואָס טויג ניט צו קיין זאַך.
11 וואָרום אַזוי ווי דער גאַרטל איז גאַהעפּט
צו די לענדן פֿון אַ מאַן,
אַזוי האָב איך באַהעפּט צו מיר דאָך גאַנצע הויז פֿון ישׂראל,
און דאָס גאַנצע הויז פֿון יהודה, זאָגט וואָט,
מיר צו זײַן פֿאַר אַ פֿאָלק,
און פֿאַר אַ נאָמען, און פֿאַר אַ לויב, און פֿאַר אַ שיינקייט;
אָבער זיי האָבן ניט צוגעהערט.
12 און זאָלסט זאָגן צו זיי דאָס דאָזיקע וואָרט:
אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פֿון ישׂראל:
יעטוועדער קרוג ווערט אָנגעפּילט מיט ווײַן.
און אַז זיי וועלן זאָגן צו דיר:
ווייסן מיר דען ניט ווויל,
אַז יעטוועדער קרוג ווערט אָנגעפּילט מיט ווײַן?
13 זאָלסטו זאָגן צו זיי: אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
זע, איך פֿיל אָן אַלע באַוווינער פֿון דעם דאָזיקן לאַנד,
און די מלכים וואָס זיצן פֿון דודן אויף זײַן טראָן,
און די כֹּהנים, און די נבֿיאים,
און אַלע באַוווינער פֿון ירושָלַיִם, מיט שיכּרות.
14 און איך וועל זיי צעהאַקן איינעם אָן אַנדערן,
אי די פֿאָטערס אי די זין אין איינעם, זאָגט גאָט;
איך וועל ניט שוינען, און ניט דערבאַרימען,
און ניט רכמנות האָבן, זיי ניט אומצוברענגען.

15 הערט און לייגט צו דאָס אויער,
איר זאָלט אײַך ניט דערהייבן,
וואָרום גאָט האָט גערעדט;
16 גיט כּבוד צו יהוה אײַער גאָט,
איידער עס וועט פֿינצטער ווערן,

און איידער אײַערע פֿיס װעלן זיך אָפּשלאָגן
אויף די נאַכטיקע בערג,
און איר װעט האָפֿן אויף ליכט,
און ער װעט עס מאַכן צו טויטשאָטן,
און פֿאַרקערן אין כּשכניש.
17 און אַז איר װעט דאָס ניט צוהערן,
װעט װײַנען אין פֿאַרבאָרגעניש מײַן זעל
פֿון װעגן דער האָפֿערדיקייט,
און טרערן װעט טרערן,
און צעגיין װעט אין טרערן, מײַן אויג,
װאָס די סטאַדע פֿון גאָט װערט געפֿאַנגען.

18 זאָג צו דעם מלך און צו דער מוטער-מלכּה:
זזצט אײַך אַראָפּ נידעריק,
װאָרום גינדערט האָט אײַער קאָפּצירונג,
אײַער פּראַכטיקע קרוין.
19 די שטעט פֿון דָרום זײַנען פֿאַרשלאָסן,
און ניאָט װער זאָל עפֿענען;
גאַנץ יהודה איז פֿאַרטריבן געװאָרן,
פֿאַרטריבן געװאָרן אין גאַנצן.

20 הייבט אויף אײַערע אויגן, און זעט
די װאָס קומען פֿון צפֿון;
װוּ איז די סטאַדע װאָס איז דיר געגעבן געװאָרן?
די שיינע שאָף דײַנע?
21 װאָס װעסטו זאָגן װען ער װעט אָנזעצן אויף דיר,
די װאָס דו האָסט זיי אײַנגעװוינט פֿאַר פֿירשטן איבער דיר?
פֿאַר װאָר, װייען װעלן דיך אָננעמען,
װי אַ פֿרוי צו קינד.
22 און אויב דו װעסט זאָגן אין דײַן האַרצן:
פֿאַר װאָס האָט דאָס מיר געטראָפֿן?
פֿאַר דײַן גרויס זינד זײַנען אויפֿגעדעקט געװאָרן דײַנע ברעגן,
אַנטבלויזט געװאָרן דײַנע טריט.
23 קען אַ כּושי בײַטן זײַן הויט,
און אַ לעמפּערט זײַנע פֿלעקן?
אַזוי קענט איר גוטס טאָן,

איר צוגעווינטע בײז צו טאָן.
24 דרום װעל איך זײ צעשפּרײטן װי שפּרײ װאָס פֿאַרגײט
פֿאַרן װינט פֿון מדבר.
25 דאָס איז דײַן גוֹרל,
דײַן צוגעמאָסטענער טײל פֿון מיר, זאָגט גאָט,
װײַל דו האָסט פֿאַרגעסן אָן מיר,
און זיך פֿאַרזיכערט אויף ליגן.
26 דרום דעק איך אויך אויף דײַנע ברעגן איבער דײַן פּנים,
אתּון געזען װערן װעט דײַן שאַנד.
27 דײַן ניאוף און דײַנע הירזשעס,
די שענדלעכקײט פֿון דײַן זנות –
אויף די הײכן אין פֿעלד
האָב איך געזען דײַנע אומװערדיקײטן.
װײ דיר, ירושָלַיִם, װיסט ניט רײן װערן!
ביז איבער װאַנען נאָך?

# יד

1 װאָס דאָס װאָרט פֿון גאָט איז געװען צו יִרמְיָהון װעגן די טריקעניש.
2 עס טרויערט יהודה,
און אירע טויערן זײַנען פֿאַרשמאַכט,
און אירע טויערן זײַנען פֿאַרשמאַכט,
זײ זײַנען פֿינצטער צו דער ערד;
און דאָס געשרײ פֿון ירושָלַיִם גײט אויף.
3 און זײער פּנֵי שיקן זײערע יונגען נאָך װאַסער;
זײ קומען צו די גריבער, געפֿינען זײ ניט קײן װאַסער,
זײער כּלים קערן זיך אום לײדיק;
זײ זײַנען אין בּיאָש און פֿאַרשעמט,
און פֿאַרדעקן זײערע קעפּ.
4 פֿון װעגן דער ערד װאָס איז צעפּלאַצט,
װײַל קײן רעגן איז ניטאָ אין לאַנד,
זײַנען די אַקערלײַט אין בּיאָש,
זײ פֿאַרדעקן זײערע קעפּ.
5 װאָרום אַפֿילו אַ הינדין אין װעלד געבערט און פֿאַרלאָזט,
װײַל קײן גראָז איז ניטאָ.

6 און דיווילדע אייזלען שטייען אויף די הויכע ערטער,
זיי שלינגען דעם ווינט ווי שאַקאַלן;
זייערע אויגן גייען אויס,
ווײַל קיין קרײַטעכץ איז ניטאָ.
7 אויב אונדזערע זינד זאָגן עדות קעגן אונדז,
גאָט, טו פֿון דײַן נאָמען וועגן;
וואָרום פֿיל זײַנען אונדזערע אָפּקערונגען,
מיר האָבן געזינדיקט צו דיר.
8 דו האָפֿענונג פֿון ישׂראל,
זײַן העלפֿער אין צײַט פֿון נויט,
פֿאַר וואָס זאָלסטו זײַן ווי אַ פֿרעמדער אין לאַנד,
און ווי אַ וואַנדערער וואָס פֿאַרקערט צו נעכטיקן?
9 פֿאַר וואָס זאָלסטו זײַן ווי אַ צעטומלטער מענטש,
ווי אַ גיבור וואָס קען ניט העלפֿן?
דו ביסט דאָך צווישן אונדז, גאָט,
און דײַן נאָמען ווערט גערופֿן אויף אונדז;
ניט טו אונדז פֿאַרלאָזן.

10 אַזוי האָט גאָט געזאָגט צו דעם דאָזיקן פֿאָלק:
אַזוי האָבן זיי ליב אומצוּוואַנדערן,
זיי האַלטן ניט אָפּ זייערע פֿיס;
אַצונד וועט ער געדענקען זייער פֿאַרברעך,
און דערמאָנען זייערע זינד.

11 און גאָט נאָט צו מיר געזאָגט:
זאָלסט ניט מתפּלל זײַן פֿאַר דעם דאָזיקן פֿאָלק צום גוטן.
12 אַז זיי פֿאַסטן, הער איך ניט צו זייער געשריי,
און אַז זיי בפֿענגען אויף בראַנדאָפּפֿער און שפּײַזאָפּפֿער,
באַוויליק איך זיי ניט-
נײַערט מיט שווערד אונמיט הונגער און מיט פּעסט
טו איך זיי פֿאַרלענדן.

13 האָב איך געזאָגט: וויי, גאָט דו האַר, זע, די נבֿיאים זאָגן צו זיי:
איר וועט ניט אָנזען קיין שווערד, און קיין הונגער וועט בײַ אײַך
ניט זײַן, וואָרום אַ זיכערן שלום וועל איך אײַך געבן אין דעם דאָזיקן
אָרט.

14 האָט גאָט צו מיר געזאָגט:
ליגן זאָגן נבֿיאות דו נבֿיאים אין מײַן נאָמען;
ניט איך האָב זיי געשיקט,
און ניט איך האָב זיי באַפֿוילן,
און איט איך האָב צו זיי גערעדט;
זעאונג פֿון ליגן, און וואָרזאָגעכץ און נישטיקייט,
און באַטרוג פֿון זייער האַרצן, זאָגן זיי אײַך נבֿיאות.
15 דרום האָט גאָט אַזוי געזאָגט –
אויף די נבֿיאים וואָס זאָגן נבֿיאות אין מײַן נאָמען,
ווען איך האָב זיי ניט געשיקט,
און זיי זאָגן: קיין שווערד און קיין הונגער
וועט ניט זײַן אין דעם דאָזיקן לאַנד –
פֿון שווערד און פֿון הונגער
וועלן פֿאַרלענדט ווערן יענע נבֿיאים.
16 און דאָס פֿאָלק וואָס זיי זאָגן נבֿיאות צו זיי,
וועלן ליגן אַוועקגעוואָרפֿן אין די גאַסן פֿון ירושָלַיִם
פֿון וועגן דעם הונגער און דער שווערד,
און זיי וועלן קיין באַגרעבער ניט האָבן;
זיי, זייערע ווײַבער, און זייערע זין, און זייערע טעכטער;
און איך וועל אויסגיסן אויף זיי זייער שלעכטיקייט.

17 און זאָלסט זאָגן צו זיי דאָס דאָזיקע וואָרט:
צעגיין זאָלן מײַנע אויגן אין טרערן
טאָג און נאַכט, און ניט אויפֿהערן,
וואָרום אַ גרויס בראָך איז צעבראָכן געוואָרן
די יונגפֿוי טאָכטער מײַן פֿאָלק;
אַ שווערן שלאַק ביז גאָר.
18 אַז איך גיי אַרויס אין וועלד,
ערשט, דערשלאָגענע פֿון שווערד;
און אַז איך קום אַרײַן אין שטאָט,
ערשט, יסורים פֿון הונגער.
וואָרום אי דער נבֿיא אי דער כֹּהן
דרייען זיך איבערן לאַנד, און ווייסן גאָרנישט.

19 האָסטו פֿאַראַכטן פֿאַראַכט יהודה?
צי האָט זיך פֿון ציון פֿאַרעקלט דײַן זעל?

פֿאַר וואָס האָסטו אונדז געשלאָגן,
אַז פֿאַר אונדז איז קיין היילונג ניטאָ?
געהאָפֿט אויף שלום,
און קיין גוטס איז ניטאָ;
און אויף אַ צײַט פֿון היילונג,
ערשט אַ שרעקעניש!
20 מיר ווייסן, גאָט, אונדזער שלעכטיקייט,
די זינד פֿון אונדזערע עלטערן;
וואָרום מיר האָבן געזינדיקט צו דיר.
21 ניט פֿאַראַכט אונדז פֿון דײַן נאָמען וועגן,
ניט שענד דעם טראָן פֿון דײַן כּבוד;
דערמאָן זיך, זאָלסט ניט פֿאַרשטערן דײַן בונד מיט אונדז.
22 זײַנען דאָ צווישן די נישטיקע געצן פֿון די פֿעלקער רעגן-געבער?
אָדער גיבן די הימלען אַליין שפּריירעגן?
פֿאַר וואָר, דו ביסט יהוה אונדזער גאָט,
און מיר האָפֿן צו דיר,
וואָרום דו מאַכסט דאָס אַלץ.

# טו

1 און גאָט האָט צו מיר געזאָגט:
ווען אויפֿשטיין זאָל משה און שמואל פֿאַר מיר,
איז מײַן זעל ניט מיט דעם דאָזיקן פֿאָלק;
שיק זיי אַוועק פֿון מײַן פּנים, און זאָלן זיי אַוועקגיין.
2 און עס וועט זײַן, אַז זיי וועלן זאָגן צו דיר:
וווּהין זאָלן מיר אַוועקגיין?
זאָלסטו זאָגן צו זיי:
אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
ווער צום טויט, צום טויט,
און ווער צום שווערד, צום שווערד,
און ווער צום הונגער, צום הונגער,
און ווער צו געפֿאַנגענשאַפֿט, צו געפֿאַנגענשאַפֿט.
3 און איך וועל אָנזעצן אויף זיי פֿיר משפּחות,
זאָגט גאָט:
די שווערד צו הרגען, און די הינט צו שלעפּן,
און דעם פֿויגל פֿון הימל, און די חיה פֿון דער ערד,

צו עסן און אומצוברענגען.
4 און איך וועל זיי מאַכן צו שוידער
ביַי אַלע קיניגרײַכן פֿון דער ערד,
פֿון וועגן מנשה דעם זון פֿון איכזקיָהון,
אי דעם מלך פֿון יהודה,
פֿאַר וואָס ער האָט געטאָן אין ירושָלַיִם.

5 וואָרום ווער וועט דיך דערברימען, ירושָלַיִם?
און ווער וועט דיך באַדויערן?
און ווער וועט זיך אָפּקערן
דיך צו פֿרעגן אויף פֿריד?
6 דו האָסט מיך אַוועקגעוואָרפֿן, זאָגט גאָט,
אַהינטער טוסטו גיין,
דרום שטרעק איך אויס מײַן האַנט אויף דיר און צעשטער דיך;
איך בין מיד געוואָרן זיך צו דערבאַרימען.
7 און איך ווינטשופֿל זיי מיט אַ ווינטשופֿל
אין די טויערן פֿון לאַנד;
איך לאָז אָן קינדער, איך ברענג אונטער מײַן פֿאָלק,
ווײַל זיי קערן זיך ניט אום פֿון זייערע וועגן.
8 זייערע אַלמנות ווערן דורך מיר מער ווי זאַמד פֿון די ימען;
איך ברענג אויף זיי – אויף דער מוטער – אַן אויסדערווײלטן,
אַ פֿאַרוויסטער אין מיטן טאָג.
איך וואַרף אָן אויף איר פּאָוצים
אַנגסט און שרעקענישן.
9 פֿאַרוועלקט ווערט די געווינערין פֿון זיבן,
זי הויכט אויס איר נשמה;
איר זון גייט אונטער ווען נאָך טאָג,
זי ווערט צו שאַנד און פֿאַרשעמט.
און זייער איבערבליב וועל איך איבערגעבן
צום שווערד פֿאַר זייערע פֿײַנט, זאָגט גאָט.

10 ווי מיר, מוטער מײַנע,
וואָס דו האָסט מיך געבאָרן
אַ מענטש פֿון קריג,
און אַ מענטש פֿון שטרייט קעגן גאַנצן לאַנד;

ניט איך מאָן, און ניט מע מאָנט ביַי מיר,
פֿון דעסטוועגן שילטן זיי מיך אַלע.

11 האָט גאָט געזאָגט:
פֿאַר וואָר, איך וועל דיך דערלייזן צום גוטן;
פֿאַר וואָר, איך וועל מאַכן דעם פֿײַנט זיך בעטן ביַי דיר
אין ציַיט פֿון אומגליק און אין ציַיט פֿון נויט.
12 קען מען איַיזן צעברעכן –
איַיזן פֿון צפֿון, און קופּער?

13 דיַין פֿאַרמעג און דיַינע אוֹצרות
וועל איך געבן צו רויב אָן געצאָלט;
יאָ, פֿאַר אַלע דיַינע זינד
אַזש אין אַלע דיַינע געמאַרקן.
14 און איך וועל דיך אַריבערפֿירן ביַי דיַינע פֿײַנט,
אין אַ לאַנד וואָס דו קענסט ניט;
וואָרום אַ פֿיַיער איז אָנגעצונדן אין מיַין נאָז,
אויף איַיך וועט עס ברענען.

15 דו, גאָט ווייסט דאָך,
געדענק מיך, און דערמאָן זיך אָן מיר,
און זיי זיך נוֹקם אָן מיַינע נאָכיאָגער;
פֿון וועגן דיַין לאַנגעמיט ניט נעם מיך אַוועק;
מערק מיַין ליַידן פֿון דיַינעטוועגן שאַנד.
16 ווי דיַינע ווערטער זיַינען געפֿונען געוואָרן,
אַזוי האָב איך זיי איַינגעשלונגען,
און דיַין וואָרט איז מיר געווען פֿאַר אַ פֿרייד,
און פֿאַר אַ שׂמחה פֿון מיַין האַרצן,
וויַיל דיַין נאָמענם איז אויף מיר גערופֿן געוואָרן,
יהוה דו גאָט פֿון צבֿאָומת.
17 איך בין ניט געזעסן אין געזעמל פֿון פֿריילעכע
און זיך לוסטיק געמאַכט;
פֿון וועגן דיַין האַנט בין איך געזעסן אַליין,
וואָרום מיט צאָרן האָסטו מיך אָנגעפֿילט.
18 פֿאַר וואָס איז אייביק מיַין וויַיטאָק,
און מיַין וו אונד איז מסוכּן, זי וויל זיך ניט היילן?

ווילסטו מיר זײַן ווי אַ טײַך אַ פֿאַלשעתּר,
ווי וואַסערן אומגעטרײַע?

19 דרום האָט גאָט אַזוי געזאָגט:
אַז דו וועסט זיך אומקערן, און איך וועל דיך אומקערן,
וועסטו שטיין פֿאַר מיר;
און אַז דו וועסט אַרויסציען טײַערס פֿון געמײַנעם,
וועסטו אַזוי ווי מײַן מויל זײַן;
זיי וועלן זיך אומקערן צו דיר,
און דו וועסט זיך גניט אומקערן צו זיי.
20 און איך וועל דיך מאַכן אַקעגן דעם דאָזיקן פֿאָלק
פֿאַר אַ באַפֿעסטיקטער מויער פֿון קופּער,
און זיי וועלן מלחמה האַלטן קעגן דיר,
און וועלן דיך ניט בײַקומען;
וואָרום איך בין מיט דיר, דיך צו העלפֿן,
און דיך מציל צו זײַן, זאָגט גאָט.
21 און איך וועל דיך מציל זײַן פֿון דער האַנט פֿון די שלעכטע,
און וועל דיך אויסלײַזן פֿון דעם פֿויסט פֿון די מאַכטיקע.

# טז

1 און דאָס וואָרט פֿון גאָט איז געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן:
2 זאָלסט דיר ניט נעמען קיין ווײַב,
און ניט האָבן קיין זין און קיין טעכטער אין דעם דאָזיקן אָרט.
3 וואָרום אַזוי האָט גאָט געזאָגט
אויף די זין און אויף די טעכטער
וואָס ווערן געבאָרן אין דעם דאָזיקן אָרט,
און אויף זייערע מוטערס אָס האָבן זיי געהאַט,
און אויף זייערע פֿאָטערס וואָס האָבן זיי געבאָרן
אין דעם דאָזיקן לאַנד:
4 טויטן פֿון יסורים וועלן זיי שטאַרבן;
ניט באַקלאָגט און ניט באַגראָבן וועלן זיי ווערן,
צו מיסט אויפֿן געזיכט פֿון דער ערד וועלן זיי זײַן;
און פֿון שווערד און פֿון הונגער וועלן זיי פֿאַרלענדט ווערן;
און זייערע טויטע לײַבער וועלן זײַן צו שפּײַז
פֿאַרן פֿויגל פֿון הימל,י און פֿאַר דער חיה פֿון דער ערד.

5 וואָרום אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
זאָלסט ניט קומען אין הויז פֿון יאָמער,
און זאָלסט ניט גיין באַקלאָגן,
און זאָלסט זיי ניט באַדויערן,
וואָרום איך האָב אַוועקגענומען מײַן שלום
פֿון דעם דאָזיקן פֿאָלק, זאָגט גאָט,
די גענאָד, און די דערבאַרימונג.
6 און גרויס און קליין וועלן שטאַרבן
אין דעם דאָזיקן לאַנד;
ניט זיי וועלן באַגראָבן ווערן,
און ניט מע וועט קלאָגן נאָך זיי,
און ניט מע וועט זיך אײַנשנײַדן,
און ניט מע וועט זיך אַ פּליך מאַכן נאָך זיי;
7 און ניט מע וועט ברעכן ברויט פֿאַר זיי אין אַבֵלות,
זיי צו טרייסטן נאָך אַ טויטן,
און ניט מע וועט זיי געבן טרינקען אַ בעכער פֿון טרייסטונג
נאָך זייער פֿאָטער און נאָך זייער מוטער.
8 און אין הויז פֿון אַ סעודה זאָלסטו ניט גיין,
צו זיצן מיט זיי, צו עסן און צו טרינקען.
9 וואָרום אַזוי האָט געזאָגט יהוה פֿון צבָאות,
דער גאָט פֿון ישׂראל:
זע, איך פֿאַרשטער פֿון דעם דאָזיקן אָרט,
פֿאַר אײַערע אויגן און אין אײַערע טעג,
דעם קָול פֿון לוסטיקייט און דעם קָול פֿון פֿרייד,
דעם קָול פֿון אַ כּתן און דעם קָול פֿון אַ כּלה.

10 און עס וועט זײַן, אַז דו וועסט זאָגן צו דעם דאָזיקן פֿאָלק די אַלע
ווערטער, און זיי וועלן זאָגן צו דיר: פֿאַר וואָס האָט גאָט אָנגעזאָגט
אויף אונדז אַלדאָס דאָזיקע גרויסע בייז, און וואָס איז אונדזער
פֿאַרברעך, און וואָס איז אונדזער זינד וואָס מיר האָבן געזינדיקט צו
יהוה אונדזער גאָט? 11 זאָלסטו זאָגן צו זיי: פֿאַר וואָס אײַערע
עלטערן האָבן מיך פֿאַרלאָזן, זאָגט גאָט, און זײַי זײַנען געגאַנגען נאָך
פֿרעמע געטער, און האָבן זיי געדינט, און זיך געבוקט צו זיי, און מיך
האָבן זיי פֿאַרלאָזן, און מײַן תּורה האָבן זיי ניט געהיט. 12 און איר
האָט נאָך ערגער געטאָן פֿון אײַערע עלטערן, און אָט גייט איר
איטלעכער נאָך דער אײַנגעשפּאַרטקייט פֿון זײַן בייזן האַרצן, מיך

ניט צו הערן. 13 דרום וועל איך אײַך פֿאַרוואַרפֿן פֿון דעם דאָזיקן
לאַנד אין אַ לאַנד וואָס ניט איר און ניט אײַערע עלטערן האָבן
געקענט, און איר וועט דאָרטן דינען פֿרעמדע געטער טאָג און נאַכט;
וואָרום איך וועל אײַך ניט געבן קיין לײַטזעליקייט.

14 פֿאַר וואָר, זע טעג קומען, זאָגט גאָט,
און עס וועט מער ניט געזאָגט ווערן:
אַזוי ווי עס לעבט גאָט וואָס האָט אויפֿגעבראַכט
די קינדער פֿון ישׂראל פֿון לאַנד מִצרַיִם!
15 נײַערט: אַזוי ווי סעס לעבט גאָט וואָס האָט אויפֿגעבראַכט
די קינדער פֿון ישׂראל פֿון צפֿון-לאַנד
און פֿון אַלע לענדער וואָס ער האָט זיי פֿאַרשטויסן אַהין!
און איך וועל זיי אומקערן אויף זייער ערד
וואָס איך האָב געגעבן זייערע עלטערן.

16 זע, איך שיק נאָך פֿישערס אַ סך, זאָגט גאָט,
און זיי וועלן זיי אַרויספֿישן;
און דערנאָך וועל איך שיקן נאָך אַ סך יעגערס,
און זיי וועלן זיי צעניפֿיאָגן
פֿון יעטוועדער גאַרג, און פֿון יעטוועדער הייך,
און פֿון די שפּאַלטן פֿון די וועלזן.
17 וואָרום מײַנע אויגן זײַנען אויף אַלע זייערע וועגן,
ניט פֿאַרבאָרגן זײַנען זיי פֿון פֿאַר מיר,
און ניט פֿאַרהוילן איז זייער פֿאַרברעך פֿון אַקעגן מײַנע אויגן.
18 און איך וועל צוערשט באַצאָלן טאָפּל
זייער פֿאַרברעך און זייער זינד,
פֿאַר וואָס זיי האָבן פֿאַרשוועכט מײַן לאַנד
מיט די נבֵלות פֿון זייערע מיאוסע אָפּגעטער,
און זייערע אומווערדיקייטן האָבן אָנגעפֿילט מײַן אַרב.

19 גאָט, מײַן פֿעסטיקייט און מײַן פֿעסטונג,
און מײַן אַנטרינונג אין טאָג פֿון נויט
צו דיר וועלן פֿעלקער קומען
פֿון די עקן ערד, און וועלן זאָגן:
נאָר ליגן האָבן געירשעט אונדזערע עלטערן,
נישטיקייטן וואָס אין זיי איז קיין נוץ ניטאָ.

20 קען אַ מענטש זיך מאַכן געטער,
אַז זיי זײַנען קיין געטער ניט?

21 פֿאַר וואָר, זע, איך מאַך זיי וויסן,
דאָס מאָל וועל איך זיי מאַכן וויסן
מײַן האַנט און מײַן גבורה,
און זיי וועלן וויסן אַז מײַן נאָמען איז יהוה.

# יז

1 די זינד פֿון יהודה איז אויפֿגעשריבן
מיט אַן אײַזערנער פען, מיט אַ דימענטענעם שפּיץ;
אויסגעקריצט אויפֿן טאָוול פֿון זייער האַרצן,י און אויף די הערנער
פֿון אײַערע מזבחות.
2 ווי זיי בענקען נאָך זייערע קינדער – אַזוי נאָך זייערע מזבחות,
און זייערע געצנשטאַנגען בײַם צווײַגהאַפֿטיקן בוים,
אויף די בערגלעך די הויכע.

3 מײַן געבערג אין פֿעלד!
דײַן פֿאַרמעג, אַלע דײַנע אוֹצרות וועל איך געבן צו רויב,
דײַנע היכן – פֿאַר די זינד אין אַלע דײַנע געמאַרקן.
4 און וועסט זיך אָפּוואַרפֿן פֿון זיך אַליין פֿון דײַן נחלה,
וואָס איך האָב דיר געגעבן;
און איך וועל דיך מאַכן דינען דײַנע פֿײַנט,
אין אַ לאַנד וואָס דו קענסט ניט;
וואָרום אַ פֿײַער האָט איר אָנגעצונדן אין מײַן נאָז,
ביז אייביקן וועט עס ברענען.

5 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
פֿאַרשאָלטן דער מאַן וואָס פֿאַרזיכערט זיך אויף אַ מענטשן,
און מאַכט פֿלייש זײַן אָנהאַלט,
און פֿון גאָט קערט זיך אָפּ זײַן האַרץ!
6 וואָרום ער וועט זײַן ווי אַ טאַמאַריסק אין דער וויסטע,
און וועט ניט זען ווען עס קומט גוטס,
און וועט וווינען אין טריקעניש אין דער מדבר,
אין אַ לאַנד אַ זאַלציקן וואָס איז ניט באַזעצט.
7 געבענטשט דער מאַן וואָס פֿאַרזיכערט זיך אויף גאָט,

און גאָט איז זײַן פֿאַרזיכערונג!
8 וואָרום ער וועט זײַן ווי אַ בוים געפֿלאַנצט בײַ וואַסער,
וואָס בײַ אַ באַך לאָזט ער אַרויס זײַנע וואָרצלען,
און ער מערקט ניט ווען עס קומט אַ היץ,
און זײַן בלאַט איז גרין,
און אין אַ יאָר פֿון טריקעניש דאגהט ער ניט,
און הערט ניט אויף טראָגן פֿרוכט.

9 פֿאַרדרייטער פֿון אַלץ איז דאָס האַרץ,
און שוואַך איז עס – ווער קען עס קאָנען?
10 איך, גאָט, טו פֿאָרשן דאָס האַרץ,
טו פּרוּוון די נירן,
כּדי צו געבן איטלעכן לויט זײַנע וועגן,
לויט דער פֿרוכט פֿון זײַנע מעשׂים.

11 אַ פֿעלדהון וואָס בוּריט אויף וואָס זי האָט ניט געלייגט,
איז דער וואָס מאַכט אַן עשירות, אָבער רניט מיט גערעכטיקייט;
אין העלפֿט פֿון זײַנע טעג וועט ער עס פֿאַרלאָזן,
און אין זײַן סוֹף וועט ער בלײַבן אַ מנוול.

12 דו טראָן פֿון פּראַכטיקייט, דערהויבן פֿון אָנהייב אָן,
דו אָרט פֿון אונדזער הייליקייט,
13 דו האָפֿענונג פֿון ישׂראל, גאָט,
אַלע וואָס פֿאַרלאָזן דיך, וועלן פֿאַרשעמט ווערן;
און די אָפּגעקערטע פֿון מיר
וועלן אין דער ערד פֿאַרשריבן ווערן,
ווײַל זיי האָבן פֿאַרלאָזן גאָט,
דעם קוואַל פֿון לעבעדיקע וואַסער.

14 הייל מיך, גאָט, איך זאָל געהיילט ווערן,
העלף מיך, איך זאָל געהאָלפֿן ווערן,
וואָרום דו ביסט מײַן לויב.
15 זע, זיי זאָגן צו מיר:
ווּ איז דאָס וואָרט פֿון גאָט?
זאָל עס נאָר קומען.
16 און איך, ניט איך בין אַנטלאָפֿן

פֿון זײַן אַ פֿאַסטוך הינטער דיר,
און ניט איך האָב באַגערט דעם אומגליקלעכן טאָג;
דו בײַסט עס;
וואָס איז אַרויס פֿון מײַנע ליפּן,
איז פֿאַר דײַן פּנים געווען.
17 זאָל עס מיר ניט זײַן צום בראָך;
דו ביסט דאָך מײַן באַשיצונג אין טאָג פֿון אומגליק.
18 זאָלן מײַנע נאָכיאָגער פֿאַרשעמט ווערן,
און איך זאָל ניט פֿאַרשעמט ווערן;
זאָלן זיי דערשראָקן ווערן,
און איך זאָל ניט דערשראָקן ווערן.
ברענג אויף זיי דעם טאָג פֿון אומגליק,
און אַ צווייאיקן בראָך צעברעך זיי.

19 אַזוי האָט צו מיר גאָט געזאָגט: גיי און זאָלסט זיך שטעלן אין
טויער פֿון די קינדער פֿון פֿאָלק, וואָס דורך אים קומען אַרײַן די
מלכים פֿון יהודה, און וואָס דורך אים גייען זיי אַרויס, און אין אַלע
טויערן פֿון ירושָלַיִם; 20 און זאָלסט זאָגן צו זיי: הערט דאָס וואָרט
פֿון גאָט, איר מלכים פֿון יהודה, און גאַנץ יהודה, און אַלע באַוווינער
פֿון ירושָלַיִם, וואָס קומען אין די דאָזיקע טויערן; 21 אַזוי האָט גאָט
געזאָגט: היט אײַך אום אײַער זעל, און איר זאָלט ניט טראָגן קיין
משׂא אין טאָג פֿון שבת און אַרײַנברענגען אין די טויערן פֿון
ירושָלַיִם. 22 און איר זאָלט ניט אַרויסטראָגן קיין משׂא פֿון אײַערע
הײַזער אין טאָג פֿון שבת, און קיין שום אַרבעט זאָלט איר ניט טאָן,
און איר זאָלט האַלטן הייליק דעם טאָג פֿון שבת, אַזוי ווי איך האָב
באַפֿוילן אײַערע עלטערן. 23 אָבער זיי האָבן ניט געהערט און ניט
צוגענייגט זייער אויער, און זיי האָבן האַרט געמאַכט זייער נאַקן ניט
צוצוהערן, און ניט צו נעמען קיין מוסר. 24 דרום וועט זײַן: אויב
צוהערן וועט איר צוהערן צו מיר, זאָגט גאָט, ניט אַרײַנצוברענגען
קין משׂא אין די טויערן פֿון דער דאָזיקער שטאָט אין טאָג פֿון שבת,
נײַערט צו האַלטן הייליק דעם טאָג פֿון שבת, ניט צו טאָן אין אים
קיין שׁם אַרבעט, 25 וועלן קומען אין די טויערן פֿון דער דאָזיקער
שטאָט מלכים און האַרן וואָס זיצן אויפֿן טראָן פֿון דוד, וואָס רײַטן
אויף רײַטוועגן און אויף פֿערד, זיי, און זייערע האַרן, די מענער פֿון
יהודה, און די באַוווינער פֿון ירושָלַיִם; און די דאָזיקע שטאָט וועט
זײַן באַזעצט אויף אייביק. 26 און מע וועט קומען פֿון די שטעט פֿון

יהודה, און פֿון רונד אַרום ירושָלַיִם, און פֿון לאַנד בנימין, און פֿון
דער נידערונג, און פֿונעם געבערג, און פֿונעם דָרום, ברענגענדיק
בראַנדאָפּפֿער, און שלאַכטאָפּפֿער, און שפּײַזאָפּפֿער, און ווײַרויך, און
ברענגענדיק דאַנקאָפּפֿער, אין הויז פֿון גאָט. 27 אויב אָבער איר וועט
ניט צוהערן צו מיר, צו הלטן הייליק דעם טאָג פֿון שבת, און ניט צו
טראָגן קיין משׂא און אַרײַנקומען דערמיט אין די טויערן פֿון
ירושָלַיִם אין טאָג פֿון שבת, וועל איך אָנצינדן אַ פֿײַער אין אירע
טויערן, און עס וועט פֿאַרצערן די פּאַלאַצן פֿון ירושָלַיִם, און וועט
ניט פֿאַרלאָשן ווערן.

# יח

1 דאָס וואָרט וואָס איז געווען צו ירמיָהון פֿון גאָט, אַזוי צו זאָגן:
2 שטיי אויף, און זאָלסט אַראָפּנידערן צום הויז פֿון דעם
טעפּער, און דאָרטן וועל איך דיך מאַכן הערן מײַנע ווערטער. 3 האָב
איך אַראָפּגענידערט צום הויז פֿון דעם טעפּער, ערשט ער מאַכט
אַרבעט אויפֿן ווערקשטיין. 4 און אַז די כּלי וואָס ער האָט געמאַכט
פֿון ליים איז פֿאַרדאָרבן געוואָרן אין דער האַנט פֿון דעם טעפּער,
האָט ער זי איבערגעמאַכט אין אַן אַנדער כּלי, אַזוי ווי עס איז
ווילגעפֿעלן אין די אויגן פֿון דעם טעפּער צו מאַכן.

5 איז דאָס וואָרט פֿון גאָט געווען צו מיר אַזוי צו זאָגן:
6 קער איך דען ניט טאָן מיט אײַך אַזוי ווי דער דאָזיקער טעפּער, איר
הויז פֿון ישׂראל? זאָגט גאָט.
זעט, ווי ליים איין דער האַנט פֿון דעם טעפּער,
זײַט איר אין מײַן האַנט, הויז פֿון ישׂראל.
7 איין רגע רעד איך אויף אַ פֿאָלק און אויף אַ קיניגרײַך,
אויסצורײַסן און אײַנצוּוואַרפֿן און אונטערצוברענגען;
8 אָבער אַז דאָס פֿאָלק וואָס איך האָב אויף אים גערעדט,
קערט זיך אום פֿון זײַן שלעכטיקייט,
האָב איך חרטה אויף דעם בייז
וואָס איך האָב געטראַכט אים צו טאָן.
9 און איין רגע רעד איך אויף אַ פֿאָלק און אויף אַ קיניגרײַך,
צו בויען און צו פֿלאַנצן;
10 אָבער אַז עס טוט וואָס איז שלעכט אין מײַנע אויגן,
ניט צוצוהערן מײַן קָול,

האָב איך חרטה אויף דעם גוטס
וואָס איך האָב געזאָגט אים צו באַגיטיקן.
11 און אַצונד זאָג אַקאָרשט צו די מענער פֿון יהודה,
און צו די באַוווינער פֿון ירושָלַיִם,
אַזוי צו זאָגן: אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
זעט, איך באַשאַף אויף אײַך אַן אומגליק,
און גראַכט אויף אײַך אַ טראַכטונג;
קערט אײַך אום פֿאָרט איטלעכער פֿון זײַן שלעכטן וועג,
און בעסערט אײַערע וועגן און אײַערע מעשׂים.
12 אָבער זיי זאָגן: אומזיסט!
נײַערט נאָך אונדזערע געדאַנקען וועלן מיר גיין,
און איטלעכער לויט דער אײַנגעשפּאַרטקייט פֿון זײַן בייזן האַרצן
וועלן מיר טאָן.

13 דרום האָט גאָט אַזוי געזאָגט:
פֿרעגט אַקראָשט בײַ די פֿעלקער,
ווער האָט אַזוינס געהערט?
שוידערהאַפֿטיקס ביז גאָר
האָט באַגאַנגען די יונגפֿרוי ישׂראל.
14 ווערט פֿון וועגן אַ פֿעלז פֿון פֿעלד
דער שניי דעם לבָנוֹן פֿאַרלאָזן?
ווערט צוליב דומפּיקע וואַסער
קאַלטע פֿליסעדיקע אַוועקגעוואָרפֿן ווערן?
15 וואָרום מײַן פֿאָלק האָט פֿאַרגעסן אָן מיר,
צו נישטיקייט רײַכערן זיי,
און מע האָט זיי געמאַכט שטרויכלען אין זייערע וועגן –
די אייביקע שטעגן,
16 כּדי צו גיין אויף בײַשטעגן,
אויף אַ וועג ניט אויסגעטרעטן.
כּדי צו מאַכן זײַן לאַנד פֿאַר אַ שרעק,
פֿאַר אַן אייביקער שמוצערונג.
איטלעכער וואָס גייט איר פֿאַרבײַ ווערט זיס דערשרעקן,
17 ווי מיט אַ מזרח-ווינט וועל איך זיי צעשפּרײַטן
פֿאַר דעם פֿײַנט;
זייער רוקן און ניט זייער פּנוים וועל איך זען,
אין טאָג פֿון זייער בראָך.

18 יאָ, זיי האָבן געזאָגט:
קומט לאָמיר אויסטראַכטן תּכבולות קעגן יִמיָהון;
וואָרום די תּוֹרה וועט ניט אונטערגיין פֿון דעם כֹּהן,
און די עטש פֿון דעם חכם, און דאָס וואָרט פֿון דעם נבֿיא.
קומט און לאָמיר אים שלאָגן מיט דער צונג,
און ניט פֿאַרנעמען אַלע זײַנע רייד.
19 פֿאַרנעם צו מיר, גאָט,
און הנער צו דעם קָול פֿון מײַנע קריגער.
20 זאָל פֿאַר אַ טוֹבה אַ רעה באַצאָלט ווערן?
וואָרום זיי האָבן געגראָבן אַ גרוב פֿאַר מײַן לעבן.
געדענק מײַן שטיין פֿאַר דיר,
צו רעדן גוטס אויף זיי,
אָפּצוקערן דײַן גרימצאָרן פֿון זיי.
21 דרום גיב זייערע קינדער צום הונגער,
און שלײַדער זיי אין דער מאַכט פֿון שווערד;
און זאָלן זייערע ווײַבער בלײַבן אָן קינדער, און אַלמנות,
און זייערע מענער זאָלן זײַן הרוגים פֿון פעסט,
זייערע בכורים, דערשלאָגן פֿון שווערד אין מלחמה.
22 זאָל זיך הערן אַ געשריי פֿון זייערע הײַזער,
ווען דו וועסט ברענגען אויף זיי פלוצים אַ מחנה;
וואָרום זיי האָבן געגראָבן אַ גרוב מיך צו פֿאַנגען,
און נעצן באַהאַלטן פֿאַר מײַנע פֿיס.
23 און דו, גאָט, ווייסט
זייער גאַנצן באַראָט מיך צו טייטן;
ניט פֿאַרגעבן זאָלסטו זייער פֿאַרברעך,
און ניט פֿאַרמעקן זאָלסטו זייער זינד פֿון פֿאַר דיר,
און זאָלן זיי געשטרויכלט ווערן פֿאַר דיר;
אין צײַט פֿון דײַן צאָרן רעכן זיך מיט זיי.

# יט

1 אַזוי האָט גאָט געזאָגט: גיי און זאָלסט דיר קויפֿן אַ
טעפּערקרוג און נעם מיט פֿון די עלטסטע פֿון פֿאָלק, און פֿון
די עלטסטע פֿון די כֹּהנים, 2 און זאָלסט אַרויסגיין צום טאָל פֿון בן-
הִנוֹ, וואָס בײַם אײַנגאַנג פֿון טויער חרסית, און אויסרופֿן דאָרטן די
ווערטער וואָס איך וועל רעדן צו דיר, 3 און זאָלסט זאָגן:

הערט דאָס וואָרט פֿון גאָט, איר מלכים פֿון יהודה,
און באַוווינער פֿון ירושָלַיִם:
אַזוי האָט געזאָגט יהוה פֿון צבָאוֹת,
דער גאָט פֿון ישׂראל:
זע, איך ברענג אַן אומגליק אויף דעם דאָזיקן אָרט,
אַז איטלעכער וואָס הערט עס, וועלן אים די אויערן קלינגען;
4 פֿאַר וואָס זיי האָבן מיך פֿאַרלאָזן,
און האָבן פֿאַרפֿרעמדט דעם דאָזיקן אָרט,
און גערייכערט אין אים צו פֿרעמדע געטער,
וואָס ניט זיי, און ניט זייערע עלטערן,
און ניט די מלכים פֿון יהודה, האָבן זיי געקענט;
און זיי האָבן אָנגעפֿילט דעם דאָזיקן אָרט
מיט בלוט פֿון אומשולדיקע.
5 און זיי האָבן געבויט די במות צו בעַל,
צו פֿאַרברענען זייערע קינדער אין פֿייַער,
בראַנדאָפּפֿער צו בעַל,
וואָס ניט איך האָב באַפֿוילן, און ניט איך האָב געזאָגט,
און ניט עס איז מיר אויפֿן זינען אַרויפֿגעקומען.
6 דרום זע, טעג קומען, זאָגט גאָט,
און דער דאָזיקער אָרט וועט ניט מער גערופֿן ווערן "תּוֹפֶ־ת",
און "דער טאָל פֿון בן-הִנוֹם",
נייַערט "דער טאָל פֿון טייטונג".
7 און איך וועל מאַכן צו נישט
דעם באַראָט פֿון יהודה און ירושָלַיִם אין דעם דאָזיקן אָרט,
און וועל זיי מאַכן פֿאַלן דורכן שווערד פֿאַר זייערע פֿייַנט,
און דורך דער האַנט פֿון די וואָס זוכן זייַער לעבן;
און איך וועל געבן זייערע טויטע לייַבער
צו שפּייַז פֿאַרן פֿויגל פֿון הימל,
און פֿאַר דער חַיה פֿון דער ערד.
8 און איך וועל מאַכן די דאָזיקע שטאָט
פֿאַר אַ שרעק און פֿאַר אַ שמוצערונג;
איטלעכער וואָס גייט איר פֿאַרבייַ וועט זיך דערשרעקן,
אונוו עט שׂוֹצערן אויף אַלע אירע פּלאָגן.
9 און איך וועל זיי מאַכן עסן דאָס פֿלייש פֿון זייערע זין,
און דאָס פֿלייש פֿון זייערע טעכטער,
און איינר דעם אַנדערנס פֿלייש וועלן זיי עסן,

אין דער באַלעגרונג און אין דער דריקונג,
וואָס זייערע פֿײַנט, און די וואָס זוכן זייער לעבן,
וועלן זיי דריקן.

10 און זאָלסט צעברעכן דעם קרוג פֿאַר די אויגן פֿון די מענטשן
וואָס גייען מיר דיר, 11 און זאָלסט זאָגן צו זיי:

אַזוי האָט געזאָגט גאָט פֿון צבֿאות:
אַזוי וועל איך צעברעכן דאָס דאָזיקע פֿאָלק
און די דאָזיקע שטאָט,
אַזוי ווי מע צעברעכט אַ כּלי פֿון אַ טעפּער,
אַז זי קען ניט מער פֿאַרריכט ווערן;
און מע וועט באַגראָבן אין תּוֹפֶת,
ווײַל מער קיין אָרט וועט ניט זײַן אויף צו באַגראָבן.
12 אַזוי וועל איך טאָן צו דעם דאָזיקן אָרט, זאָגט גאָט,
און צו זײַנע באַוווינער,
כּדי צו מאַכן די דאָזיקע שטאָט אַזוי ווי תּוֹפֶת.
13 און די הײַזער פֿון ירושָלַיִם,
און די הײַזער פֿון די מלכים פֿון יהודה, די אומרייִנע,
וועלן זײַן אַזוי ווי דער אָרטפֿון תּוֹפֶת –
אַלע הײַזער וואָס מע האָט גערייכערט אויף זייערע דעכער
צום גאַנצן חיל פֿון הימל,
און געגאָסן גיסאָפּפֿער צו פֿרעמדע געטער.

14 און יִרמיָהו איז געקומען פֿון תּוֹפֶת, וואָס גאָט האָט אים אַהין
געשיקט נבֿיאות זאָגן, און ער האָט זיך געשטעלט אין הויף פֿון גאָטס
הויז, און האָט געזאָגט צום גאַנצן פֿאָלק:

15 אַזוי האָט געזאָגט יהוה פֿון צבֿאוֹת,
דער גאָט פֿון ישׂראל:
זע, איך ברענג אויף דעם דאָזיקן כּרך,
און אויף אַלע זײַנע שטעט,
דאָס גאַנצע בייז וואָס איך האָב אָנגעזאָגט אויף אים,
ווײַל זיי האָבן האַרט געמאַכט זייער נאַקן,
ניט צוצוהערן מײַנע ווערטער.

כ 1 און פַּשחור דער זון פֿון אִמֵר דעם כֹּהן, וואָס איז געווען דער
אויבעראויפֿזעער אין הויז פֿון גאָט האָט געהערט יִרמיָהון
נבֿיאותּ זאָגן די דאָזיקע ווערטער. 2 און פַּשחור האָט געשלאָגן
יִרמיָהו הנבֿיאן, און האָט אים אַרײַנגעשטעלט אין דעם צוואַנגלאָך
וואָס אין אויבערשטן טויער פֿון בנימין, וואָס אין הויז גאָט. 3 און עס
איז געווען אויף מאָרגן, אַז פַּשחור האָט אַרויסגענומען יִרמיָהון פֿון
צוואַנגקלאָץ, האָט יִרמיָהו צו אים געזאָגט: ניט פַּשחור האָט גאָט
גערופֿן דײַן נאָמען, נײַערט מָגוֹר-מִסָביב.
4 וואָרום אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
זע, איך מאַך דיך פֿאַר אַ שרעק פֿאַר דיר אַליין,
און פֿאַר אַלע דײַנע ליבהאָבער;
און זיי וועלן פֿאַלן דורך דער שווערד פֿון זייערע פֿײַנט,
און דײַנע אויגן וועלן עס זצוזען;
און גאַנץ יהודה וועל איך געבן
אין דער האַנט פֿון דעם מלך פֿון בבֿל,
און ער וועט זיי פֿאַרטרײַבן קיין בבֿל,
און וועט זיי דערשלאָגן מיטן שווערד.
5 און איך וועל געבן אַל דאָס רײַכטום פֿון דער דאָזיקער שטאָט,
און אַל איר מי, און אַל איר טײַערקייט,
אויך אַלע אוֹצרות פֿון די מלכים פֿון יהודה
וועל איך געבן, אין דער האַנט פֿון זייערע פֿײַנט,
און זיי וועלן זיי צערויבן,
און וועלן זיי נעמען און זיי ברענגען קיין בבֿל.
6 און דו, פַּשחור, און אַלע באַוווינער פֿון דײַן הויז,
וועט גיין אין געפֿאַנגענשאַפֿט,
און קיין בבֿל וועסטו קומען,
און דאָרטן וועסטו שטאַרבן,
און דאָרטן וועסטו באַגראָבן ווערן,
דו און אַלע דײַנע ליבהאָבער
וואָס דו האָסט זיי נבֿיאות געזאָגט מיט ליגן.

7 האָסט מיך איבערגערעדט, גאָט,
און איך בין איבערגערעדט געוואָרן,
האָסט מיך איבערגעשטאַרקט, און ביסט בײַגעקומען;
איך בין געוואָרן צום געלעכטער אַ גאַנצן טאָג,
איטלעכער טוט שפּעטן פֿון מיר.

8 וואָרום ווען נאָך איך רעד, טו איך שרײַען,
"אומרעכט און רויב!" רוף איך אויס.
פֿאַר וואָר, דאָס וואָרט פֿון גאָט איז מיר געוואָרן
צו שאַנד און אוצו לעסטערונג אַ גאַנצן טאָג.
9 און איך האָב געוועסט געזאָגט: איך וועל אים ניט דער-מאָנען,
און וועל מער ניט רעדן אין זײַן נאָמען;
אָבער עס איז אין מײַן האַרצן ווי אַ ברענעדיק פֿײַער,
אײַנגעשלאָסן אין מײַנע בײַנער,
און איך מאַטער זיך עס אײַנצוהאַלטן,
אָבער איך קען ניט.
10 יאָ, איך האָב געהערט די בייזע רייד פֿון פֿיל,
אַ שרעק רונד אַרום:
"מַסרט, און לאָמיר אים פֿאַרמַסרן!"
אַלע מײַנע גוטע פֿרײַנט
לויערן אויף מײַן בראָך:
אפֿשר וועט ער פֿאַרנאַרט ווערן,
אונמיר וועלן אים בײַקומען,
און נעמען אונדזער נקמה פֿון אים.
11 אָבער גאָט איז מיט מיר
ווי אַ גיבור אַ מאַכטיקער,
דרום וועלן מײַנע נאָכיאָגער געשטרויכלט ווערן,
און וועלן ניט אויספֿירן;
זיי ווערן פֿאַרשעמט זייער, ווײַל זיי האָבן ניט באַגליקט,
אַן אייביקע שאַנד וואָס וועט ניט פֿאַרגעסן ווערן.
12 און דו גאָט פֿון צבֿאָות, וואָס פּרוווסט דעם גערעכטן,
אָ וואָס זעסט די נירן און דאָס האַרץ,
לאָמיך זען דײַן נקמה פֿון זיי,
וואָרום צו דיר האָב איך אַנטפּלעקט מײַן קריג.

13 זינגט צו גאָט,
טוט לויבן גאָט,
וואָרום ער האָט מציל געווען די זעל פֿון דעם אָרימען
פֿון דער האַנט פֿון די שלעכטסטוער.

14 פֿאַרשאָלטן דער טאָג
וואָס איך בין אין אים געבאָרן געוואָרן!

דער טאָג וואָס מײַן מוטער האָט מיך געבאָרן
זאָל זײַן ניט געבענטשט!
15 פֿאַרשאָלטן דער מענטש וואָס האָט מײַן פֿאָטער
די בשׂורה געבראַכט, אַזוי צו זאָגן:
אַ ייִנגל איז דיר געבאָרן געוואָרן;
פֿרייען דערפֿרייט האָט ער אים!
16 יענער מענטש זאָל זײַן ווי די שטעט
וואָס גאָט האָט איבערגעקערט און ניט דערבאַרימט;
און ער זאָל הערן אַ יללה אין דער פֿרי,
און אַ געשריי אין מיטן טאָג;
17 פֿאַר וואָס ער האָט מיך ניט געטייט פֿון טראַכט,
אַז מײַן מוטער זאָל מײַן קבר זײַן,
און איר טראַכט אייביק טראָגעדיק.
18 נאָך וואָס גאָר בין איך פֿון טראַכט אַרויס
צו זען מאַטערניש און קומער,
און אויסגיין אין שאַנד זאָלן מײַנע טעג?

# כא

1 דאָס וואָרט וואָס איז געווען צו יִרמיָהון פֿון גאָט, ווען
דער מלך צִדקִיָהו האָט צו אים געשיקט פַּשחור דעם זון פֿון
מַלכִּיָהן, און צפַנִיָה דעם זון פֿון מַעֲשֵׂיָהן, דעם כֹּהן, אַזוי צו זאָגן:
2 פֿרעג, איך בעט דיך, פֿאַר אונדז בײַ גאָט, וואָרום נבֿוכַדרֶאצַר דער
מלך פֿון בבֿל האַלט מלחמה אויף אונדז; אפֿשר וועט גאָט טאָן מיט
אונדז אַזוי ווי אַלע זײַנע וווּנדער, און ער וועט אָפּציען פֿון אונדז.

3 האָט יִרמיָהו צו זיי געזאָגט: אַזוי זאָלט איר זאָגן צו צִדקִיָהון:
4 אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פֿון ישׂראל:
זע, איך דריי אום די כּלֵי-מלחמה וואָס אין אײַער האַנט,
וואָס איר האַלט דערמיט מלחמה דרויסן פֿון דער מויער
אַקעגן דעם מלך פֿון בבֿל,
און אַקעגן די כַּשׂדים, וואָס לעגערן אויף אײַך,
און איך וועל זיי אײַנזאַמלען אין דער דאָזיקער שטאָט.
5 און איך גופֿא וועל מלחמה האַלטן מיט אײַך,
מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט און מיט אַ שטאַרקן אָרעם,
און מיט כּעס, און מיט גרים, און מיט גרויס צאָרן.

6 און איך וועל שלאָגן די באַוווינער פֿון דער דאָזיקער שטאָט,
אי מענטש אי בהמה;
פֿון אַ גרויסער פּעסט וועלן זיי שטאַרבן.
7 און דערנאָך, זאָגט גאָט,
וועל איך געבן צִדקִיָהו דעם מלך פֿון אינודה,
און זײַנע קנעכט, און דאָס פֿאָלק,
די וואָס זײַנען איבערגעבליבן אין דערדפֿאָזיקער שטאָט
פֿון דער פּעסט, פֿון דער שווערד, און פֿון דעם הונגער,
אין דער האַנט פֿון נבוכַדרֶאצַר דעם מלך פֿון בבֿל,
און אין דער האַנט פֿון זייערע פֿײַנט,
און אין דער האַנט פֿון די וואָס זוכן זייער לעבן;
און עסוו עט זיי דערשלאָגן מיטן שאַרף פֿון שווערד;
ער וועט זיי ניט שוינען,
און וועט ניט דערבאַרימען און ניט רכמנות האָבן.

8 און צו דעם דאָזיקן פֿאָלק זאָלסטו זאָגן:
אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
זע, איך לייג פֿאַר אײַך דעם וועג פֿון לעבן
און דעם וועג פֿון טויט.
9 דער וואָס בלײַבט זיצן אין דער דאָזיקער שטאָט,
וועט שטאַרבן פֿון שווערד,
און פֿון הונגער, און פֿון פּעסט,
אָבער דער וואָס גייט אַרויס
און וועט צופֿאַלן צו די כַּשׂדִים וואָס לעגערן אויף אײַך,
וועט בלײַבן לעבן,
און זײַן נפֿש וועט אים זײַן צום געווינס.
10 וואָרום איך האָב געטאָן מײַן פּנים קעגן דער דאָזיקער שטאָט
צום בייזן און ניט צום גוטן, זאָגט גאָט;
אין דער האַנט פֿון דעם מלך פֿון בבֿל
וועט זי איבערגעגעבן ווערן
און ער וועט זי פֿאַרברענען אין פֿײַער.

11 און צום הויז פֿון דעם מלך פֿון יהודה:
הערט דאָס וואָרט פֿון גאָט.
12 הויז פֿון דוד, אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
האַלט אַ משפּט אין דער פֿרי,

און זײַט מציל דעם באַגזלטן פֿון דעם דריקערס האַנט,
כּדי מײַן גרימצאָרן זאָל ניט אַרויסגיין ווי אַ פֿײַער,
און ברענען אַז קיין לעשער זאָל ניט זין,
פֿון וועגן אײַערע בייזע מעשׂים.

13 זע, איך קום צו דיר, באַווינערין פֿון טאָל,
דו פֿעלז פֿון פּלוין, זאָגט גאָט;
איר וואָס זאָגט: ווער וועט נידערן אויף אונדז?
און ווער וועט קומען אין אונדזערע וווינונגען?
14 און איך וועל זיך אָפּרעכענען מיט אײַך
לויט דער פֿרוכט פֿון אײַערע מעשׂים, זאָגט גאָט;
און איך וועל אָנצינדן אַ פֿײַער אין איר וואַלד,
און עס וועט פֿאַרצערן אַלץ וואָס אַרום איר.

# כב

1 אַזוי האָט גאָט געזאָגט: נידער אַראָפּ צום הויז פֿון דעם
מלך פֿון יהודה, און זאָלסט רעדן דאָרטן דאָס דאָזיקע וואָרט,
2 און זאָגן: הער דאָס וואָרט פֿון גאָט, דו מלך פֿון יהודה וואָס זיצסט
אויפֿן
טראָן פֿון דוד, דו, און דײַנע קנעכט, און דײַן פֿאָלק, וואָס קומען אין
די דאָזיקע טויערן. 3 אַזוי האָט גאָט געזאָגט: טוט רעכט און
גערעכטיקייט, און זײַט מציל דעם באַגזלטן פֿון דעם דריקערס
האַנט; און אַ פֿרעמדן, אַ יתום, און אַן אַלמנה, זאָלט איר ניט
קריוודען, ניט באַרויבן, און אומשולדיק בלוט זאָלט איר ניט
פֿאַרגיסן אין דעם דאָזיקן אָרט. 4 וואָרום אויב טאָן וועט איר טאָן די
דאָזיקע זאַך, וועלן קומען אין די טויערן פֿון דעם דאָזיקן הויז מלכים
וואָס זיצן אויפֿן טראָן פֿון דוד, וואָס רײַטן אויף רײַטוועגן און אויף
פֿערד, ער, און זײַנע קנעכט, און זײַן פֿאָלק. 5 אויב אָבער איר עט
ניט צוהערן די דאָזיקע ווערטער, שווער איך בײַ מיר, זאָגט גאָט, אַז
צו וויסט וועט ווערן דאָס דאָזיקע הויז. 6 וואָרום אַזוי האָט גאָט
געזאָגט אויף דעמהויז פֿון דעם מלך פֿון יהודה:

גִלעָד ביסטו מיר געווען,
דער שפּיץ פֿון לבָנון;
אויב איך וועל דיך ניט מאַכן פֿאַר אַ מדבר,

פֿאַר שטעט ניט באַווינטע!
7 און איך וועל אָנברייטן אויף דיר צעשטערער,
איטלעכן מיט זײַן געצײַג,
און זיי וועלן אָפּהאַקן דײַנע געקליבענע צעדערן,
און אַרײַנוואַרפֿן אין פֿײַער.

8 און פֿיל פֿעלקער וועלן פֿאַרבײַגיין פֿאַרבײַ דער דאָזיקער שטאָט,
און זיי וועלן זאָגן איינער צום אַנדערן: פֿאַר וואָס האָט גאָט אַזוי
געטאָן צו דער דאָזיקער גרויסער שטאָט? 9 און מע וועט זאָגן: פֿאַר
וואָס זיי האָבן פֿאַרלאָזן דעם בונד פֿון יהוה זייער גאָט, און האָבן זיך
געבוקט צו פֿרעמדע געטער, און זיי געדינט.

10 איר זאָל ניט וויינען אויפֿן טויטן,
און איט באַדויערן אויף אים;
וויינען וויינט אויף דעם וואָס גייט אַוועק,
וואָרום ער וועט זיך מער ניט אומקערן
און זען דאָס לאַנד פֿון זײַן געבורט.

11 וואָרום אַזוי האָט גאָט געזאָגט אויף שַלום דעם זון פֿון יֹאשִיָהו
דעם מלך פֿון יהודה, וואָס האָט געקיניגט אויף דעם אָרט פֿון זײַן
פֿאָטער יֹאשִיָהון, און וואָס איז אַוועקגעגאַנגען פֿון דעם דאָזיקן
אָרט: ער וועט זיך מער ניט אומקערן אַהין. 12 נײַערט אין דעם אָרט
ווּהין מע האָט אים פֿאַרטריבן, דאָרטן וועט ער שטאַרבן, און דאָס
דאָזיקע לאַנד וועט ער מער ניט אָנזען.

13 וויי, דער וואָס בויט זײַן הויז מיט אומערלעכקייט,
און זײַנע אויבערשטובן מיט אומרעכט;
וואָס אַרבעט מיט זײַן חבר אומזיסט,
און גיט אים ניט זײַן לוין;
14 וואָס זאָגט: איך וועל מיר אויפֿבויען אַ גרויס הויז,
און אויבערשטובן געראַמע;
און ער שנײַדט זיך אויס גענצטער;
און ער באַדעקט עס מיט צעדער,
און באַשמירט עס מיט פֿאַרב!
15 ווילסטו קיניגן, ווײַל דו פֿאַרמעסט זיך מיט צעדערהאָלץ?
דײַן פֿאָטער, פֿאַר וואָר, האָט געגעסן און געטרונקען,

אָבער ער האָט געטאָן רעכט און גערעכטיקייט,
דרום איז אים גוט געווען.
16 ער האָט געמשפּט דעם משפּט פֿון אָרימאַן און אביאָן,
דרום איז געווען גוט.
פֿאַר וואָר, דאָס איז דערקענען מיך,
זאָגט גאָט.
17 אָבער דײַנע אויגן און דײַן האַרץ זײַנען ניט מער
ווי נאָר אויף דײַן געווין,
און אויף אומשולדיק בלוט צו פֿאַרגיסן,
און אויף רויב און אויף דריקונג צו באַגיין.

18 דרום האָט גאָט אַזוי געזאָגט אויף יהוֹיָקים דעם זון פֿון יֹאשִׁיָהון
דעם מלך פֿון יהודה:
מע וועט ניט קלאָגן אויף אים:
"וויי מײַן ברודער!» און: "וויי שוועסטער!"
מע וועט ניט קלאָגן אויף אים:
"וויי האַר!" און: "וויי זײַן גלאַנץ!"
19 די באַגפֿעבעניש פֿון אַן אייזל וועט ער באַגראָבן ווערן,
געשלעפּט און אַוועקגעוואָרפֿן,
אַוועק פֿון די טויערן פֿון ירושָׁלַיִם.
20 גיי אַרויף צום לבָנוֹן און שרײַ,
און אין גָשָׁן לאָז אַרויס דײַן קָול,
און שרײַ פֿון עקבָרים,
וואָרום צעבראָכן זײַנען אַלע דײַנע ליבהאָבער.
21 איך האָב גערעדט צו דיר אין דײַן שַׁלווה,
האָסטו געזאָגט: איך וועל ניט הערן;
דאָס איז דײַן וועג פֿון דײַן יוגנט אָן,
אַז דו הערסט ניט צו מײַן קָול.
22 אַלע דײַנע פּיטערער וועט פּיטערן דער ווינט,
און דײַנע ליבהאָבער וועלן אין געפֿאַנגענשאַפֿט גיין;
ערשט דענצמאָל וועסטו זיך שעמען און צו שאַנד ווערן
פֿון וועגן אַל דײַן שלעכטיקייט.
23 דו באַוווינערין פֿון לבָנוֹן,
דו אײַנגענעסטע אין צעדערן,
ווי באַכנט וועסטו זײַן, ווען אויף דיר קומען ווייען,
אַ ווײַטאָק ווי פֿון אַ געווינערין!

24 אַזוי ווי איך לעב, זאָגט גאָט,
ווען כָּניָהו דער זון פֿון יהוֹיָקימען, דער מלך פֿון יהודה,
זאָל זײַן דער זיגלרינג אויף מײַן רעכטער האַנט,
וועל איך דיך פֿון דאָרטן אַראָפּרײַסן!
25 און איך וועל דיך געבן
אין דער האַנט פֿון די וואָס זוכן דײַן לעבן,
און אין דער האַנט פֿון די וואָס דו שרעקסט זיך פֿאַר זיי,
און אין דער האַנט פֿון נבוכַדרֶאצַר דעם מלך פֿון בבֿל,אָ און אין ער
האַנט פֿון די כַּשׂדים.
26 און איך וועל פֿאַרוואַרפֿן דיך,
און דײַן מוטער וואָס האָט דיך געבאָרן,
אין אַן אַנדער לאַנד,
וואָס איר זײַט דאָרטן ניט געבאָרן געוואָרן;
און דאָרטן וועט איר שטאַרבן.
27 און אין דעם לאַנד וואָס זייער האַרץ ציט זיי
זיך אומצוקערן אַהין,
אַהין וועלן זיי זיך ניט אומקערן.

28 איז אַ פֿאַראַכט געפֿעס אַ צעבראָכנס
דער דאָזיקער מאַן כָּניָהו?
איז ער אַ כּלי אַ נישטווערטיקע?
פֿאַר וואָס זײַנען זיי פֿאַר וואָרפֿן געוואָרן, ער און זײַן זאָמען,
און פֿאַרשלײַדערט אין דעם לאַנד וואָס זיי קענען ניט?
29 לאַנד, לאַנד, לאַנד,
הער דאָס וואָרט פֿון גאָט!

30 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
פֿאַרשיריבט דעם דאָזיקן מענטשן אָן קינדער,
אַ מאַן וואָס באַגליקט ניט אין זײַנע טעג,
וואָרום קינער פֿון זײַן זאָמען וועט ניט באַגליקן,
צו זיצן אויפֿן טראָן פֿון דוד,
און ווײַטער געוועלטיקן אויף יהודה.

## כג

1 ווי, די פּאַסטוכער וואָס ברענגען אום און צעשפּרייטן
די שאָף פֿון מײַן פּיטערונג, זאָגט גאָט.
2 דרום האָט יהוה דער גאָט פֿון ישׂראל אַזוי געזאָגט
אויף די פּאַסטוכער וואָס פּיטערן מײַן פֿאָלק: איר האָט צעשפּרייט
מײַנע שאָף, און זיי פֿאַרשטויסן,
און האָט ניט אַכטונג געגעבן אויף זיי;
זעט, איך רעכן זיך מיט אײַך
פֿאַר אײַערע בייזע מעשׂים, זאָגט גאָט.
3 און איך וועל אײַנזאַמלען דעם איבערבלײַב פֿון מײַנע שאָף
פֿון אַלע לענדער וואָס איך האָב זיי פֿאַרשטויסן אַהין,
און איך וועל זיי אומקערן צו זייער פּיטערפּלאַץ,
און זיי וועלן זיך פֿרוכפּערן און מערן.
4 און איך וועל אויפֿשטעלן איבער זיי פּאַסטוכער,
און זיי וועלן זיי פּיטערן;
און זיי וועלן מער ניט מורא האָבן און ניט אַנגסטן,
און זיי וועלן ניט געמינערט ווערן, זאָגט גאָט.

5 זע, טעג קומען, זאָגט גאָט,
און איך וועל אויפֿשטעלן פֿון דודן אַ גערעכטן שפּראָץ,
און קיניגן וועט אַ קיניג וואָס וועט באַגליקן,
און טאָן רעכט און גערעכטיקייט אין לאַנד.
6 אין זײַנע טעג וועט געהאָלפֿן ווערן יהודה,
און ישׂראל וועט רוען אין זיכערקייט;
און דאָס איז זײַן נאָמען וואָס מע וועט אים רופֿן:
„גאָט איז אונדזער גערעכטיקייט!“
7 פֿאַר וואָר, זע, טעג קומען, זאָגט גאָט,
און מע וועט מער ניט זאָגן:
אַזוי ווי עס לעבט גאָט וואָס האָט אויפֿגעבראַכט
די קינדער פֿון ישׂראל פֿון לאַנד מִצרַיִם!
8 נײַערט: אַזוי ווי עס לעבט גאָט וואָס האָט אויפֿגעבראַכט
און וואָס האָט אַהערגעפֿירט
דעם זאָמען פֿון דעם הויז פֿון ישׂראל,
פֿון צפֿון-מלאַנד און פֿון אַלע לענדער
וואָס איך האָב זיי פֿאַרשטויסן אַהין!
און זיי וועלן זיצן אויף זייער ערד.
9 ווערן די נבֿיאים.

צעבראָכן איז מײַן האַרץ אין מיר,
אַלע מײַנע בײַנער ציטערן;
איך בין געוואָרן ווי אַ מענטש אַ שיכּורער,
און ווי אַ מאַן וואָס ווײַן האָט אים איבערגעשטאַרקט;
פֿון וועגן גאָט, און פֿון וועגן זײַנע הייליקע ווערטער.
10 וואָרום פֿול איז מיט נואָפֿים דאָס אַלנד,
וואָרום פֿון וועגן אַ קללה טרויערט דאָס לאַנד,
זײַנען פֿאַרטריקנט די פּיטערפּלעצער פֿון מדבר;
און זייער לויפֿעניש איז צום בייזן,
און זייער גבורה איז ניט ערלעך.
11 וואָרום אי דער נבֿיא אי דער כּהן זײַנען זינדיק,
אַפֿילו אין מײַן הויז האָב איך געפֿונען זייער בייז,
זאָגט גאָט.
12 דרום וועט זייער וועג זיי זײַן
ווי אַ גליטשיקער אָרט אין דער פֿינצטער.
זיי וועלן געשטויסן ווערן און פֿאַלן אויף אים,
וואָרום איך וועל ברענגען אַן אומגליק אויף זיי,
דאָס יאָר פֿון זייער רעכנשאַפֿט,
זאָגט גאָט.

13 אויך בײַ די נבֿיאים פֿון שומרון
האָב איך געזען לעסטערונג;
זיי האָבן נבֿיאות געזאָגט פֿאַר בעַל,
און האָבן פֿאַרפֿירט מײַן פֿאָלק ישׂראל.
14 אָבער בײַ די נבֿיאים פֿון ירושָלַיִם
האָב איך שוידערהאַפֿטיקס געזען:
מזַנה זײַן, און אומגיין מיט ליגן;
און זיי שטאַרקן די הענט פֿון די שלעכטסטוער,
אַז זיי זאָלן זיך ניט אומקערן קיינער פֿון זײַן בייז;
זיי זײַנען מיר אַלע ווי סדום געוואָרן,
און אירע באַווינער אַזוי ווי עמוֹרָה.
15 דרום האָט גאָט פֿון צבָאוֹת אַזוי געזאָגט אויף די נבֿיאים:
זע, איך מאַך זיי עסן ווערמוט,
און וועל זיי מאַכן טרינקען גיפֿטוואַסער,
וואָרום פֿון די נבֿיאים פֿון ירושָלַיִם
איז אַרויס די זינדיקייט איבערן גאַנצן לאַנד.

16 אַזוי האָט געזאָגט גאָט פֿון צבָאות:
איר זאָלט ניט הערן צו די ווערטער פֿון די נבֿיאים
וואָס זאָגן אײַך נבֿיאות;
זיי פֿאַרנאַרישן אײַך;
די זעאונג פֿון זייער האַרצן רעדן זיי,
ניט אויסן מויל פֿון גאָט.
17 זאָגן זאָגן זיי צו די וואָס פֿאַראַכטן מיך:
גאָט האָט גערעדט: איר עט האָבן שלום;
און איטלעכן וואָס גייט אין דער אײַנגעשפּאַרטיקייט פֿון זײַן האַרצן,
זאָגן זיי: אויף אײַך וועט ניט קומען קיין בייז.
18 אָבער ווער איז געשטאַנען אין דעם סָוד פֿון גאָט,
אַז ער זאָל מערקען און הערן זײַן וואָרט?
ווער האָט פֿאַרנומען זײַן וואָרט און זיך צוגעהערט?

19 זע, אַ שטורעם פֿון גאָט, אַ גרימצאָרן איז אַרויס,
יאָ, אַ דרייַ‌ִאיקער שטורעמווינט;
אויף די קעפּ פֿון די רשעים וועט ער פֿאַלן.
20 ניט אָפּגיין וועט דער צאָרן פֿון גאָט,
ביז ער טוט, און ביז ער איז מקיים,
די גראַכטונגען פֿון זײַן האַרצן;
אין סָוף פֿון די טעג וועט איר דאָס גוט פֿאַרשטיין.
21 איך האָב ניט געשיקט די נבֿיאים,
און זיי זײַנען געלאָפֿן,
איך האָב ניט גערעדט צו זיי,
און זיי האָבן נבֿיאות געזאָגט.
22 און אויב זיי זײַנען געשטאַנען אין מײַן סָוד,
זאָלן זיי לאָזן הערן מײַן פֿאָלק מײַנע ווערטער,
און זאָלן זיי זיי אומקרעקן פֿון זייער שלעכטן וועג,
און פֿון זייערע שלעכטע מעשׂים.

23 בין איך דען אַ גאָט פֿון נאָנטן, זאָגט יהוה,
און ניט אַ גאָט פֿון דער ווײַטן?
24 צי קען זיך פֿאַרבאָרגן אַ מענטש אין פֿאַרבאָרגענישן,
אַז איך זאָל אים ניט זען? זאָגט גאָט.
בין איך ניט פֿול די הימלען און די ערד?
זאָגט גאָט.

25 איך האָב געהערט וואָס די נבֿיאים זאָגן,
די וואָס זאָגן נבֿיאות אין מײַן נאָמען ליגן,
אַזוי צו זאָגן:
מיר האָט זיך געחלומט, מיר האָט זיך געחלומט!
26 ביז וואַנען נאָך?
איז דען אין האַרצן פֿון די נבֿיאים וואָס זאָגן נבֿיאות ליגן,
און די נבֿיאים פֿון דעם באַטרוג פֿון זייער האַרצן –
27 טראַכטן זיי דען צו מאַכן מײַן פֿאָלק פֿאַרגעסן מײַן נאָמען
מיט זייערע חלומות וואָס זיי דערדציילן איינער דעם אַנדערן,
אַזוי ווי זייערע עלטערן האָבן פֿאַרגעסן מײַן נאָמען דורך בעַל?
28 דער נבֿיא וואָס בײַ אים איז אַ חלום,
זאָל דערציילן אַ חלום,
און דער וואָס מײַן וואָרט איז בײַ אים,
זאָל רעדן מײַן וואָרט וואָרהאַפֿטיק.
וואָס האָט שטרוי צו קאָרן?
זאָגט גאָט.

29 פֿאַר וואָר, מײַן וואָרט איז אַזוי ווי פֿײַער,
זאָגט גאָט,
און ווי אַ האַמער וואָס צעהאַקט פֿעלז.

30 דרום זע, איך קום אויף די נבֿיאים, זאָגט גאָט,
וואָס גנבֿען מײַנע ווערטער איינער פֿון אַנדערן.
31 זע, איך קום אויף די נבֿיאים, זאָגט גאָט,

וואָס נעמען זייער צונג און זאָגט אַ געזאָג.
32 זע, איך קום אויף די וואָס זאָגן נבֿיאות פֿאַלשע חלומות,
זאָגט גאָט,
און דערציילן זיי, און פֿאַרפֿירן מײַן פֿאָלק
מיט זייערע שקרים און מיט זייער לײַכטזיניקייט,
ווען איך האָב זיי ניט געשיקט און זיי ניט באַפֿוילן;
און נוצן נוצן זיי ניט דעם דאָזיקן פֿאָלק, זאָגט גאָט.

33 און אַז דאָס דאָזיקע פֿאָלק, אָדער דער נבֿיא, אָדער אַ כּהן, וועט
דיך ווערגן, אַזוי צו זאָגן: וואָס איז די משׂא עף פֿון גאָט? זאָלסטו
זאָגן צו זיי: וואָס איז די משׂא? – אַז איך וועל אײַך פֿאַרוואַרפֿן, זאָגט

גאָט. 34 און דער נבֿיא, און דער כּהן, און דאָס פֿאָלק, וואָס וועט
זאָגן "די משׂא פֿון גאָט", וועל איך זיך אָפּרעכענען מיט יענעם
מענטשן און מיט זײַן הויז. 35 אַזוי זאָלט איר זאָגן איטלעכער צו דײַן
חבר, און איטלעכער צו זײַן ברודער: וואָס האָט גאָט געענטפֿערט?
און: וואָס האָט גאָט גערעדט? 36 אָבער "משׂא פֿון גאָט" זאָלט איר
מער ניט דערמאָנען וואָרום אַ משׂא וועט ווערן פֿאַר איטלעכן זײַן
אייגן וואָרט, ווײַל איר פֿאַרדרייט די ווערטער פֿון דעם לעבעדיקן
גאָט, יהוה פֿון צבֿאָות אונדזער גאָט. 37 אַזוי זאָלסטו זאָגן צום
נבֿיא: וואָס האָט דיר גאָט געענטפֿערט? און: וואָס האָט גאָט
גערעדט? 38 אָבער אַז איר זאָגט "די משׂא פֿון גאָט" – פֿאַר וואָר,
אַזוי האָט גאָט געזאָגט: ווײַל איר האָט געזאָגט דאָס דאָזיקע וואָרט
"די משׂא פֿון גאָט", ווען איך האָב געשיקט צו אײַך, אַזוי צו זאָגן:
איר זאָלט ניט זאָגן "די משׂא פֿון גאָט", 39 דרום זעט, איך וועל אײַך
רײַסנדיק אויסרײַסן, און וועל אַוועקוואַרפֿן אײַך, און די שטאָט וואָס
איך האָב געגעבן אײַך און אײַערע עלטערן, פֿון מײַן פּנים. 40 און איך
וועל ברענגען אויף אײַך אַן אייביקע חרפּה, און אַן אייביקע שאַנד,
וואָס וועט ניט פֿאַרגעסן ווערן.

# כד

1 גאָט האָט מיר געוויזן, ערשט צוויי קערב פֿײַגן זײַנען
אַוועקגעשטעלט פֿאַר דעם טעמפּל פֿון גאָט; נאָכדעם ווי
נבֿוכדנאצַר דער מלך פֿון בבֿל האָט פֿאַרטריבן יכָניָהו דעם זון פֿון
יהוֹיָקימען, דעם מלך פֿון יהודה, און די האַרן פֿון יהודה, און אי
מײַנסטערס און די שלעסערס, פֿון ירושָלַיִם, און זיי געבראַכט קיין
בבֿל. 2 איין קאָרב זייער גוטע פֿײַגן, אַזוי ווי ערשטצײַטיקע פֿײַגן, און
איין קאָרב זייער שלעכטע פֿײַגן, וואָס קענען ניט געגעסן ווערן פֿאַר
שלעכטקייט.
3 און גאָט האָט צו מיר געזאָגט: וואָס זעסטו יִרמיָהו? האָב איך
געזאָגט: פֿײַגן; די גוטע פֿײַגן זײַנען זייער גוטע, און די שלעכטע
זײַנען זייער שלעכטע, וואָס קענען ניט געגעסן ווערן פֿאַר
שלעסטקייט. 4 איז דאָס וואָרט פֿון גאָט געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן:

5 אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פֿון ישׂראל:
אַזוי ווי די דאָזיקע גוטע פֿײַגן
אַזוי וועל איך דערקענען צום גוטן די פֿאַרטריבענע פֿון יהודה.

וואָס איך האָב אַרויסגעשיקט פֿון דעם דאָזיקן אָרט,
אין לאַנד פֿון די כַּשׂדים.
6 און איך וועל טאָן מײַן אויג אויף זיי צום גוטן,
און וועל זיי אומקערן אין דעם דאָזיקן לאַנד;
און איך וועל זיי אויפֿבויען, און ניט צעשטערן,
און איך וועל זיי אײַנפֿלאַנצן, און ניט אויסרײַסן.
און אי וועל זיי געבן אַ האַרץ מיך צו קענען,
אַז איך בין יהוה,
און זיי וועלן מיר זײַן צום פֿאָלק,
7 און איך וועל זיי זײַן צום גאָט,
וואָרום זיי וועלן זיך אומקערן צו מיר מיט זייער גאַנצן האַרצן.
8 און אַזוי ווי די שלעכטע פֿײַגן,
וואָס קענען ניט געגעסן ווערן פֿאַר שלעכטקייט
– פֿאַר וואָר, אַזוי האָט גאָט געזאָגט –
אַזוי וועל איך מאַכן צִדקִיָהו דעם מלך פֿון יהודה,
און זײַנע האַרן, און דעם איבערבלײַב פֿון ירושָלַיִם,
וואָס זײַנען איבערגעבליבן אין דעם דאָזיקן לאַנד,
און די וואָס זיצן אין לאַנד מִצרַיִם.
9 און איך וועל זיי מאַכן פֿאַר אַ שוידער צום בייזן
בײַ אַלע קיניגרײַכן פֿון דער ערד;
פֿאַר אַ שאַנד און פֿאַר אַ שפּריכוואָרט,
פֿאַר אַ שפּאָט און פֿאַר אַקללה,
אין אַלע ערטער וואָס איך וועל זיי פֿאַרשטויסן אַהין.
10 און איך וועל אָנשיקן אויף זיי די שווערד,
דעם הונגער, און די פּעסט,
ביז זיי וועלן פֿאַרלענדט ווערן פֿון דער ערד
וואָס איך האָב געגעבן זיי און זייערע עלטערן.

# כה

1 דאָס וואָרט וואָס איז געווען צו יִרמְיָהון אויף דעם גאַנצן
פֿאָלק פֿון יהודה אין פֿירטן יאָר פֿון יהויָקים דעם זון פֿון
יֹאשִיָהון, דעם מלך פֿון יהודה – דאָס איז דאָס ערשטע יאָר פֿון
נבוכַדראֶצַר דעם מלך פֿון בבֿל – 2 וואָס יִרמְיָהו הנבֿיא האָט
גערעדט צו דעם גאַנצן פֿאָלק פֿון יהודה, און צו אַלע באַווינער פֿון
ירושָלַיִם, אַזוי צו זאָגן:

3 פֿון דרײַנצנטן יאָר פֿון יֹאשִיָהו דעם זון פֿון אָמוֹנען, דעם מלך פֿון
יהודה, אוהן ביז אויף הײַנטיקן טאָג, שיִן דרײַ און צוואַנציק יאָר
איז דאָס וואָרט פֿון גאָט צו מיר, און איך האָב גערעדט צו אײַך,
נאָכאַנאַנד און נאָכאַנאַנד גערעדט, און איר האָט ניט צוגעהערט.
4 און גאָט האָט צו אײַך געשיקט אַלע זײַנען קנעכט די
נבֿיאים, נאָכאַנאַנד און נאָכאַנאַנד געשיקט, – אָבער איר האָט ניט
צוגעהערט און ניט צוגענײַגט אײַער אויער צו הערן – 5 אַזוי צו
זאָגן: קערט אײַך אום פֿאָרט איטלעכער פֿון זײַן שלעכטן וועג, און
פֿון אײַערע שלעכטע מעשׂים, און בלײַבט זיצן אויף דער ערד וואָס
גאָט האָט געגעבן אײַך און אײַערע עלטערן פֿון אײביק און ביז
אײביק, 6 און איר זאָלט ניט גיין נאָך פֿרעמדע געטער זיי צו דינען,
און זיך צו בוקן צו זיי, און איר זאָלט מיך ניט דערצערענען מיט דעם
ווערק פֿון אײַערע הענט, און איך וועל אײַך ניט בייז טאָן. 7 אָבער
איר האָט ניט צוגעהערט צו מיר, זאָגט גאָט, כּדי מיך צו
דערצערענען מיט דעם ווערק פֿון אײַערע הענט, צו אײַער אייגענער
רעה.

8 דרום האָט גאָט פֿון צבָאוֹת אַ אוזי געזאָגט:
ווײַל איר האָט ניט צוגעהערט מײַנע ווערטער,
9 אָט שיק איך און וועל נעמען אַלע משפּחות פֿון צפֿון,
זאָגט גאָט,
און צו נבֿוכַדרֶאצַר דעם מלך פֿון בבֿל, מײַן קנעכט;
און איך וועל זיי ברענגען אויף דעם דאָזיקן לאַנד,
און אויף אירע באַווינער,
און אויף אַלע די דאָזיקע פֿעלקער רונד אַרום,
און איך וועל זיי פֿאַרוויסטן,
און וועל זיי מאַכן פֿאַר אַ שרעק און פֿאַר אַ שמוצערונג,
און פֿאַר אייביקע כורבות.
10 און איך וועל פֿאַרטיליקן פֿון זיי
דעם קָול פֿון לוסטיקייט און דעם קָול פֿון פֿרייד,
דעם קָול פֿון אַ כתן און דעם קָול פֿון אַ כלה,
דאָס גערייאָיש פֿון אַ האַנטמיל,
און דעם שיין פֿון אַ ליכט.
11 און דאָס דאָזיקע גאַנצע לאַנד
וועט ווערן אַ כורבן און אַ וויסטעניש,

און די דאָזיקע פֿעלקער
וועלן דינען דעם מלך פֿון בבֿל זיבעציק יאָר.

12 און עס וועט זײַן, אַז די זיבעציק יאָר וועלן פֿול,
וועל איך זיך רעכענען מיט דעם מלך פֿון בבֿל,
און מיט יענעם פֿאָלק, זאָגט גאָט, פֿאַר זייער זינד,
און מיט דעם לאַנד פֿון די כַּשׂדים;
אוין איך וועל עס מאַכן פֿאַר אײביקע וויסטעניש.
13 און איך וועל ברענגען אויף יענעם לאַנד
אַלע מײַנע ווערטער וואָס איך האָב גערעדט דערויף,
אַלץ וואָס שטייט געשריבן אין דעם דאָזיקן בוך,
וואָס יִרמיָהו האָט נבֿיאות געזאָגט אויף אַלע פֿעלקער.
14 וואָרום פֿיל פֿעלקער און גרויסע מלכים
וועלן אויך זיי פֿאַרקנעכטן;
און איך וועל זיי באַצאָלן לויט זייער טואונג
און לויט דעם ווערק פֿון זייערע הענט.

15 וואָרום אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פֿון ישׂראל צו מיר:

נעם דעם דאָזיקן כּוס מיט ווײַן פֿון גרימצאָרן, פֿון מײַן האַנט,
און זאָלסט אים געבן טרינקען אַלע פֿעלקער
וואָס איך שיק דיך צו זיי.
16 און זיי וועלן טרינקען, און זיך וואַקלען, און משוגע ווערן,
פֿון וועגן דער שווערד וואָס איך שיק צווישן זיי.

17 און איך האָב גענומען דעם כּוס פֿון גאָטס האַנט, און האָב
געגעבן טרינקען אַלע פֿעלקער וואָס גאָט האָט מיך צו זיי געשיקט:
18 ירושָלַיִם, און די שטעט פֿון יהודה, און אירע מלכים, אירע
האַרן, כּדי זיי צו מאַכן פֿאַר אַ כורבן, פֿאַר אַ שרעק, פֿאַר אַ
שמוצערונג, און פֿאַר אַ קללה, אַזוי ווי הײַנטיקן טאָג; 19 פּרעה דעם
מלך פֿון מִצרַיִם, און זײַנע קנעכט, און זײַנע האַרן, און זײַן גאַנצן
פֿאָלק; 20 און אַלע געמישטע פֿעלקער, און אַלע מלכים פֿון לאַנד
עוץ, און אַלע מלכים פֿון לאַנד פּלִשתּים, און אַשקלון, און עַזָה, און
עֶקרון, און דעם איבערבלײַב פֿון אַשדוד; 21 אֶדום, און מֹאָב, און די
קינדער פֿון עַמון; 22 און אַלע מלכים פֿון צור, און אַלע מלכים פֿון
צידון, און די מלכים פֿון דעם אינדזל וואָס אויף יענער זײַט אים;

23 דדָן, און תֵּימאָ, און בוז, און אַלע וואָס מיט אָפּגעהאַקטע
האָרעקן; 24 און אַלע מלכים פֿון עֲרָב, און אַלע מלכים פֿון די
געמישטע פֿעלקער, וואָס וווינען אין מדבר; 25 און אַלע מלכים פֿון
זמרי, און אַלע מלכים פֿון עֵילָם, און אַלע מלכים פֿון מָדַי; 26 און
אַלע מלכים פֿון צפֿון, די נאָנטע און די ווײַטע, איינעם נאָכן אַנדערן,
און אַלע קיניגרײַכן פֿון דער וועלט וואָס אויפֿן געזיכט פֿון דער ערד.
און דער מלך פֿון שֵׁשַך זאָל טרינקען נאָך זיי. 27 און זאָלסט זאָגן צו
זיי:

אַזוי האָט געזאָגט יהוה פֿון צבָאות,
דער גאָט פֿון ישׂראל;
טרינקט און ווערט שיכּור, און ברעכט,
און פֿאַלט און שטייט ניט אויף,
פֿון וועגן דער שווערד וואָס איך שיק צווישן אײַך.

28 און עס וועט זײַן, אַז זיי וועלן ניט וועלן נעמען דעם כּוס פֿון דײַן
האַנט, צו טרינקען, זאָלסטו זאָגן צו זיי:

אַזוי האָט געזאָגט גאָט פֿון צבָאות:
טרינקען מוזט איר טרינקען!
29 וואָרום זעט, מיט דער שטאָט
וואָס מײַן נאָמען ווערט גערופֿן אויף איר,
הייב איך אָן בייז צו טאָן,
און איר זאָלט שוינען פֿאַרשוינט ווערן?
איר וועט ניט פֿאַרשוינט ווערן,
וואָרום איך רוף אַ שווערד
אויף אַלע באַוווינער פֿון דער ערד,
זאָגט גאָט פֿון צבָאות.

30 און דו זאָלסט נבֿיאות זאָגן אויף זיי אַלע די דאָזיקע ווערטער, און
זאָגן צו זיי:

גאָט ברילט פֿון דער הייך,
און פֿון זײַן הייליקער וווינונג לאָזט ער אַרויס זײַן קָול:
ברילן ברילט ער איבער זײַן פּיטערפּלאַץ,
"הֵידָד!" ווי ווײַנטערעטער שרײַט ער
אויף אַלע באַוווינער פֿון דער ערד.

31 דער ליאַרעם גרייכט ביז עק ערד,
וואָרום גאָט האָט אַ קריג מיט די פֿעלקער,
ער משפּט זיך מיט אַלע לייַבער;
די רשעים, זיי גיט ער איבער צום שווערד,
זאָגט גאָט.

32 אַזוי האָט געזאָגט גאָט פֿון צבֿאָות:
זע, אַן אומגליק גייט אַרויס
פֿון פֿאָלק צו פֿאָלק,
און אַ גרויסער שטורעם וועט זיך דערוועקן
אין די עקן פֿון דער ערד.
33 און די דערשלאָגענע פֿון גאָט וועלן זייַן אין יענעם טאָג
פֿון עק ערד ביז עק ערד;
זיי וועלן ניט באַקלאָגט, און ניט אייַנגעזאַמלט
און ניט באַגראָבן ווערן;
צו מיסט אויפֿן געזיכט פֿון דער ערד וועלן זיי זייַן.
34 יאָמערט, איר פּאַסטוכער, און שרייַט,
און קייַקלט אייַך אין שטויב, איר פֿירער פֿון די שאָף,
וואָרום אייַערע טעג זייַנען פֿול צום שעכטן;
און איך וועל אייַך צעברעכן,
און איר וועט פֿאַלן ווי אַ כּלי אַ טייַערע.
35 און קיין אַנטלויפֿונג וועט ניט זייַן פֿאַר די פּאַסטוכער,
און קיין אַנטרינונג פֿאַר די פֿירער פֿון די שאָף.
36 אַ קָול פֿון געשריי פֿון די פּאַסטוכער,
און אַ יללה פֿון די פֿירער פֿון די שאָף!
וואָרום גאָט פֿאַרוויסט זייער פּיטערונג.
37 און פֿאַרשניטן וועלן ווערן די פֿרידלעכע פּיטער פלעצער,
פֿון וועגן דעם גרימצאָרן פֿון גאָט.
38 ער האָט פֿאַרלאָזן ווי אַ יונגלייב זיי צודעק;
זייער לאַנד איז געוואָרן צו וויסט
פֿון וועגן דעם גרים פֿון דער פֿאַרטיליקערין,
און פֿון וועגן דעם גרים פֿון זייַן צאָרן.

כו 1 אין אָנהייב פֿון דער מלוכה פֿון יהוֹיָקים דעם זון פֿון
יֹאשִיָהון, דעם מלך פֿון יהודה, איז געווען דאָס דאָזיקע וואָרט
פֿון גאָט, אַזוי צו זאָגן: 2 אַזוי האָט גאָט געזאָגט: שטעל זיך אין הויף
פֿון גאָטס הויז, און זאָלסט רעדן צו אַלע שטעט פֿון יהודה וואָס
קומען זיך בוקן אין הויז פֿון גאָט, אַלע ווערטער וואָס איך האָב דיר
באַפֿוילן צו רעדן צו זיי; זאָלסט ניט מינערן אַ וואָרט. 3 אפֿשר וועלן
זיי הערן, און זיי וועלן זיך אומקערן איטלעכער פֿון זייַן שלעכטן וועג,
און איך וועל חרטה האָבן אויף דעם בייז וואָס איך טראַכט זיי צו
טאָן, פֿון וועגן זייערע שלעכטע מעשׂים. 4 און זאָלסט זאָגן צו זיי:
אַזוי האָט גאָט געזאָגט: אויב איר וועט ניט צוהערן צו מיר, צו גיין
אין מייַן תּוֹרה וואָס איך האָב געלייגט פֿאַר אייַך, 5 צוצוהערן צו די
ווערטער פֿון מייַנע קנעכט די נבֿיאים, וואָס איך שיק צו אייַך, און
שיק נאָכאַנאַנד און נאָכאַנאַנד, און איר האָט ניט צוגעהערט, 6 וועל
איך מאַכן דאָס דאָזיקע הויז אַזוי ווי שילוֹ, און די דאָזיקע שטאָט וועל
איך מאַכן פֿאַר אַ קללה ביי אַלע פֿעלקער פֿון דער ערד.

7 און די כֹּהנים און די נבֿיאים און דאָס גאַנצע פֿאָלק האָבן געהערט
יִרמיָהון רעדן די דאָזיקע ווערטער אין הויז פֿון גאָט. 8 און עס איז
געווען, ווי יִרמיָהו האָט געענדיקט רעדן אַלץ וואָס גאָט האָט אים
באַפֿוילן צו רעדן צום גאַנצן פֿאָלק, אַזוי האָבן די כֹּהנים און די
נבֿיאים און דאָס גאַנצע פֿאָלק אים אָנגעכאַפּט, אַזוי צו זאָגן:
שטאַרבן מוזטו שטאַרבן! 9 אַלמאַי האָסטו נבֿיאות געזאָגט אין
נאָמען פֿון גאָט, אַזוי צו זאָגן: אַזוי ווי שילוֹ וועט ווערן דאָס דאָזיקע
הויז, און די דאָזיקע שטאָט וועט זייַן וויסט אָן אַ באַוווינער? און
דאָס גאַנצע פֿאָלק האָט זיך אייַנגעזאַמלט קעגן יִרמיָהון אין הויז פֿון
גאָט.

10 און די האַרן פֿון יהודה האָבן געהערט די דאָזיקע ווערטער, און
זיי זייַנען אַרויפֿגעקומען פֿון דעם מלכס הויז אין הויז פֿון גאָט, און
האָבן זיך געזעצט אין אייַנגאַנג פֿון דעם נייַעם טויער פֿון גאָט.
11 און די כֹּהנים און די נבֿיאים האָבן געזאָגט צו די האַרן און צום
גאַנצן פֿאָלק, אַזוי צו זאָגן: טויטשטראָף קומט דעם דאָזיקן מאַן,
ווייַל ער האָט נבֿיאות געזאָגט אויף דער דאָזיקער שטאָט, אַזוי ווי
איר האָט געהערט מיט אייערע אויערן. 12 האָט יִרמיָהו געזאָגט צו
אַלע האַרן און צום גאַנצן פֿאָלק, אַזוי צו זאָגן: גאָט האָט מיך
געשיקט נבֿיאות צו זאָגן אויף דעם דאָזיקן הויז און אויף דער

דאָזיקער שאָטט אַלע ווערטער וואָס איר האָט געהערט. 13 און
אַצונד בעסערט אײַערע וועגן און אײַערע מעשׂים, און הערט צו דעם
קָול פֿון יהוה אײַער גאָט, און יהוה וועט חרטה האָבן אויף דעם בײז
וואָס ער האָט אָנגעזאָגט אויף אײַך. 14 און איך, אָט בין איך אין
אײַערע הענט, טוט מיט מיר אַזוי ווי עס איז ווויל און ווי עס איז
רעכטפֿאַרטיק אין אײַערע אויגן. 15 אָבער וויסן זאָלט איר וויסן זײַן,
אַז אויב איר טײט מיך, ברענגט איר אומשולדיק בלוט אויף אײַך, און
אויף
דער דאָזיקער שטאָט, און אויף אירע באַוווינער, וואָרום גאָט האָט
מיך באמת געשיקט צו אײַך, צו רעדן אין אײַערע אויערן אַלע די
דאָזיקע ווערטער.

16 האָבן די האַרן און דאָס גאַנצע פֿאָלק געזאָגט צו די כֹּהנים און צו
די נבֿיאים: דעם דאָזיקן מאַן קומט ניט טויטשטראָף, וואָרום אין
נאָמען פֿון יהוה אונדזער גאָט האָט ער גערעדט צו אונדז. 17 און
מענער פֿון די עלטססטע פֿון לאַנד זײַנען אויפֿגעשטאַנען, און האָבן
געזאָגט צו דער גאַנצער אײַנזאַמלונג פֿון פֿאָלק, אַזוי צו זאָגן:
18 מיכָה פֿון מורֶשֶת פֿלעגט נבֿיאות זאָגן אין די טעג פֿון כִּזקִיָהו דעם
מלך פֿון יהודה, און האָט געזאָגט צום גאַנצן פֿאָלק פֿון יהודה אַזוי
צו זאָגן:

אַזוי האָט געזאָגט גאָט פֿון צבָאוֹמת:
צִיוֹן וועט ווי אַ פֿעלד צעאַקערט ווערן,
און ירושָלַיִם וועט הויפֿנס ווערן,
און דער באַרג פֿון גאָטס הויז צו וואַלדיקע הייכן.

19 האָבן אים דען טייטן געטייט כִּזקִיָהו דער מלך פֿון יהודה און
גאַנץ יהודה? פֿאַר וואָרק, ער האָט מוֹרא געהאַט פֿאַר גאָט, און ער
האָט געבעטן בײַ גאָט, און גאָט האָט חרטה געהאַט אויף דעם בײז
וואָס ער האָט אָנגעזאָגט אויף זיי; און מיר טוען זיך אַליין אַ גרויס
בײז.

20 און נאָך אַ מאַן פֿלעגט נבֿיאות זאָגן אין נאָמען פֿון גאָט, אוּרִיָהו
דער זון פֿון שמַעיָהון, פֿון קִריַת-יעָרים; און ער האָט נבֿיאות געזאָגט
אויף דער דאָזיקער שטאָט און אויף דעם דאָזיקן לאַנד, אַזוי ווי אַלע
ווערטער פֿון יִרמיָהוין. 21 און דער מלך יהוֹיָקים, און אַלע זײַנע

גיבורים, און אַלע האַרן, האָבן געהערט זײַנע ווערטער, און דער מלך
האָט אים געזוכט צו טייטן; אָבער אוריָהו האָט געהערט דערפֿון, און
ער האָט מורא געקריגן, און איז אַנטלאָפֿן און געקומען קיין מִצרַיִם.
22 האָט דער מלך יהוֹיָקים געשיקט מענטשן קיין מִצרַיִם, אֶלנָתָן דעם
זון פֿון עַכבּוֹרן, און נאָך מענטשן מיט אים, קיין מִצרַיִם. 23 און זיי
האָבן אַרויסגעצויגן אוּריָהון פֿון מִצרַיִם, און האָבן אים געבראַכט
צום מלך יהוֹיָקים, און ער האָט אים דערשלאָגן מיטן שווערד, און
אַוועקגעוואָרפֿן זײַן טויט לײַב צווישן די קברים פֿון די קינדער פֿון
פֿאָלק. 24 אָבער די האַנט פֿון אַחיקָם דעם זון פֿון שָפָן איז געווען
מיט יִרמיָהון, אַז מע זאָל אים ניט געבן אין דער האַנט פֿון פֿאָלק
אים צו טייטן.

# כז

1 אין אָנהייב פֿון דער מלוכה פֿון יהוֹיָקים דעם זון פֿון
יֹאשִיָהון, דעם מלך פֿון יהודה, איז געווען דאָס דאָזיקע וואָרט
צו יִרמיָהן פֿון גאָט, אַזוי צו זאָגן: 2 אַזוי האָט געזאָגט גאָט צו מיר:
מאַך דיר בינדשטריק און יאָכשטאַנגען, און זאָלסט זיי אָנטאָן אויף
דײַן האַלדז. 3 און זאָלסט זיי שיקן צו דעם מלך פֿון אֶדוֹם, און צו
דעם מלך פֿון מואָבֿ, און צו דעם מלך פֿון די קינדער פֿון עַמוֹן, און צו
דעם מלך פֿון צוֹר, און צו דעם מלך פֿון צידוֹן, דורך דער האַנט פֿון די
שלוחים
וואָר קומען קיין ירושָלַיִם צו צִדקִיָהו דעם מלך פֿון יהודה. 4 און
זאָלסט זיי באַפֿעלן פֿאַר זייערע האַרן, אַזוי צו זאָגן: אַזוי האָט
געזאָגט יהוה פֿון צבָאוֹת, דער גאָט פֿון ישׂראל: אַזוי זאָלט איר זאָגן
צו אײַערע האַרן: 5 איך האָב געמאַכט די ערד, די מענטשן און די
בהמות וואָס אויפֿן ווערזיכט פֿון דער ערד, מיט מײַן גרויס שטאַרקייט,
און מיט מײַן אויסגעשטרעקטן אָרעם; און איך גיב עס צו דעם וואָס
איז ווילגעפֿעלן אין מײַנע אויגן. 6 און אַצונד האָב איך געגעבן אַלע
די דאָזיקע לענדער אין דער האַנט פֿון נבוכַדנֶצַר דעם מלך פֿון בבֿל,
מײַן קנעכט, און אויך די חיה פֿון פֿעלד האָב איך אים געגעבן אים צו
דינען. 7 און אַלע פֿעלקער וועלן דינען אים, און זײַן זון, און זײַן זונס
זון, ביז עס קומט די צײַט אויך פֿון זײַן לאַנד, און פֿיל פֿעלקער און
גרויסע מלכים וועלן אים פֿאַרקנעכטן. 8 און עס וועט זײַן, דאָס
פֿאָלק און דאָס קיניגרײַך וואָס וועט אים, נבוכַדנֶצַר דעם מלך פֿון
בבֿל, ניט דינען, און וואָס וועט ניט אַרײַנטאָן זײַן האַלדז אין דעם

יאָך פֿון דעם מלך פֿון בבֿל, וועל איך מיט שווערד און מיט הונגער
און מיט פּעסט זיך אָפּרעכענען מיט יענעם פֿאָלק, זאָגט גאָט, ביז
איך טו זיי פֿאַרלענדן דורך זײַן האַנט. 9 און איר זאָלט ניט צוהערן צו
אײַערע נבֿיאים, און צו אײַערע וואָרזאָגער, און צו אײַערע חלומות,
און צו אײַערע צײכנזעער, און צו אײַערע מכשפֿים, וואָס זאָגן אײַך,
אַזוי צו זאָגן: איר וועט ניט דינען דעם מלך פֿון בבֿל. 10 וואָרום ליגן
זאָגן זיי אײַך נבֿיאות, כּדי אײַך צו דערווײַטערן פֿון אײַוער ערד, און
כּדי איך זאָל אײַך פֿאַרשטויסן, און איר זאָלט אונטערגיין. 11 אָבער
דאָס פֿאָלק וואָס וועט אַרײַנברענגען זײַן האַלדז אין דעם יאָך פֿון
דעם מלך פֿון בבֿל, און וועט אים דינען, וועל איך אים לאָזן אויף זײַן
ערד, זאָגט גאָט, און ער עט זי באַאַרבעטן, און זיצן אויף איר.

12 אויך צו צִדקִיָה דעם מלך פֿון יהודה האָב איך גערעדט אַזוי ווי
אַלע די דאָזיקע ווערטער, אַזוי צו זאָגן: ברענגט אַרײַן אײַער האַלדז
אין דעם יאָך פֿון דעם מלך פֿון בבֿל, און דינט אים און זײַן פֿאָלק,
און בלײַבט לעבן. 13 נאָך וואָס זאָלט איר שטאַרבן, דו און דײַן
פֿאָלק, פֿון שווערד, פֿון הונגער, און פֿון פּעסט, אַזוי ווי גאָט האָט
אָנגעזאָגט אויף דעם פֿאָלק וואָס וועט ניט דינען דעם מלך פֿון בבֿל?
14 און איר זאָלט ניט צוהערן צו די ווערטער פֿון די נבֿיאים וואָס
זאָגן צו אײַך, אַזוי צו זאָגן: איר זאָלט ניט דינען דעם מלך פֿון בבֿל;
וואָרום ליגן זאָגן זיי אײַך נבֿיאות. 15 וואָרום איך האָב זיי ניט
געשיקט, זאָגט גאָט, און זיי זאָגן נבֿיאות אין מײַן נאָמען אויף ליגן,
כּדי איך זאָל אײַך פֿאַרשטויסן, און אי איר זאָלט אונטערגיין, אי די
נבֿיאים וואָס זאָגן אײַך נבֿיאות.

16 און צו די כּהנים און צו דעם דאָזיקן גאַנצן פֿאָלק האָב איך
גערעדט, אַזוי צו זאָגן: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: איר
זאָלט ניט צוהערן צו די ווערטער פֿון אײַערע נבֿיאים וואָס זאָגן אײַך
נבֿיאות, אַזוי צו זאָגן: אָט וועלן די כּלים פֿון גאָטס הויז אַצונד אין
גיכן אומגעקערט ווערן פֿון בבֿל; וואָרום ליגן זאָגן זיי אײַך נבֿיאות.
17 איר זאָלט ניט צוהערן צו זיי; דינט דעם מלך פֿון בבֿל, און בלײַבט
לעבן; נאָך וואָס זאָל די דאָזיקע שטאָט ווערן אַ וויסטעניש? 18 און
אויב זיי זײַנען נבֿיאים, און אויב דאָס וואָרט פֿון גאָט איז בײַ זיי,
זאָלן זיי אַקאָרשט בעטן בײַ גאָט פֿון צבֿאָות, אַז די כּלים וואָס זײַנען
נאָך געבליבן אין הויז פֿון גאָט, און אין הויז פֿון דעם מלך פֿון יהודה,
און אין ירושָלַיִם, זאָלן ניט אָנקומען קיין בבֿל. 19 וואָרום אַזוי האָט

געזאָגט גאָט פֿון צבָאוֹמות אויף די זײַלן, און אויף דעם ים, און אויף
די געשטעלן, און אויף דעם רעשט כּלים, וואָס זײַנען געבליבן אין
דער דאָזיקער שטאָט, 20 די וואָס נבוכַדנֶצַר דער מלך פֿון בבֿל האָט
זיי ניט צוגענומען, ווען ער האָט פֿאַרטריבן יכָניָה דעם זון פֿון
יהוֹיָקימען, דעם מלך פֿון יהודה, פֿון ירושָלַיִם קיין בבֿל, מיט אַלע
אַדללײַט פֿון יהודה און ירושָלַיִם; 21 פֿאַר וואָר, אַזוי האָט געזאָגט
יהוה פֿון צבָאוֹמות, דער גאָט פֿון ישׂראל, אויף די כּלים וואָס זײַנען
געבליבן אין הויז פֿון גאָט, און אין הויז פֿון דעם מלך פֿון יהודה, און
אין ירושָלַיִם: 22 קיין בבֿל וועלן זיי געבראַכט ווערן, און דאָרטן וועלן
זיי זײַן, ביז דעם טאָג וואָס איך טו זיך דערמאָנען אָן זיי, זאָגט גאָט,
און וועל זיי אויפֿברענגען און זיי אומקערן צו דעם דאָזיקן אָרט.

# כח

1 און עס איז געווען אין יענעם יאָר, אין אָנהייב פֿון דער
מלוכה פֿון צדקִיָה דעם מלך פֿון יהודה, אין פֿירטן יאָר, אין
פֿינפֿטן חודש, האָט צו מיר געזאָגט חנַניָה דער זון פֿון עַזור דעם
נבֿיא וואָס פֿון גִבעוֹן, אין הויז פֿון גאָט פֿאַר די אויגן פֿון די כֹּהנים
און פֿון גאַנצן פֿאָלק, אַזוי צו זאָגן: 2 אַזוי האָט גערעדט יהוה פֿון
צבָאוֹמות, דער גאָט פֿון ישׂראל, אַזוי צו זאָגן: איך האָב צעבראָכן
דעם יאָך פֿון דעם מלך פֿון בבֿל. 3 אין נאָך צוויי יאָר צײַט קער איך
אום צו דעם דאָזיקן אָרט אַלע כּלים פֿון גאָטס הויז,וואָס נבוכַדנֶצַר
דער מלך פֿון בבֿל האָט אַוועקגענומען פֿון דעם דאָזיקן אָרט, און זיי
געבראַכט קיין בבֿל; 4 און יכָניָה דעם זון פֿון יהוֹיָקימען, דעם מלך
פֿון יהודה, און אַלע פֿאַרטריבענע פֿון יהודה, וואָס זײַנען געקומען
קיין בבֿל, קער איך אום צו דעם דאָזיקן אָרט, זאָגט גאָט; וואָרום איך
וועל צעברעכן דעם יאָך פֿון דעם מלך פֿון בבֿל.

5 האָט יִרמיָה הנבֿיא געזאָגט צו חנַניָה דעם נבֿיא פֿאַר די אויגן
פֿון די כֹּהנים, און פֿאַר די אויגן פֿון דעם גאַנצן פֿאָלק, וואָס זײַנען
געשטאַנען אין הויז פֿון גאָט – 6 האָט יִרמיָה הנבֿיא געזאָגט: אָמן!
זאָל גאָט טאָן אַזוי! זאָל גאָט מקיים זײַן דײַנע ווערטער וואָס דו
האָסט נבֿיאות געזאָגט, אומצוקערן די כּלים פֿון גאָטס הויז, און אַלע
פֿאַרטריבענע, פֿון בבֿל צו דעם דאָזיקן אָרט. 7 אָבער הער אַקאָרשט
דאָס דאָזיקע וואָרט, וואָס איך רעד אין דײַנע אויערן, און אין די
אויערן פֿון גאַנצן פֿאָלק: 8 די נבֿיאים וואָס זײַנען געווען פֿאַר מיר

און פֿאַר דיר פֿון אייביק אָן, האָבן נבֿיאות געזאָגט איבער פֿיל
לענדער, און איבער גרויסע מלוכות, אויף מלחמה, און אויף
אומגליק, און אויף פעסט. 9 דער נבֿיא וואָס זאָגט נבֿיאות אויף
שלום, איז, ערשט אַז דאָס וואָרט פֿון דעם נבֿיא קומט אָן, וועט
דער נבֿיא דערקענט, אַז גאָט האָט אים מיט אַן אמת געשיקט.

10 האָט חנניָה דער נבֿיא אַראָפּגענומען דעם יאָכשטאַנג פֿון ירמיָה
הנבֿיאס האַלדז, און האָט אים צעבראָכן. 11 און חנניָה האָט געזאָגט
פֿאַר די אויגן פֿון גאַנצן פֿאָלק, אַזוי צו זאָגן: אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
אַזוי וועל איך צעברעכן דעם יאָך פֿון נבוכדנעצר דעם מלך פֿון בבֿל,
אין נאָך צוויי יאָר צייַט, פֿון דעם האַלדז פֿון אַלע פֿעלקער. – און
ירמיָה הנבֿיא איז געגאַנגען אויף זייַן וועג.

12 און דאָס וואָרט פֿון גאָט איז געווען צו ירמיָהן, נאָכדעם ווי חנניָה
דער נבֿיא האָט צעבראָכן דעם יאָכשטאַנג פֿון ירמיָה הנבֿיאס האַלדז,
אַזוי צו זאָגן: 13 גיי, און זאָלסט זאָגן צו חנניָהן, אַזוי צו זאָגן:

אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
הילצערנע שטאַנגען האָסטו צעבראָכן,
און וועסט מאַכן אָנשטאָט זיי אײַזערנע שטאַנגען.
14 וואָרום אַזוי האָט געזאָגט יהוה פֿון צבָאוֹת,
דער גאָט פֿון ישׂראל:
אַן אײַזערנעם יאָך האָב איך געגעבן
אויפֿן האַלדז פֿון אַלע די דאָזיקע פֿעלקער,
צו דינען נבוכדנעצר דעם מלך פֿון בבֿל,
און זיי וועלן אים דינען;
און אַפֿילו די חיה פֿון פֿעלד האָב איך אים געגעבן.

15 און ירמיָה הנבֿיא האָט געזאָגט צו חנניָה דעם נבֿיא: הער
אַקאָרשט, חנניָה, גאָט האָט דיך ניט געשיקט, און דו האָסט
פֿאַרזיכערט דאָס דאָזיקע פֿאָלק אויף ליגן. 16 דרום האָט גאָט אַזוי
געזאָגט: זע, איך שיק דיך אַוועק פֿון געזיכט פֿון דער ערד; הײַיאָר
וועסטו שטאַרבן, ווײַל אָפּקערונג האָסטו גערעדט קעגן גאָט. –
17 און חנניָה דער נבֿיא איז געשטאָרבן אין יענעם יאָר אין זיבעטן
חודש.

# כט

1 און דאָס זײַנען די ווערטער פֿון דעם בריוו וואָס יִרמיָה
הנבֿיא האָט געשיקט פֿון ירושָלַיִם צו דעם איבערבלײַב פֿון
די עלטסטע פֿון די פֿאַרטריבענע, און צו די כֹּהנים, און צו די
נבֿיאים, און צו דעם גאַנצן פֿאָלק, וואָס נבוכַדנֶצַר האָט פֿאַרטריבן
פֿון ירושָלַיִם קיין בבֿל; 2 נאָכדעם ווי יכָניָה דער מלך, און די מוטער-
מלכּה, און די הויפֿדינער, די האַרן פֿון יהודה און ירושָלַיִם, און די
מײַנסטערס און די שלעסערס, זײַנען אַרויסגעגאַנגען פֿון ירושָלַיִם;
3 דורך דער האַנט פֿון אֶלעָשָׂה דעם זון פֿון שָפָ־נען, און גמַריָה דעם
זון פֿון חִלקִיָהן, וואָס צִדקִיָה דער מלך פֿון יהודה האָט געשיקט צו
נבוכַדנֶצַר דעם מלך פֿון בבֿל קיין בבֿל – אַזוי צו זאָגן:

4 אַזוי האָט געזאָגט יהוה פֿון צבָאוֹת,
דער גאָט פֿון ישׂראל,
צו אַלע פֿאַרטריבענע וואָס איך האָב פֿאַרטריבן
פֿון ירושָלַיִם קיין בבֿל:
5 בויט הײַזער און באַוווינט,
און פֿלאַנצט גערטנער און עסט זייער פּרוכט;
6 נעמט ווײַבער, און געבערט זין און טעכטער,
און נעמט ווײַבער פֿאַר אײַערע זין,
און גיט אויס אײַערע טעכטער צו מאַנען,
און זאָלן זיי געבערן זין און טעכטער,
און מערט אײַך דאָרטן, און מינערט אײַך ניט.
7 און זוכט דעם פֿריד פֿון דער שטאָט
וואָס איך האָב אײַך פֿאַרטריבן אַהין,
און זײַט מתפּלל פֿאַר איר צו גאָט,
וואָרום אין איר פֿריד וועט זײַן פֿריד צו אײַך.

8 וואָרום זוי האָט געזאָגט יהוה פֿון צבָאומת,
דער גאָט פֿון ישׂראל:
זאָל אײַך ניט נאַרן אײַערע נבֿיאים וואָס צווישן אײַך,
און אײַערע וואָרזאָגערס,
און איר זאָלט ניט צוהערן צו אײַערע חלוֹמות
וואָס איר לאָזט חלומען.
9 וואָרום מיט ליגן זאָגן זיי אײַך נבֿיאות אין מײַן נאָמען;
איך האָב זיי ניט געשיקט, זאָגט גאָט.

10 וואָרום אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
וואַרוואָר, ווען זיבעציק יאָר ווערן פֿון אויף בבֿל,
וועל איך זיך דערמאָנען אָן אייַך,
און וועל מקיים זייַן מייַן גוטן צוזאָג,
אייַך אומצוקערן צו דעם דאָזיקן אָרט.
11 וואָרום איך ווייס די טראַכטונגען
וואָס איך טראַכט וועגן אייַך, זאָגט גאָט,
טראַכטונגען פֿון פֿריד, און ניט צום בייזן,
כּדי אייַך צו געבן אַ לעצט און אַ האָפֿנונג.
12 און איר וועט מיך רופֿן,
און איר וועט גיין און וועט מתפּלל זייַן צו מיר,
און איך וועל צויהערן צו אייַך.
13 און איר וועט מיך זוכן און געפֿינען,
אַז איר וועט מיך פֿאָרשן מיט אייַער גאַנצן האַרצן.
14 און איך וועל זיך לאָזן געפֿינען פֿון אייַך, זאָגט גאָט,
און איך וועל אומקערן אייַער געפֿאַנגענשאַפֿט,
און וועל אייַך אייַנזאַמלען פֿון אַלע פֿעלקער,
און פֿון אַלע ערטער,
וואָס איך האָב אייַך פֿאַרשטויסן אַהין, זאָגט גאָט,
און איך וועל אייַך אומקערן צו דעם אָרט,
וואָס איך האָב אייַך פֿאַרטריבן פֿון דאָרטן.
15 ווייַל איר האָט געזאָגט:
גאָט האָט אונדז אויפֿגעשטעלט נבֿיאים אין בבֿל.

16 וואָרום אַזוי האָט גאָט געזאָגט
אויף דעם מלך וואָס זיצט אויפֿן טראָן פֿון דוד,
און אויף דעם גאַנצן פֿאָלק וואָס זיצט אין דער דאָזיקער שטאָט –
אייַערע ברידער וואָס זייַנען ניט אַרויס מיט אייַך אין גלות:
17 אַזוי האָט געזאָגט גאָט פֿון צבֿאָומת:
זע, איך שיק אָן אויף זיי די שווערד,
דעם הונגער, און די פּעסט,
און איך וועל זיי מאַכן אַזוי ווי עקלדיקע פֿייַגן
וואָס קענען ניט געגעסן וואָרן פֿאַר שלעכטקייט.
18 און איך וועל זיי נאָכיאָגן מיט דער שווערד,
מיטן הונגער, און מט דער פּעסט,
און איך וועל זיי מאַכן פֿאַר אַ שוידער

ביַי אַלע קיניגרײַכן פֿון דער ערד,
פֿאַר אַ קללה, און פֿאַר אַ שרעק,
און פֿאַר אַ שמוצערונג, און פֿאַר אַ שאַנד,
צווישן אַלע פֿעלקער, וואָס איך האָב זיי פֿאַרשטויסן אַהין;
19 פֿאַר וואָס זיי האָבן ניט צוגעהערט
צו מײַנע ווערטער, זאָגט גאָט,
ווען איך האָב בעשיקט צו זיי מײַנע קנעכט די נבֿיאים,
נאָכאַנאַנד און נאָכאַנאַנד געשיקט;
און איר האָט ניט צוגעהערט, זאָגט גאָט.

20 דרום הערט דאָס וואָרט פֿון גאָט, איר אַלע פֿאַרטריבענע,
וואָס איך האָב אַרויסגעשיקט פֿון ירושָלַיִם קיין בבֿל:
21 אַזוי האָט געזאָגט יהוה פֿון צבָאוֹת, דער גאָט פֿון ישׂראל,
אויף אַכְאב דעם זון פֿון קוֹלָיָהן,
און אויף צִדקִיָהו דעם זון פֿון מַעֲשֵׂיָהן,
וואָס זאָגן אײַך נבֿיאות אין מײַן נאָמען ליגן:
זע, איך גיב זיי אין דער האַנט
פֿון נבוכַדרֶאצַר דעם מלך פֿון בבֿל,
און ער וועט זיי דערשלאָגן פֿאַר אײַערע אויגן.

22 און פֿון זיי וועט גענומען ווערן אַ קללה
ביַי אַלע פֿאַרטריבענע פֿון יהודה וואָס אין בבֿל,
אַזוי צו זאָגן: זאָל דיך גאָט מאַכן
אַזוי ווי צִדקִיָהו און אַזוי ווי אֶכָב,
וואָס דער מלך פֿון בבֿל האָט זיי פֿאַרברענט אין פֿײַער!
23 ווײַל זיי האָבן געטאָן נבָלות אין ישׂראל,
און מזַנה געווען מיט די ווײַבער פֿון זייערע חברים,
און פֿאַלש גערעדט אין מײַן נאָמען ווערטער
וואָס איך האָב זיי ניט באַפֿוילן;
אָבער איך ווייס, און בין עדות, זאָגט גאָט.

24 און אויף שמַעיָהון פֿון נֶכלָם זאָלסטו זאָגן, אַזוי צו זאָגן: 25 אַזוי
האָט געזאָגט יהוה פֿון צבָאוֹת, דער גאָט פֿון ישׂראל, אַזוי צו זאָגן:
ווײַל דו האָסט געשיקט אין דײַן נאָמען בריוו צום גאַנצן פֿאָלק וואָס
אין ירושָלַיִם, און צו צפַנְיָה דעם זון פֿון מַעֲשֵׂיָהן, דעם כֹּהן, און צו
אַלע כֹּהנים, אַזוי צו זאָגן: 26 גאָט האָט דיך געמאַכט פֿאַר אַ כֹּהן

אויפֿן אָרט פֿון יהוֹיָדָע דעם כֹּהן, כּדי עס זאָלן זײַן אויפֿזעער אין הויז
פֿון גאָט איבער איטלעכן משוגענעם און נבֿיאות-זאָגער, און דו
זאָלסט אים אַרײַנטאָן אין דעם צוואַנגקלאָץ און אין דעם האַלזרינג.
27 און אַצונד, אַלמאַי האָסטו ניט אָנגעשריען אויף יִרמיָהון פֿון
עֲנָתות, וואָס מאַכט זיך פֿאַר אַ נבֿיא צו אײַך? 28 וואָרום ער האָט
דאָך געשיקט צו אונדז קיין בבֿל: אַזוי צו זאָגן: דאָס איז אויף לאַנג;
בויט הײַזער און באַווינט, און פֿלאַנצט גערטנער און עסט זייער
פֿרוכט.

29 און צפֿניָה דער כֹּהן האָט געלייענט דעם דאָזיקן בריוו אין די
אויערן פֿון יִרמיָהו הנבֿיא. 30 און דאָס וואָרט פֿון גאָט איז געווען צו
יִרמיָהון, אַזוי צו זאָגן: 31 שיק צו אַלע פֿאַרטריבענע, אַזוי צו זאָגן:

אַזוי האָט גאָט געזאָגט אויף שמַעיָהן פֿון נֶחֶלָם:
ווײַל שמַעיָה האָט אײַך נבֿיאוס געזאָגט,
ווען איך האָב אים ניט געשיקט,
און ער האָט אײַך פֿאַרזיכערט אויף ליגן,
32 דרום האָט גאָט אַזוי געזאָגט:
זע, איך רעכן זיך מיט שמַעיָהן פֿון נֶחֶלָם,
און מיט זײַן זאָמען;
פֿון אים וועט ניט בלײַבן אַ מאַן
צו זיצן צווישן דעם דאָזיקן פֿאָלק,
און ער וועט ניט זען דאָס גוטס
וואָס איך טו מײַן פֿאָלק, זאָגט גאָט,
ווײַל אָפּקערונג האָט ער גערעדט קעגן גאָט.

# ל

1 דאָס וואָרט וואָס איז געווען צו יִרמיָהון פֿון גאָט, אַזוי צו זאָגן:
2 אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט ווון ישׂראל, אַזוי צו זאָגן:
שרײַב דיר אויף אַלע ווערטער וואָס איך האָב גערעדט צוב דיר, אויף
אַ בוך. 3 וואָרום זע, טעג קומען, זאָגט גאָט, און איך וועל אומקערן
די געפֿאַנגענשאַפֿט פֿון מײַן פֿאָלק ישׂראל און יהודה, זאָגט גאָט, און
וועל זיי ווידערקערן צו דעם לאַנד, וואָס איך האָב געגעבן זייערע
עלטערן, און זיי וועלן עס אַרבן.

4 און דאָס זײַנען די ווערטער וואָס גאָט האָט גערעדט אויף ישׂראל
און אויף יהודה:

5 פֿאַר וואָר, אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
אַ קָול פֿון ציטערניש האָבן מיר געהערט;
אַנטסט און ניט פֿירד
6 פֿרעגט אַקאָרשט און זעט
אויב אַ מאַנספּאַרשׂין קען געווינען;
פֿאַר וואָס זע איך יעטוועדער מאַן
מיט זײַנע הענט אויף זײַנע לענדן,
אַזוי ווי אַ געווינערין,
און איטלעך פּנים איז פֿאַרקערט אין גרינקייט?
7 ווײ, וואָרום גרויס איז יענער טאָג,
אָן אַ גלײַכן צו אים;
און אַ צײַט פֿון נויט איז דאָס פֿאַר יעקב,
אָבער פֿון איר וועט ער געהאָלפֿן ווערן.
8 און עס וועט זײַן אין יענעם טאָג,
זאָגט גאָט פֿון צבָאות,
וועל איך צעברעכן זײַן יאָך פֿון דײַן האַלדז,
און דײַנע בינדשטריק וועל איך צערײַסן;
און מער וועלן ניט אַרבעטן מיט אים פֿרעמדע.
9 נײַערט זיי וועלן דינען יהוה זייער גאָט,
און דוד זייער מלך,
וואָס איך וועל זיי אויפֿשטעלן.
10 און דו זאָלסט ניט מורא האָבן,
מײַן קנעכט, יעקב, זאָגט גאָט,
און ניט אַנגסטן, ישׂראל,
וואָרום זע, איך העלף דיך פֿון דער ווײַט,
און דײַן זאָמען פֿון לאַנד פֿון זייער געפֿאַנגענשאַפֿט;
און יעקב וועט ווידער זײַן רואיק און זיכער,
און קײַנער וועט ניט שרעקן.
11 וואָרום איך בין מיט דיר, זאָגט גאָט, דיך צו העלפֿן;
וואָרום איך וועל מאַכן אַ פֿאַרלענדונג
פֿון אַלע פֿעלקער וואָס איך האָב דיך אַהין צעשפּרייט,
אָבער פֿון דיר וועל איך קיין פֿאַרלענדונג ניט מאַכן,

און איך וועל דיך שטראָפֿן לויט גערעכטיקייט,
אָבער פֿאַרטיליקן וועל איך דיך ניט פֿאַרטיליקן.

12 וואָרום אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
מסוכּן איז דײַן בראָך,
שווער איז דײַן ווּנד.
13 קײַנער האַלט ניט פֿון דײַן גענעזן ווערן,
ניטאָ קיין היילמיטל פֿאַר דיר.
14 אַלע דײַנע ליבהאָבער האָבן פֿאַרגעסן אָן דיר,
זיי פֿרעגן ניט אויף דיר;
וואָרום אַ שלאַק פֿון אַ פֿײַנט האָב איך דיך געשלאָגן,
אַ שטראָף אומדערבאַרימדיק,
פֿאַר דײַן גרויס פֿאַרברעך,
ווײַל דײַנע זינד זײַנען פֿיל.
15 וואָס שרײַסטו אויף דײַן בראָך,
וואָס מסוכּן איז דײַן ווייטאָק?
פֿאַר דײַן גרויס פֿאַרברעך,
ווײַל דײַנע זינד זײַנען פֿיל,
האָב איך דאָס געטאָן צו דיר.
16 אָבער אַלע דײַנע פֿאַרצערער וועלן פֿאַרצערט ווערן,
און אַלע דײַנע פֿײַנט וועלן אַלע אין געפֿאַנגענשאַפֿט גיין,
און דײַנע רויבער וועלן צו רויב ווערן,
און אַלע דײַנע אויסרויבער וועל איך געבן צו אויסרויבונג.
17 וואָרום איך וועל ברענגען אַ רפֿואה צו דיר,
און פֿון דײַנע ווּנדן וועל איך דיך היילן, זאָגט גאָט;
ווײַל מען האָט דיך גערופֿן פֿאַרשטויסענע:
"ציון איז זי, קײַנער פֿרעגט ניט אויף איר".

18 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
זע, איך קער אום די געפֿאַנגענשאַפֿט פֿון די געצעלטן פֿון יעקב,
און זײַנע וווינונגען וועל איך דערבאַרימען;
און די שטאָט וועט אָפּגעבויט ווערן אויף איר הויפֿן,
און דער פּאַלאַץ וועט באַוווינט זײַן אויף זײַן שטייגער.
19 און אַרויסגיין וועט פֿון זיי אַ לויבונג,
און אַ קָול פֿון לוסטיקע;
און איך וועל זיי מערן,

און זיי װעלן ניט געמינערט װערן,
און איך װעל זיי פֿאַרברעסערן,
און זיי װעלן ניט געװינציקט װערן.
20 און זײַנע קינדער װעלן זײַן װי פֿריער,
און זײַן עדה װעט שטיין פֿעסט פֿאַר מיר;
און איך װעל זיך רעכענען מיט אַלע זײַנע דריקער.
21 און זײַן פֿירשט װעט זײַן פֿון אים אַליין,
און זײַן געװעלטיקער װעט פֿון זײַן מיט אַרױס;
22 און איך װעל אים דערנענטערן,
און ער װעט גענען צו מיר;
װאָרום װער איז דער װאָס קען אײַנשטעלן זײַן האַרץ
צו גענענען צו מיר? זאָגט יהוה.
און איר װעט מיר זײַן צום פֿאָלק,
און איך װעל אײַך זײַן צום גאָט.

23 זע, אַ שטורעם פֿון גאָט,
אַ גרימצאָרן איז אַרױס,
אַ רײַסיקער שטורעמװינט;
אויף דעם קאָפּ פֿון די רשעים װעט ער פֿאַלן.
24 ניט אָפּגיין װעט דער צאָרן פֿון גאָט,
ביז ער טוט, און ביז ער איז מקיים,
די טראַכטונגען פֿון זײַן האַרצן;
אין סוף פֿון די טעג װעט איר דאָס פֿאַרשטיין.
25 אין יענער צײַט, זאָגט יהוה,
װעל איך זײַן צום גאָט בײַ אַלע משפּחות פֿו ישׂראל,
און זיי װעלן מיר זײַן צום פֿאָלק.

# לא

1 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
געפֿונען האָט לײַטזעליקייט אין מדבר
דאָס פֿאָלק פֿון שװערד געבליבן;
גיי אים באַרוען, ישׂראל.
2 פֿון װײַטן האָט גאָט זיך באַװיזן צו מיר:
יאָ, אייביקע ליבשאַפֿט האָב איך דיך ליב,
דרום צי איך דיך צו מיט גענאָד.

3 איך וועל דיך נאָך אויפֿבויען,
און וועסט אויפֿגעבויט ווערן, יונגפֿרוי ישׂראל;
4 וועסט נאָך אָנטאָן דײַנע פּײַקלעך,
און אַרויסגיין אין לוסטיקן טאַנץ.
וועסט נאָך פֿלאַנצן ווײַנגערטנער אויף די בערג פֿון שׂוֹמרוֹן;
פֿלאַנצן וועלן פֿלאַנצער און פֿאַרניצן אַליין.
5 וואָרום זײַן וועט אַ טאָג,
ווען די וועכטער רופֿן אויפֿן געבערג פֿון אפֿרים:
שטייט אויף, און לאָמיר אַרויפֿגיין קיין צִיוֹן,
צו יהוה אונדזער גאָט.

6 וואָרום אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
זינגט מיט פֿרייד וועגן יעקב,
און שאַלט וועגן דעם קאָפּ פֿון די פֿעלקער;
מאַכט הערן, לויבט, און זאָגט:
העלף, גאָט, דײַן פֿאָלק,
דעם איבערבלײַב פֿון ישׂראל.

7 זע, איך ברענג זיי פֿון צפֿון-לאַנד,
און וועל זיי אײַנזאַמלען פֿון די עקן ערד;
צווישן זיי דעם בלינדן און דעם הינקעדיקן,
די טראָגעדיקע און די געווינערין אין איינעם;
אַ גרויס געזעמל וועלן זיי זיך אומקערן אַהער.
8 מיט געוויין וועלן זיי קומען,
און מיט לײַטזעליקייט וועל איך זיי ברענגען;
איך וועל זיי פֿירן בײַ טײַכן וואַסער,
אויף אַ וועג אַ גלײַכן
וואָס זיי וועלן דרין ניט געשטרויכלט ווערן;
וואָרום איך בין אַ פֿאָטער צו ישׂפֿאל,
און אפֿרים, ער איז מײַן בכוֹר.

9 הערט דאָס וואָרט פֿון גאָט, איר וועלקער,
און דערציילט אין די אינדזלען פֿון דער ווײַט, און זאָגט:
דער וואָס האָט צעשפּרייט ישׂראל, טוט אים אײַנזאַמלען,
און היט אים ווי אַ פּאַסטוך זײַן סטאַדע.

10 וואָרום גאָט האָט אויסגעקויפֿט יעקב,
און אים אויסגעלייזט פֿון דער האַנט פֿון דעם שטאַרקערן פֿון אים.
און זיי וועלן קומען און זינגען אויף דער הייך פֿון ציון,
11 און זיי וועלן שטראָמען צו גאָטס גוטס,
צו תּבואה, און צו וויַין, און צו אייל,
און צו יונגע שאָף און רינדער;
און זייער זעל וועט זיַין ווי אַ באַוועסערטער גאָרטן,
און זיי וועלן מער ווידער ניט שמאַכטן.
12 דענצמאָל וועט די יונגפֿרוי זיך פֿרייען אין טאַנץ,
און בחורים און זקנים אין איינעם;
און איך וועל פֿאַרקערן זייער טרויער אין פֿרייד,
און וועל זיי טרייסטן און זיי דערפֿרייען אין זייער קומער.
13 און איך וועל זעטן די זעל פֿון די כּהנים מיט פֿעטקייט,
און מיַין פֿאָלק וועט זיַין זאַט מיט מיַין גוטס,
זאָגט גאָט.

14 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
אַ קָול ווערט אין רָמה געהערט,
אַ יאָמער, אַ ביטער געוויין;
רחל וויינט אויף אירע קינדער,
זי וויל זיך ניט טרייסטן נאָך אירע קינדער,
וואָס זיי זיַינען מער ניטאָ.

15 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
פֿאַרמיַיד דיַין קָול פֿון געוויין,
און דיַינע אויגן פֿון רטרערן,
וואָרום פֿאַראַן אַ לוין פֿאַר דיַין מי, זאָגט גאָט;
און זיי וועלן זיך אומקערן פֿון לאַנד פֿון דעם פֿיַינט.
16 און פֿאַראַן אַ האָפֿונג פֿאַר דיַין לעצט, זאָגט גאָט,
און די קינדער וועלן זיך אומקערן צו זייער געמאַרק.
17 הערן האָב איך געהערט אפֿרים זיך קלאָגן:
האָסט מיך געשטראָפֿט, און איך בין געשטראָפֿט, און איך בין געשטראָפֿט געוואָרן,
ווי אַ קאַלב ניט געלערנט;
לאָז מיך אומקערן, און איך וועל זיך אומקערן,
וואָרום דו ביסט יהוה מיַין גאָט.

18 וואָרום נאָך מײַן אָפּקערונג
האָב איך חרטה געהאַט,
און נאָך מײַן געוואָרן װערן,
האָב איך זיך געשלאָגן אויפֿן דיך;
איך שעם זיך און בין אין בּיוש,
ווײַל איך טראָג די שאַנד פֿון מײַן יוגנט.
19 איז מיר אַ טײַער זון אפֿרים,
צי אַ קינד אַ געצערטלטס?
וואָרום ווי נאָר איך רעד פֿון אים;
בענקען בענק איך ווידער נאָך אים:
דרום ברומען מײַנע אינגעווייד צו אים;
דערבאַרימען וועל איך אים דערבאַרימען, זאָגט גאָט.
20 שטעל דיר צייכנס,
מאַך דיר וועגשטאַנגען,
גיב אַכט אויף דעם שטעג,
דעם וועג וואָס דו ביסט געגאַנגען;
קער זיך אום, יונגפֿרוי ישׂראל,
קער זיך אום צו די דאָזיקע שטעט דײַנע.
21 ביז וואַנען וועסטו זיך אָפּדרייען,
טאָכטער ווידערשפּעניקע?
פֿאַר וואָר, גאָט האָט באַשאַפֿן אַ נײַס אויף דער ערד:
די ווײַבספּאַרשוין זאָל זיך שַדכען צום מאַן.

22 אַזוי האָט געזאָגט יהוה פֿון צבֿאות, דער גאָט פֿון ישׂראל:
מע וועט נאָך זאָגן דאָס דאָזיקע וואָרט
אין לאַנד פֿון יהודה, און אין זײַנע שטעט,
ווען איך קער אום זייער געוואַנגענשאַפֿט:
גאָט זאָל דיך געבענטשן, וווינונג פֿון גערעכטיקייט,
הייליקער באַרג!
23 און יהודה און אַלע זײַנע שטעט
וועלן דרינען זיצן אין איינעם:
אַקערלײַט, און די וואָס ציִען מיט סטאַדיעס.
24 וואָרום איך דערקוויק די מידע זעל,
און איטלעך זעל וואָס שמאַכט, טו איך אָנפֿילן.

25 דערויף האָב איך זיך אויפֿגעכאַפּט און מיך אומגעקוקט;
און מײַן שלאָף איז מיר זיך געווען.

26 זע, טעג קומען, זאָגט גאָט,
און איאָך װעל פֿאַרזייען דאָס הויז פֿון ישׂראל
און דאָס הויז פֿון יהודה,
מיט זאָמען פֿון מענטשן, און מיט זאָמען פֿון בהמות.
27 און עס װעט זײַן,
אַזוי װי איך האָב אויפֿגעפּאַסט אויף זיי,
אויסצורײַסן און אײַנצוװאַרפֿן,
און צו צעשטערן און אונטערצוברענגען, און בייז צו טאָן,
אַזוי װעל איך אויפֿפּאַסן אויף זיי,
צו בויען און צו פֿלאַנצן, זאָגט גאָט.

28 אין יענע טעג װעט מען מער ניט זאָגן:
די פֿאָטערס האָבן געגעסן זויערע װײַנטרויבן,
און די ציין פֿון די זין זײַנען האַיליק.
29 נײַערט איטלעכער פֿאַר זײַן זינד װעט שטאַרבן;
יעטװעדער מענטש װאָס עסט די זויערע װײַנטרויבן,
זײַנע ציין װעלן האַיליק װערן.

30 זע, טעג קומען, זאָגט גאָט,
און איך װעל שליסן מיט דעם הויז פֿון ישׂראל,
און מיאָט דעם הויז פֿון יהודה,
אַ נײַעם בונד;
31 ניט װי דער בונד װאָס איך האָב געשלאָסן
מיט זייערע עלטערן
אין דעם טאָג װאָס איך האָב אָנגענומען זייער האַנט
זיי אַרויסצוציען פֿון לאַנד מִצרַיִם;
װאָרום זיי האָבן פֿאַרשטערט מײַן בונד,
הגם איך בין געװען זייער האַר, זאָגט גאָט.
32 נײַערט דאָס װעט זײַן דער בונד װאָס איך װעל שליסן
מיט דעם הויז פֿון ישׂראל נאָך יענע טאָג, זאָגט גאָט:
איך גיב אַרײַן מײַן תּורה אין זיי,
און אויף זייער האַרצן װעל איך זי אויפֿשרײַבן;
און איך װעל זיי זײַן צום גאָט,

און זיי וועלן מיר זײַן צום פֿאָלק.
33 און זיי וועלן מער ניט לערנען
איטלעכער זײַן חבר, און איטלעכר זײַן ברודער,
אַזוי צו זאָגן: קענט גאָט!
וואָרום זיי אַלע וועלן מיך קענען,
פֿון זייער קלענסטן ביז זייער גרעסטן, זאָגט גאָט;
וואָרום איך וועל פֿאַרגעבן זייער זינד,
און זייער חטא וועל איך מער ניט דערמאָנען.
4 אַזוי האָט גאָט געזאָגט,
דער וואָס גיט די זון פֿאַר אַ ליכט בײַ טאָג,
און אי געזעצן פֿון לבנה און שטערן
פֿאַר אַ ליכט בײַ נאַכט;
דער וואָס רודערט אויף דעם אים, אַז זײַנע וועלן ברומען –
יהוה פֿון צבֿאָומת איז זײַן נאָמען:
35 אויב די דאָזיקע געזעצן וועלן אָפּגעטאָן ווערן פֿון פֿאַר מיר,
זאָגט גאָט,
וועט אויך דער זאָמען פֿון ישׂראל אויפֿהערן
צו זײַן אַ פֿאָלק פֿאַר מיר אַלע טעג.

36 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
אויב די הימלען פֿון אויבן וועלן אויסגעמאָסטן ווערן,
און די גרונטפֿעסטן פֿון דער ערד אונטן וועלן דערפֿאָרשט ווערן,
וועל איך אויך פֿאַראַכטן אַלדעם זאָמען פֿון ישׂראל,
פֿאַר אַלץ וואָס זיי האָבן געטאָן, זאָגט גאָט.

37 זע, טעג קומען, זאָגט גאָט, און די שטאָט וועט אויפֿגעבויט ווערן
צו גאָט, פֿון דעם טורעם פֿון כֿננאֵל ביזן ווינקלטויער. 38 און די
מעסטשנור וועט אַרויסגיין ווײַטער, גלײַך אַקעגן, ביזן בערגל גָרֵב,
און וועט זיך פֿאַרדרייען קיין גוֹעָה. 39 און דער גאַנצער טאָל פֿון
פּגרים און אַש, און אַלע פֿעלדער ביז באַק קִדרוֹן, ביזן ווינקל פֿון
פֿערדטויער אין מזרח, וועלן זײַן הייליק צו גאָט; עס וועט מער ניט
אויסגעריסן ווערן, און ניט צעשטערט ווערן, אויף אייביק.

# לב

1 דאָס וואָרט וואָס איז געווען צו יִרמיָהון פֿון גאָט, אין
צענטן יאָר פֿון צִדקִיָהו דעם מלך פֿון יהודה, דאָס איז דאָס
אַכצנטע יאָר פֿון נבֿוכַדרֶאצַר. 2 און דער חיל פֿון דעם מלך פֿון בבֿל
האָט דענצמאָל געלעגערט אויף ירושָלַיִם, און יִרמיָהו הנבֿיא איז
געווען אײַנגעשפּאַרט אין הויף פֿון דער וואַך, וואָס אין הויז פֿון דעם
מלך פֿון יהודה. אויף ירושָלַיִם, און יִרמיָהו הנבֿיא איז געווען
אײַנגעשפּאַרט אין הויף פֿון דער וואַך, וואָס אין הויז פֿון דעם מלך
פֿון יהודה. 3 וואָרום צִדקִיָהו דער מלך פֿון יהודה האָט אים
אײַנגעשפּאַרט, אַזוי צו זאָגן: אַלמאַי זאָגסטו נבֿיאות, אַזוי צו זאָגן:
אַזוי האָט גאָט געזאָגט: זע, איך גיב די דאָזיקע שטאָט אין דער
האַנט פֿון דעם מלך פֿון בבֿל, און ער וועט זי באַצווינגען; 4 און
צִדקִיָהו דער מלך פֿון יהודה וועט ניט אַנטרונען ווערן פֿון דער האַנט
פֿון די כַּשׂדים, נײַערט איבערגעגעבן וועט ער איבערגעגעבן ווערן אין
דער האַנט פֿון דעם מלך פֿון בבֿל, און ער וועט רעדן צו אים מויל צו
מויל, און אויג אין אויג וועט ער אים זען; 5 און קיין בבֿל וועט ער
אַוועקפֿירן צִדקִיָהון, און דאָרטן וועט ער זײַן ביז איך דערמאָן זיך אָן
אים, זאָגט גאָט; אַז איר וועט מלחמה האַלטן מיט די כַּשׂדים, וועט
איר ניט באַגליקן?

6 און יִרמיָהו האָט געזאָגט: דאָס וואָרט פֿון גאָט איז געווען צו מיר
אַזוי צו זאָגן: 7 זע, חנַמאֵל דער זון פֿון שַלום דײַן פֿעטער קומט צו
דיר, אַזוי צו זאָגן: קויף דיר מײַן פֿעלד וואָס אין עֲנָתוֹת, וואָרום דיר
געהערט דאָס אויסלײַזרעכט אָפּצוקויפֿן.

8 און חנַמאֵל מײַן פֿעטערס זון איז געקומען צו מיר אין הויף פֿון
דער וואַך, אַזוי ווי דאָס וואָרט פֿון גאָט, און דער האָט
צו מיר געזאָגט: קויף אָפּ, איך בעט דיך, מײַן פֿעלד וואָס אין עֲנָתוֹת,
וואָס אין לאַנד בנימין, וואָרום דיר געהערט דאָס רעכט פֿון ירושה,
און דיר געהערט די אויסלײַזונג; קויף עס דיר אָפּ. האָב איך געוווּסט
אַז דאָס איז דאָס וואָרט פֿון גאָט. 9 און איך האָב אָפּגעקויפֿט דאָס
פֿעלד פֿון חנַמאֵל, מײַן פֿעטערס זון, וואָס אין עֲנָתוֹת, און איך האָב
אים אָפּגעוווויגן דאָס געלט, זיבן שֶקל און צען, זילבער. 10 און איך
האָב אויפֿגעשריבן אויף אַ געשריפֿטס, און פֿאַרחתמעט, און
וועשטעלט עדות, און אָפּגעוווויגן דאָס געלט אויף אַ וואָגשאָל. 11 און
איך האָב גענומען דעם שטַר־מכירה, דעם פֿאַרכחתמעטן מיט די
באַדינגען און די אָפּמאַכן, און דעם אָפֿענעם. 12 און איך האָב

געגעבן דעם שטַר-מכירה צו ברוך דעם זון פֿון נֵריָה דעם זון פֿון
מַחסֵיָהן, פֿאַר די אויגן פֿון חנַמאֵל דעם זון פֿון מײַן פֿעטער, און פֿאַר
די אויגן פֿון די עדות וואָס האָבן זיך אונטערגעשריבן אויף שטַר-
מכירה, פֿאַר די אויגן פֿון אַלע ייִדן וואָס זײַנען געזעסן אין הויף פֿון
דער וואַך. 13 און איך האָב באַפֿוילן ברוכן פֿאַר זייערע אויגן, אַזוי צו
זאָגן: 14 אַזוי האָט געזאָגט יהוה פֿון צבָאומת, דער גאָט פֿון ישׂראל:
נעם די דאָזיקע געשריפֿטסן, דעם דאָזיקן שטַר-מכירה, אי דאָס
פֿאַרחתמעטע, אי דאָס דאָזיקע אָפֿענע געשריפֿטס, און זאָלסט
זיי אַרײַנטאָן אין אַ ליימענער כּלי, כּדי זיי זאָלן האַלטן פֿיל טעג.
15 וואָרום אַזוי האָט געזאָגט יהוה פֿון צבָאוֹת, דער גאָט פֿון ישׂראל:
עס וועלן נאָך געקויפֿט ווערן הײַזער און פֿעלדער און ווײַנגערטנער
אין דעם דאָזיקן לאַנד.

16 און איך האָב מתפּלל געווען צו גאָט נאָכדעם ווי איך האָב
איבערגעגעבן דעם שטַר-מכירה צו ברוך דעם זון פֿון נֵריָהן, אַזוי צו
זאָגן: 17 וויי, גאָט דו האַר! זע, דו האָסט געמאַכט די הימלען און די
ערד מיט דײַן גרויס שטאַרקייט, און מיט דײַן אויסגעשטרעקטן
אָרעם; פֿון דיר איז ניט פֿאַרמיטן קיין זאַך. 18 טוסט חסד מיטן
טויזנטסטן גליד, און באַצאָלסט די זינד פֿון די עלטערן אין דעם
בוזעם פֿון זייערע קינדער נאָך זיי; דו גרויסער, מאַכטיקער גאָט,
וואָס יהוה פֿון צבָאוֹת איז זײַן נאָמען, 19 גרויס אין באַראָט, און
שטאַרק אין טואונג, וואָס דײַנע אויגן זײַנע אָפֿן אויף אַלע וועגן פֿון
די מענטשנקינדער, צו געבן איטלעכן לויט זײַנע וועגן און לויט דער
פֿרוכט פֿון זײַנע מעשׂים; 20 דו וואָס האָסט געטאָן צייכנס און
וווּנדער אין לאַנד מִצרַיִם, און ביז אויף הײַנטיקן טאָג, אי צווישן
ישׂראל, אי צווישן אַנדערע מענטשן, און האָסט זיך געמאַכט אַ
נאָמען, אַזוי ווי הײַנטיקן טאָג; 21 און האָסט אַרויסגעצויגן דײַן
פֿאָלק ישׂראל פֿון לאַנד מִצרַיִם מיט צייכנס און מיט וווּנדער, און
מיט אַ שטאַרקער האַנט, און מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם, און
מיט גרויס פֿאָרכטיקייט; 22 און האָסט זיי געגעבן דאָס דאָזיקע
לאַנד, וואָס דו האָסט געשוואָרן זייערע עלטערן זיי צו געבן, אַ לאַנד
וואָס פֿליסט מיט מילך און האָניק; 23 און זיי זײַנען געקומען, און
האָבן עס געאַרבט; אָבער זיי האָבן ניט צוגעהערט צו דײַן קָול, און
אין דײַן תּוֹרה זײַנען זיי ניט געגאַנגען; אַלץ וואָס דו האָסט זיי
באַפֿוילן צו טאָן האָבן זיי ניט געטאָן, און דו האָסט געמאַכט געשען
צו זיי אַלדאָס דאָזיקע בייז. 24 זע, די ערדוואַלן זײַנען געקומען וויז

דער שטאָט, זי צו באַצווינגען, און די שטאָט ווערט איבערגעגעבן
אין דער האַנט פֿון די כַּשׂדים וואָס האַלטן מלחמה אויף איר, פֿוין
וועגן דער שווערד און דעם הונגער און דער פּעסט; און וואָס דו
האָסט גערעדטר איז געשען, און אָט זעסטו עס. 25 פֿון דעסטוועגן
האָסטו, גאָט דו האַר, געזאָגט צו מיר: קויף דיר דאָס פֿעלד וואַר
געלט, און שטעל עדות; ווען די שטאָט ווערט איבערגעגעבן אין דער
האַנט פֿון די כַּשׂדים.

26 איז דאָס וואָרט פֿון גאָט וועווען צו יִרמיָהון, אַזוי צו זאָגן:
27 זע, איך בין יהוה דער גאָט פֿון אַלע לייַבער; איז דען פֿאַרמיטן פֿון
מיר אַ שום זאַך? 28 דרום האָט גאָט אַזוי געזאָגט: זע, איך גיב די
דאָזיקע שטאָט אין דער האַנט פֿון די כַּשׂדים, און אין דער האַנט פֿון
נבוכַדרֶאצַר דעם מלך פֿון בבֿל, און ער וועט זי באַצווינגען. 29 און די
כַּשׂדים וואָס האַלטן מלחמה אויף דער דאָזיקער שטאָט, וועלן קומען
און וועלן אָנצינדן די דאָזיקע שטאָט אין פֿייַער, און וועלן זי
פֿאַרברענען מיט די הייַזער וואָס מע האָט געריכערט אויף זייערע
דעכער צו בעַל, און געגאָסן גיסאָפּפֿער צו פֿרעמדע געטער, כּדי מיך
צו דערצערענען. 30 וואָרום די קינדער פֿון ישׂראל און די קינדער פֿון
יהודה פֿלעגן פֿון זייער יוגנט אָן רק טאָן וואָס איז שלעכט אין מייַנע
אויגן; וואָרום די קינדער פֿון ישׂראל טוען מיך רק דערצערענען מיט
דעם ווערק פֿון זייערע הענט, זאָגט גאָט. 31 וואָרום צו מייַן
פֿאַרדראָס און צו מייַן גרימצאָרן איז מיר געווען די דאָזיקע שטאָט
פֿון דעם טאָג וואָס מען האָט זי געבויט. און ביז אויף הייַנטיקן טאָג,
אַזוי אַז איך מוז זי אָפּטאָן פֿון מייַן פּנים, 32 איבער אַלדעם בייז פֿון
די קינדער פֿון ישׂראל און די קינדער פֿון יהודה, וואָס זיי האָבן
געטאָן מיך צו דערצערענען, זיי, זייערע מלכים, זייערע האַרן פֿון
ישׂראל און די קינדער פֿון יהודה, וואָס זיי האָבן געטאָן מיך צו
דערצערענען, זיי, זייערע מלכים, זייערע האַרן, זייערע כֹּהנים, און
זייערע נבֿיאים, און די מענער פֿון יהודה און די באַוווינער פֿון
ירושָלַיִם. 33 און זיי האָבן געקערט צו מיר דעם רוקן און ניט דעם
פּנים, און איך האָב זיי געלערנט, נאָכאַנאַנד און נאָכאַנאַנד געלערנט,
אָבער זיי האָבן ניט צוגעהערט צו נעמען אַ מוסר. 34 און זיי האָבן
אַרייַנגעטאָן זייערע אומווערדיקייטן אין דעם הויז וואָס מייַן נאָמען
ווערט גערופֿן אויף אים, עס צו פֿאַראומרייניקן. 35 און זיי האָבן
געבויט די במות פֿון בעַל וואָס אין טאָל פֿון בן־הִנוֹם, אויף מקריב צו
זייַן זייערע זין און זייערע טעכטער צום אוֹלֶך, וואָס ניט איך האָב זיי

באַפּוילן, און ניט מיר איז אויפֿן זינען אַרויפֿגעקומען, מע זאָל טאָן די
דאָזיקע אומווערדיקייט, כּדי צו מאַכן זינדיקן יהודה. 36 אָבער
אַצונד, פֿאַר וואָר, האָט אַזוי געזאָגט יהוה דער גאָט פֿון ישׂראל אויף
דער דאָזיקער שטאָט, וואָס איר זאָגט, זי איז איבערגעגעבן אין דער
האַנט פֿון דעם מלך פֿון בּבֿל דורך דער שווערד, און דורך דעם
הונגער, און דורך דער פּעסט:

37 זע, איך זאַמל זיי איין פֿון אַלע לענדער,
וואָס איך האָב זיי פֿאַרשטויסן אַהין אין מײַן כּעס,
און אין מײַן גרים, און אין גרויס צאָרן,
און איך וועל זיי אומקערן צו דעם דאָזיקן אָרט,
און זיי מאַכן וווינען אין זיכערקייט.
38 און זיי וועלן מיר זײַן צום פֿאָלק,
און איך וועל זיי זײַן צום גאָט.
39 און איך וועל זיי געבן איין האַרץ, און איין וועג,
מורא צו האָבן פֿאַר מיר אַלע טעג,
כּדי זיי זאָל גוט זײַן, און זייערע קינדער נאָך זיי.
40 און איך וועל זיי שליסן אַן אייבּיקן בונד,
אַז איך וועל זיך ניט אָפּקערן פֿון הינטער זיי –
כּדי איך זאָל זיי באַגיטיקן;
און מײַן פֿאָרכט וועל איך אַרײַנגעבן אין זייער האַרצן,
ניט אַוועקצוגיין פֿון מיר.
41 און איך וועל מיך פֿרייען איבער זיי,
זיי צו באַגיטיקן,
און וועל זיי אײַנפֿלאַנצן אין דעם דאָזיקן לאַנד מיט אַן אמת,
מיט מײַן גאַנצן האַרצן, און מיט מײַן גאַנצער זעל.
42 וואָרום אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
אַזוי ווי איך האָב געבראַכט אויף דעם דאָזיקן פֿאָלק
דאָס דאָזיקע גרויסע בייז,
אַזוי ברענג איך אויף זיי דאָס גאַנצע גוטס
וואָס איך זאָג אָן וועג זיי.
43 און פֿעלד וועט געקויפֿט ווערן אין דעם דאָזיקן לאַנד,
וואָס איר זאָגט, עס איז אַ וויסטעניש,
אָן אַ מענטש אָדער אַ בהמה,
עס איז איבערגעגעבן אין דער האַנט פֿון די כּשׂדים.
44 מע וועט קויפֿן פֿעלדער פֿאַר געלט,

און מע וועט שרײַבן שטר-מכירהס,
און פֿאַרחתמען, און שטעלן עדות,
אין לאַנד בנימין, און אַרום ירושָלַיִם,
און אין די שטעט פֿון יהודה,
און אין די שטעט פֿון דעם געבערג,
און אין די שטעט פֿון דער נידערונג,
אואן אין די שטעט פֿון דָרום;
וואָרום איך וועל אומקערן זייער געפֿאַנגענשאַפֿט,
זאָגט גאָט.

## לג

1 און דאָס וואָרט פֿון גאָט איז געווען צו יִרמיָהון אַ צווייט
מאָל, ווען ער איז נאָך געווען אײַנגעשפּאַרט אין הויף פֿון דער
וואַך, אַזוי צו זאָגן:

2 אַזוי האָט געזאָגט יהוה וואָס האָט עס געמאַכט,
יהוה וואָס האָט דאָס געפֿורעמט עס אָנצובריײַטן,
דער וואָס זײַן נאָמען איז יהוה:
3 רוף מיך, און די וועל דיר ענטפֿערן,
און איך וועל דיר דערציילן גרויסע זאַכן,
און פֿאַרבאָרגענע וואָס דו ווייסט ניט.

4 וואָרום אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פֿון ישׂראל אויף די
הײַזער פֿון דער דאָזיקער שטאָט, און אויף די הײַזער פֿון די מלכים
פֿון יהודה, וואָס זײַנען אײַנגעוואָרפֿן געוואָרן פֿאַר די ערדוואַלן און
פֿאַר דער שטרייטמויער, 5 וואָס זיי קומען מלחמה האַלטן דערויף
מיט די כַּשׂדים, און זיי אָנצופֿילן מיט די פּגרים פֿון די מענטשן וואָס
איך האָב געשלאָגן אין מײַן כּעס און אין מײַן גרימצאָרן, און וואָס
איבער אַל זייער בייז האָב איך פֿאַרבאָרגן מײַן פּנים פֿון דער
דאָזיקער שטאָט:

6 זע, איך ברענג אויף איר אַ גענעזונג און אַ היילונג,
און וועל זי היילן;

און איך וועל זיי אַנטפּלעקן אַ שֶפֿע
פֿון שלום און זיכערקייט.

7 און איך װעל אומקערן די געפֿאַנגענשאַפֿט פֿון יהודה,
און די געפֿאַנגענשאַפֿט פֿון ישׂראל,
און װעל זײ אויפֿבויען אַזוי װי פֿריער.
8 און איך װעל זײ רייניקן פֿון אַל זייער חטא
װאָס זײ האָבן געזינדיקט צו מיר,
און װעל פֿאַרגעבן אַלע זייערע חטאים
װאָס זײ האָבן געזינדיקט צו מיר,
און װאָס זײ האָבן פֿאַרבראָכן אַקעגן מיר.
9 און עס װעט מיר זײַן פֿאַר אַ נאָמען פֿון פֿרייד,
פֿאַר אַ לויב, און פֿאַר אַ שײנקייט,
בײַ אַלע פֿעלקער פֿון דער ערד,
װאָס װעלן הערן אַל דאָס גוטס װאָס איך טו מיט זײ,
און װעלן אַנגסטן און ציטערן פֿון װעגן אַלדעם גוטס
און פֿון װעגן אַלדעם גליק װאָס איך באַשער איר.

10 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
עס װעט נאָך געהערט װערן אין דעם דאָזיקן אָרט,
װאָס איר זאָגט, ער איז װיסט, אָן אַ מענטשן און אָן אַ בהמה,
אין די שטעט פֿון יהודה, און אין די גאַסן פֿון ירושָלַיִם,
װאָס זײַנען פֿאַרװיסט, אָן אַ מענטשן,
און אָן אַ באַװוינער, און אָן אַ בהמה,
11 דער קָול פֿון לוסטיקייט און דער קָול פֿון פֿרייד,
דער קָול פֿון אַ כתן און דער קָול פֿון אַ כלה,
דער קָול פֿון די װאָס זאָגן: „לויבט גאָט פֿון צבָאוֹת,
װאָרום גאָט איז גוט, װאָרום אײביק איז זײַן חסד!“,
פֿון די װאָס ברענגען דאַנקאָפּפֿער אין הויז פֿון גאָט;
װאָרום איך װעל אומקערן די געפֿאַנגענשאַפֿט פֿון דעם לאַנד
אַזוי װי פֿריער, זאָגט גאָט.

12 אַזוי האָט געזאָגט גאָט פֿון צבָאוֹת:
עס װעט נאָך זײַן אין דעם דאָזיקן אָרט
װאָס איז װיסט, אָן אַ מענטשן אָדער אַ בהמה,
און אין אַלע זײַנע שטעט,
אַ פֿיטערפּלאַץ פֿאַר פּאַסטוכער װאָס מאַכן הויערן שאָף.
13 אין די שטעט פֿון דעם געבערג,
אין די שטעט פֿון דער נידערונג,

און אין די שטערט פֿון דָרום, און אין לאַנד בנימין,
און אַרום ירושָלַיִם, און אין די שטערט פֿון יהודה,
וועלן ווידער דורכגיין שאָף דורך דעם ציילערס הענט,
זאָגט גאָט.

14 זע, טעג קומען, זאָגט גאָט,
און איך וועל מקיים זײַן דעם גוטן צוזאָג
וואָס איך האָב צוגעזאָגט אויף דעם הויז פֿון ישׂראל,
און אויף דעם הויז פֿון יהודיַה.
15 אין יענע טעג, און אין יענע צײַט,
וועל איך מאַכן שפּראָצן פֿון דודן אַ שפּראָץ פֿון גערעכטיקייט,
און ער וועט טאָן רעכט און גערעכטיקייט אין לאַנד.
16 אין יענע טעג וועט געהאָלפֿן ווערן יהודה,
און ירושָלַיִם וועט רוען אין זיכערקייט;
און דאָס איז וואָס מע וועט זי רופֿן:
"גאָט איז אונדזער גערעכטיקייט!"

17 וואָרום אַזוי האָט גאָט געזאָגט: עס וועט ניט פֿאַרשניטן ווערן פֿון
דודן אַ מאַן צו זיצן אויף טראָן פֿון דעם הויז פֿון ישׂראל; 18 און אויך
פֿון די כֹּהנים פֿון שבט לֵוִי וועט ניט פֿאַרשניטן ווערן אַ מאַן פֿון פֿאַר
מיר, אויפֿצוברענגען בראַנדאָפּפֿער, און צו דעמפֿן שפּײַזאָפּפֿער, און
צו מאַכן שלאַכטאָפּפֿער, אַלע טעג.

19 און דאָס וואָרט פֿון גאָט איז געווען צו יִרמיָהון, אַזוי צו זאָגן:

20 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
אויב איר קענט פֿאַרשטערן מײַן בונד מיטן טאָג,
און מײַן בונד מיט דער נאַכט,
אַז טאָג און נאַכט זאָלן ניט זײַן אין זייער צײַט,
21 וועט אויך מײַן בונד פֿאַרשטערט ווערן מיר דוד מײַן קנעכט,
אַז פֿון אים זאָל ניט זײַן אַ זון כו קיניגן אויף זײַן טראָן,
און מיט די כֹּהנים פֿון שבט לֵוִי מײַנע דינער.
22 אַזוי ווי דער חיל פֿון הימנל קען ניט געציילט ווערן,
און דער זאַמד פֿון ים קען ניט געמאָסטן ווערן,
אַזוי וועל איך מערן דעם זאָמען פֿון מײַן קנעכט דוד,
און די לוִיִם וואָס דינען מיר.

23 און דאָס וואָרט פֿון גאָט איז געווען צו יִרמיָהון, אַזוי צו זאָגן:
24 האָסטו ניט געמערקט וואָס די דאָזיקע לײַט רעדן, אַזוי צו זאָגן:
די צוויי משפּחות וואָס גאָט האָט זיי געוועסט אויסדערוויילט, זיי
האָט ער פֿאַראַכט? און מײַן פֿאָלק לעסטערן זיי, אַז עס איז מער ניט
קיין אומה בײַ זיי.

25 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
אויב איך האָב ניט מײַן בונד מיט טאָג און נאַכט,
די געזעצן פֿון ערד און הימל, ניט געמאַכט,
26 וועל איך אויך פֿאַראַכטן דעם זאָמען פֿון יעקב,
און דוד מײַן קנעכט,
ניט צו נעמען פֿון זײַן זאָמען געוועלטיקער
איבער דעם זאָמען פֿון אַברהם, יצחק, און יעקב;
וואָרום איך וועל אומקערן זייער געפֿאַנגענשאַפֿט,
און וועל זיי דערבאַרימען.

# לד

1 דאָס וואָרט וואָס איז געווען צו יִרמיָהון פֿון גאָט, בעת
נבוכַדרֶאצַר דער מלך פֿון בבֿל, און זײַן גאַנצער חיל, און אַלע
קיניגרײַכן פֿון דער ערד אונטער דער ממשלה פֿון זײַן האַנט, און
אַלע פֿעלקער, האָבן מלחמה געהאַלטן אויף ירושָלַיִם און אויף אַלע
אירע שטעט; אַ זוי צו זאָגן:

2 אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פֿון ישׂראל: גיי, און זאָלסט רעדן
צו צִדקִיָהו דעם מלך פֿון יהודה, און זאָגן צו אים:

אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
זע, איך גיב די דאָזיקע שטאָט
אין דער האַנט פֿון דעם מלך פֿון בבֿל,
או ער וועט זי פֿאַרברענען אין פֿײַער.
3 און דו וועסט ניט אַנטרונען ווערן פֿון זײַן האַנט,
נאָר כאַפּן וועסטו געכאַפּט ווערן,
און אין זײַן האַנט וועסטו איבערגעגעבן ווערן,
און אויג אין אויג וועסטו זען דעם מלך פֿון בבֿל,
און מויל צו מויל וועט ער מיט דיר רעדן,
און קיין בבֿל וועסטו קומען.

4 אָבער הער דאָס וואָרט פֿון גאָט,
צִדקִיָהו מלך פֿון יהודה:
אַזוי האָט גאָט געזאָגט אויף דיר:
וועסט ניט שטאַרבן דורכן שווערד.
5 בשלום וועסטו שטאַרבן,
און לויט די פֿאַרברענונגען פֿון דײַנע עלטערן,
די פֿרידיקע מלכים וואָס זײַנען געווען פֿאַר דיר,
אַזוי וועט מען פֿאַרברענען נאָך דיר;
און "ווי האַר!" וועט מען קלאָגן אויף דיר,
וואָרום איך האָב אַ וואָרט גערעדט,
זאָגט גאָט.

6 און יִרמיָהו הנבֿיא האָט גערעדט צו צִדקִיָהו דעם מלך פֿון יהודה
אַלע די דאָזיקע ווערטער אין ירושָלַיִם, 7 בעת דער חיל פֿון דעם מלך
פֿון בבֿל האָט מלכמיִ געהאַלטן אויף ירושָלַיִם, און אויף אַלע
געבליבענע שטעט פֿון יהודה, אויף לָכיש, און אויף עֲזֵקָה; וואָרום זיי
זײַנען געבליבן צווישן די שטעט פֿון יהודה באַפֿעסטיקטע שטעט.

8 דאָס וואָרט וואָס איז געווען צו יִרמיָהון פֿון גאָט, נאָכדעם אַז דער
מלך צִדקִיָהו הו האָט געשלאָסן אַ בונד מיטן גאַנצן פֿאָלק אין
ירושָלַיִם, אויסצורופֿן בײַ זיך אַ פֿרײַלאָזונג; 9 אַרויסצולאָזן
איטלעכער זײַן קנעכט, און איטלעכער זײַן דינסט, דעם ייִדישן און
די ייִדישע, פֿרײַ, אַז קיינער זאָל ניט אַרבעטן מיט זיי, מיט זײַן ייִדישן
ברודער. 10 האָבן געוועסט צוגעהערט אַלע האַרן און דאָס גאַנצע
פֿאָלק, וואָס זײַנען אַרײַן אין דעם בונד אַרויסצולאָזן איטלעכער זײַן
קנעכט, און איטלעכער זײַן דינסט, פֿרײַ, ניט צו אַרבעטן מיט זיי
מער, און זיי האָבן געהאָרכט און האָבן אַרויסגעלאָזט. 11 אָבער
דערנאָך האָבן זיי חרטה געקריגן, און האָבן צוריקגענומען די קנעכט
און די דינסטן, וואָס זיי האָבן אַרויסגעלאָזט פֿרײַ, און זיי האָבן זיי
באַצוווּנגען פֿאַר קנעכט און פֿאַר דינסטן. 12 איז דאָס וואָרט פֿון
גאָט געווען צו יִרמיָהוהן, פֿון גאָט, אַזוי צו זאָגן:

13 אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פֿון ישׂראל: איך האָב געשלאָסן
אַ בונד איט אײַערע עלטערן אין דעם טאָג וואָס איך האָב זיי
אַרויסגעצויגן פֿון לאַנד מִצרַיִם, פֿון דעם הויז פֿון קנעכטשאַפֿט, אַזוי
צו זאָגן: 14 צום סָוף פֿון זיבן יאָר זאָלט איר אַר אויסלאָזן

איטלעכער זײַן ייִדישן ברודער, וואָס האָט זיך פֿאַרקויפֿט צו דיר, און
האָט דיר געדינט זעקס יאָר; זאָלסט אים אַרויסלאָזן פֿרײַ פֿון דיר.
אָבער אײַערע עלטערן האָבן ניט צוגעהערט צו מיר, און ניט
צוגענייגט זייער אויער. 15 און איר האָט הײַנט תּשובה געטאָן, און
האָט געטאָן וואָס איז רעכטפֿאַרטיק אין מײַנע אויגן, אויסצורופֿן אַ
פֿרײַלאָזונג איטלעכער צו זײַן חבר, און איר האָט געשלאָסן אַ בונד
פֿאַר מיר אין דעם הויז וואָס מײַן נאָמען ווערט גערופֿן אויף אים.
16 אָבער איר האָט חרטה געקריגן, און איר האָט פֿאַרשוועכט מײַן
נאָמען, און האָט צוריקגענומען איטלעכער זײַן קנעכט, און
איטלעכער זײַן דינסט, וואָס איר האָט אַרויסגבעלאָזט פֿרײַ פֿאַר זיך;
און איר האָט זיי באַצוווּנגען צו זײַן פֿאַר קנעכט און פֿאַר דינסטן צו
אײַך. 17 דרום האָט גאָט אַזוי געזאָגט: איר האָט ניט צו געהערט צו
מיר, אויסצורופֿן אַ פֿרײַלאָזונג איטלעכער צו זײַן ברודער, און
איטלעכער צו זײַן חבר, אָט ריף איך אײַך אויס אַ פֿרײַלאָזונג זאָגט
גאָט, צאַר דער שווערד, פֿאַר דער פּעסט, און פֿאַר דעם הונגער, און
איך וועל אײַך מאַכן פֿאַר אַ שוידער בײַ אַלע קיניגרײַכן פֿון דער ערד.
18 און איך וועל געבן די מענטשן וואָס האָבן איבערגעטרעטן מײַן
בונד. וואָס האָבן ניט מקיים געווען די ווערטער פֿון דעם בונד וואָס
זיי האָבן געשלאָסן פֿאַר מיר, בײַ דעם קאַלב וואָס זיי האָבן
צעשניטן אין צווייען, און זײַנען דורכגעגאַנגען צווישן זײַנע שטיקער
– 19 די האַרן פֿון יהודה, און די האַרן פֿון ירושָלַיִם, די הויפֿדינער,
און די כּהנים, און דאָס גאַנצע פֿאָלק פֿון לאַנד, וואָס זײַנען
דורכגעגאַנגען צווישן די שטיקער פֿון דעם קאַלב – 20 איך וועל זיי
געבן אין דער האַנט פֿון זייערע פֿײַנט, און אין דער האַנט פֿון די
וואָס זוכן זייער לעבן, און זייערע טויטע לײַבער וועלן זײַן צו שפּײַז
פֿאַרן פֿויגל פֿון הימל, און פֿאַר דער חיה פֿון דער ערד. 21 און
צִדקִיָהו דעם מלך פֿון יהודה און זײַנע האַרן וועל איך געבן אין דער
האַנט פֿון זייערע פֿײַנט, און אין דער האַנט פֿון די וואָס זוכן זייער
לעבן, און אין דער האַנט פֿון דעם איל פֿון דעם מלך פֿון בבֿל וואָס
האָט אָפּגעצויגן פֿון אײַך. 22 זע, איך באַפֿעל, זאָגט גאָט, און וועל זיי
אומקערן צו דער דאָזיקער שטאָט, און זיי וועלן מלחמה האַלטן אויף
איר, און וועלן זי באַצווינגען, און וועלן זי פֿאַרברענען אין ווײַער, און
די שטעט פֿון יהודה וועל איך מאַכן אַ וויסטעניש אָן אַ באַווינער.

לה 1 דאָס וואָרט וואָס איז געווען צו ירמיָהון פֿון גאָט אין די
טעג פֿון יהוֹיָקים דעם זון פֿון יֹאשִׁיָהון, דעם מלך פֿון יהודה,
אַזוי צו זאָגן: 2 גיי צו דעם הויז פֿון די רֵכָבים, און זאָלסט רעדן צו
זיי, און זיי ברענגען אין הויז פֿון גאָט, אין איינער פֿון די קאַמערן,
און זיי געבן טרינקען וויַין. 3 האָב איך גענומען יַאֲזַניָה דעם זון פֿון
ירמיָהו דעם זון פֿון חֲבַצִנְיָהן, און זיַינע ברידער, און אַלע זיַינע זין,
און דאָס גאַנצע הויז פֿון די רֵכָבים. 4 און איך האָב זיי געבראַכט אין
הויז פֿון גאָט, אין דער קאַמער פֿון די זין פֿון חָנָן דעם זון פֿון יִגדַליָהו
דעם געטלעכן מאַן, וואָס לעבן דער קאַמער פֿון די האַרן, וואָס
איבער דער קאַמער פֿון מַעֲשֵׂיָהו דעם זון פֿון שַׁלוּם דעם
שוועלהיטער. 5 און איך האָב דערלאַנגט פֿאַר די קינדער פֿון דעם
הויז פֿון די רֵכָבים קריגלעך פֿון מיט פֿיַין און בעכערס, און איך האָב
צו זיי געזאָגט: טרינקט וויַין. 6 האָבן זיי געזאָגט: מיר טרינקען ניט
קיין וויַין, וואָרום יוֹנָדָב דער זון פֿון רֵכָבן, אונדזער פֿאָטער, האָט
אונדז באַפֿוילן, אַזוי צו זאָגן: איר זאָלט ניט טרינקען קיין וויַין, איר,
און אייַערע קינדער ביז אייביק; 7 און קיין הויז זאָלט איר ניט בויען,
און קיין זאָמען זאָלט איר ניט זייען, און קיין וויַנגאָרטן זאָלט איר
ניט פֿלאַנצן, און ניט האָבן; נייַערט אין געצעלטן זאָלט איר זיצן אַלע
אייַערע טעג, כּדי איר זאָלט לעבן פֿיל טעג אויפֿן געזיכט פֿון דער
ערד וואָס איר ווינט דאָרטן. 8 און מיר האָבן צוגעהערט צו דעם קָול
פֿון יהוֹנָדָב דעם זון פֿון רֵכָבן, אונדזער פֿאָטער, אין אַלץ וואָס ער
האָט אונדז באַפֿוילן, ניט צו רטרינקען קיין וויַין אַלע אונדזערע טעג,
מיר, אונדזערע ווייַבער, אונדזערע זין, און אונדזערע טעכטער; 9 און
ניט צו בויען קיין הייַזער פֿאַר אונדז צום וווינען, און קיין וויַנגאָרטן,
און קיין פֿעלד, און קיין זאָמען, זאָל בייַ אונדז ניט זיַין. 10 און מיר
זיינען געזעסן אין געצעלטן, און מיר האָבן געהאָרכט און
געטאָן אַזוי ווי אַלץ וואָס אונדזער פֿאָטער יוֹנָדָב האָט אונדז
באַפֿוילן. 11 און עס איז געווען, אַז נבוכַדראֶאצַר דער מלך פֿון
בָבֿלאיז אַרויפֿגעקומען אויפֿן לאַנד, האָבן מיר געזאָגט: קומט, און
לאָמיר אַרייַנגיין אין ירושָלַיִם פֿון וועגן דעם כֵל פֿון די כַּשׂדים, און
פֿון וועגן דעם חיל פֿון אַרָם; און מיר האָבן זיך באַזעצט אין
ירושָלַיִם.

12 איז דאָס וואָרט פֿון גאָט געווען צו ירמיָהון, אַזוי צו זאָגן: 13 אַזוי
האָט געזאָגט יהוה צבָאוֹמת, דער גאָט פֿון ישׂראל: גיי, און
זאָלסט זאָגן צו די מענער פֿון יהודיַה, און צו די באַווינער פֿון

ירושָלַיִם: ווילט איר ניט אַ מוסר אַראָפּנעמען צוצוהערן צו מײַנע
ווערטער? זאָגט גאָט. 14 געהאַלטן ווערן די ווערטער פֿון יהוֹנָדָב דעם
זון פֿון רֵכָבן, וואָס האָט באַפֿוילן זײַנע קינדער ניט צו טרינקען קיין
ווײַן, און זיי רטרינקען ניט ביז אויף הײַנטיקן טאָג, ווײַל זיי געהאָרכן
דעם באַפֿעל פֿון זייער פֿאָטער, און איך האָב גערעדט צו אײַך,
נאָכאַנאַנד און נאָכאַנאַנד גערעדט, און איר האָט ניט צוגעהערט צו
מיר. 15 און איך האָב געשיקט צו אײַך אַלע מײַנע קנעכט די נבֿיאים,
נאָכאַנאַנד און נאָכאַנאַנד געשיקט, אַ אוזי צו זאָגן: קערט אײַך אום
איטלעכר אופֿן זײַן שלעכטן וועג, און בעסערט אײַערע מעשׂים, און
איר זאָלט ניאָט גיין נאָך פֿרעמדע געטער זיי צו דינען, און בלײַבט
זיצן אויף דער ערד וואָס איך האָב געגעבן אײַך און אײַערע עלטערן;
אָבער איר האָט ניט צוגענײַגט אײַער אויער, און ניט צוגעהערט
צו מיר. 16 איז, ווײַל די קינדער פֿון יהוֹנָדָב דעם זון פֿון רֵכָבן
האָבן מקיים געווען דעם באַפֿעל פֿון זייער פֿאָטער, וואָס ער האָט
זיי באַפֿוילן, און דאָס דאָזיקע פֿאָלק האָט ניט צוגעהערט צו מיר,
17 דרום האָט אַזוי געזאָגט יהוה דער גאָט פֿון צבָאוֹת, דער גאָט פֿון
ישׂראל:

זע, איך ברענג אויף יהודה
און אויף אַלע באַוווינער פֿון ירושָלַיִם
דאָס גאַנצע בייז וואָס איך האָב גאָנגעזאָגט אויף זיי;
ווײַל איך האָב גערעדט צו זיי,
אוקן זיי האָבן ניט צוגעהערט,
און איך האָב גערופֿן צו זיי
און זיי האָבן זיך ניט אָפּגערופֿן.

18 און צו דעם הויז פֿון די רֵכָבים האָט יִרמיָהו געזאָגט: אַזוי האָט
געזאָגט יהוה פֿון צבָאוֹת, דער גאָט פֿון ישׂראל: ווײַל איר האָט
צוגעהערט צו דעם באַפֿעל פֿון יהוֹנָדָב אײַער פֿאָטער, און איר האָט
אָפּגעהיט אַלע זײַנע באַפֿעלן, און איר האָט געטאָן אַזוי ווי אַלץ וואָס
ער האָט אײַך באַפֿוילן, 19 דרום האָט אַזוי געזאָגט יהוה פֿון
צבָאומת, דער גאָט פֿון ישׂראל: עס וועט ניט פֿאַרשניטן ווערן פֿון
יוֹנָדָב דעם זון פֿון רֵכָבן אַ מאַן צו שטיין פֿאַר מיר אַלע טעג.

# לו

1 און עס איז געווען אין פֿריטן יאָר פֿון יהוֹיָקים דעם זון פֿון
יֹאשִׁיָהון, דעם מלך פֿון יהודה, איז געווען דאָס דאָזיקע וואָרט
צו יִרמיָהון פֿון גאָט, אַזוי צו זאָגן: 2 נעם דיר אַ מגילה, און זאָלסט
אָנשרײַבן אויף איר אַלע ווערטער וואָס איך האָב גערעדט אוצו דיר
אויף ישׂראל, און אויף יהודה, און אויף אַלע פֿעלקער, פֿון דעם טאָג
וואָס איך רעד צו דיר, פֿון די טעג פֿון יֹאשָׁיָהון און ביז אויף הײַנטיקן
טאָג. 3 אפֿשר וועט דאָס הויז פֿון יהודה הערן דאָס גאַנצע בייז וואָס
איך טראַכט זיי צו טאָן; כּדי זיי זאָלן זיך אומקערן איטלעכר פֿון זײַן
שלעכטן וועג, און איך זאָל פֿאַרגעבן זייער פֿאַרברעך און זייער זינד.

4 האָט יִרמיָהו גערופֿן ברוך דעם זון פֿון נֵרִיָהן, און ברוך האָט
אויפֿגעשריבן פֿון יִרמיָהוס מויל אַלע ווערטער פֿון גאָט, וואָס ער
האָט או אים גערעדט, אויף אַ מגילה. 5 און יִרמיָהו האָט באַפֿוילן
ברוכן, אַזוי צו זאָגן: איך בין פֿאַרהאַלטן, איך קען ניט קומען אין
הויז פֿון גאָט; 6 דרום זאָלסט דו גיין, און לייַענען פֿון דער מגילה
וואָס דו האָסט אויפֿגעשריבן פֿון מײַן מויל, די ווערטער פֿון גאָט, אין
די אויערן פֿון פֿאָלק, אין הויז פֿון גאָט אין אַ פֿאַסטאָג; און אויך אין
די אויערן פֿון גאַנץ יהודה וואָס קומען פֿון זייערע שטעט, זאָלסטו זיי
לייַענען. 7 אפֿשר וועט פֿאַלן זייער געבעט פֿאַר גאָט, און זיי וועלן זיך
אומקערן איטלעכער פֿון זײַן שלעכטן וועג; וואָרום גרויס איז דער
כּעס און דער גרימצאָרן וואָס גאָט האָט גערעדט אויף דעם דאָזיקן
פֿאָלק.

8 האָט ברוך דער זון פֿון נֵרִיָהן געטאָן אַזוי ווי אַלץ וואָס יִרמיָהו
הנבֿיא האָט אים באַפֿוילן – צו לייַענען פֿון דעם בוך די ווערטער פֿון
גאָט אין גאָטס הויז.

9 און עס איז געווען אין פֿינפֿטן יאָר פֿון יהוֹיָקים דעם זון פֿון
יֹאשָׁיָהון דעם מלך פֿון יהודה, אין נײַנטן חוֹדש, האָבן אויסגערופֿן אַ
תָּענית פֿאַר גאָט דאָס גאַנצע פֿאָלק אין ירושָׁלַיִם, און דאָס גאַנצע
פֿאָלק וואָס איז געקומען פֿון די שטעט פֿון יהודה אין ירושָׁלַיִם.
10 און ברוך האָט געלייַענט פֿון דעם בוך די ווערטער פֿון יִרמיָהון אין
הויז פֿון גאָט, אין דער קאַמערפֿון גמַריָהו דעם זון פֿון שָׁפָ־ן דעם
שרײַבער, אין דעם אויבערשטן הויף, אין אײַנגאַנג פֿון דעם נײַעם
טויער פֿון גאָטס הויז, אין די אויערן פֿון גאַנצן פֿאָלק. 11 האָט
מיכָיהו דער זון פֿון גמַריָהו דעם זון פֿון שָׁפָ־נען געהערט פֿון בוך אַלע

ווערטער פֿון גאָט, 12 און ער האָט אַראָפּגענידערט צום הויז פֿון
מלך, אין דעם שרײַבערס קאַמער; ערשט דאָרטן זיצן אַלע האַרן,
אֱלִישָׁמָע דער שרײַבער, און דְלָיָהו דער זון פֿון שְמַעיָהון, און אֶלנָתָן
דער זון פֿון עַכבּורן, און גְמַריָהו דער זון פֿון שָפָ־נען, און צִדקִיָהו דער
זון פֿון חֲנַניָהון, און אַלע האַרן. 13 האָט זיי מִיכָיהו דערציילט אַלע
ווערטער וואָס ער האָט געהערט, ווען ברוך האָט געלייַענט פֿון בוך
אין די אויער פֿון פֿאָלק. 14 און אַלע האַרן האָט געשיקט צו ברוכן
יהודי דעם זון פֿון נתַניָהו דעם זון פֿון שֶלֶמיָהו דעם זון פֿון כּושין,
אַזוי צו זאָגן: די מגילה וואָס דו האָסט פֿון איר געלייַענט אין די
אויערן פֿון פֿאָלק, נעם זי אין דײַן האַנט, און קום אַהער. האָט ברוך
דער זון פֿון נֵריָהן גענומען די מגילה אין זײַן האַנט, און איז געקומען
צו זיי. 15 האָבן זיי געזאָגט צו אים: זעץ אַקאָרשט, און לייַען זי אין
אונדזערע אויערן; און ברוך האָט געלייַענט אין זייערע אויערן.
16 און עס איז געווען, ווי זיי האָבן געהערט אַלע ווערטער, אַזוי
האָבן זיי איינער דעם אַנדערן אָנגעקוקט אין אַנגסט, און זיי האָבן
געזאָגט צו ברוכן: דערציילט מוזן מיר דעם מלך אַלע די
דאָזיקע ווערטער. 17 און ברוכן האָבן זיי געפֿרעגט, אַזוי צו זאָגן: זאָג
אונדז אַקאָרשט, ווי אַזוי האָסטו אויפֿגעשריבן די אַלע ווערטער פֿון
זײַן מויל? 18 האָט ברוך צו זיי געזאָגט: ער פֿלעגט אויסרופֿן צו מיר
מיט זײַן מויל אַלע די דאָזיקע ווערטער, און איך פֿלעג אויפֿשרײַבן
אויפֿן בוך מיט טינט. 19 האָבן די האַרן געזאָגט צו ברוכן: גיי
באַהאַלט זיך, דו, און יִרמְיָהו, און קײַנער זאָל ניט וויסן ווו איר זײַט.
20 און זיי זײַנען געגאַנגען צום מלך אין הויף; און די מגיאָה האָבן זיי
אַוועקגעלייגט אין דער קאַמער פֿון אֶלישָׁמָע דעם שרײַבער; און זיי
האָבן דעריצילט אין די אויערן פֿון מלך אַלע ווערטער. 21 האָט דער
מלך געשיקט יהודים צו ברענגען די מגילה, און ער האָט זי
געברטאַכט פֿון דער קאַמער פֿון אֶלישָׁמָע דעם שרײַגבער; און יהודי
האָט זי געלייַענט אין די אויערן פֿון מלך, און אין די אויערן פֿון די
האַרן וואָס זײַנען געשטאַנען לעבן מלך. 22 און דער מלך איז געזעסן
אין דעם ווינטערהויז – דאָס איז געווען אין נײַנטן חודש – און דער
פֿײַערטאָפּ איז געווען אָנגעצונדן פֿאַר אים. 23 איז ווי יהודי האָט
אָפּגעלייַענט דרײַ עַמודים אָדער פֿיר, אַזוי האָט ער עס אָפּגעשניטן
מיטן שרײַבערמעסער, און אַרויפֿגעוואָרפֿן אויפֿן פֿײַער וואָס אין
פֿײַערטאָפּ, ביז די גאַנצע מגילה איז פֿאַרלענדט געוואָרן אויף דעם
פֿײַער וואָס אין פֿײַערטאָפּ. 24 און זיי האָבן זיך ניט דערשראָקן, און
ניט צעריסן זייערע קליידער, דער מלך און אַלע זײַנע קנעכט וואָס

האָבן געהערט אַלע די דאָזיקע ווערטער. 25 און הגם אֶלנָתָן און
דלָיָהו און גמַריָהו האָבן זיך געבעטן בײַם מלך ניט צו פֿאַרברענען די
מגילה, האָט ער דאָך ניט צוגעהערט צו זיי. 26 און דער מלך האָט
באַפֿוילן ירַכמְאֵל דעם זון פֿון מלך, און שׂרָיָהו דעם זון פֿון עַזריאֵלן,
און שֶלֶמיָהו דעם זון פֿון עַבדְאַלן, צו ברענגען ברוך דעם שרײַבער
און יִרמיָהו הנבֿיא, אָבער גאָט האָט זיי באַהאַלטן.

27 און דאָס וואָרט פֿון גאָט איז געווען צו יִרמיָהון, נאָכדעם ווי דער
מלך האָט פֿאַרברענט די מגילה מיט די ווערטער וואָס ברוך האָט
אויפֿגעשריבן פֿון יִרמיָהוס מויל – אַזוי צו זאָגן: 28 נעם דיר ווידער
אַן אַנדער מגילה, און שרײַב אָן אויף איר אַלע פֿריערדיקע ווערטער
וואָס זײַנען געווען אויף דער ערשטער מגילה, וואָס יהוֹיָקים דער
מלך פֿון יהודה האָט פֿאַרברענט. 29 און אויף יהוֹיָקים דעם מלך פֿו
יהודה זאָלסטו זאָגן: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: דו האָסט פֿאַרברענט
די דאָזיקע מגילה, אַזוי צו זאָגן: אַלמאַי האָסטו געשריבן אויף איר,
אַזוי צו זאָגן: קומען וועט קומען דער מלך פֿון בבֿל, און ער וועט
צעשטערן דאָס דאָזיקע לאַנד, און וועט פֿאַרטיליקן פֿון איר מענטשן
און בהמות? 30 דרום האָט גאָט אַזוי געזאָגט אויף יהוֹיָקים דעם מלך
פֿון יהודה:

קײַנער פֿון אים וועט ניט אײַצן אויפֿן טראָן פֿון דוד,
און זײַן טויטער לײַב וועט זיך וואַלגערן
אויף דער היץ בײַטאָג, און אויף דער קעלט בײַנאַכט.
31 און איך וועל זיך אָפּרעכענען מיט אים,
און מיט זײַן זאָמען,
און מיט זײַנע קנעכט, פֿאַר זייערע זינד,
און איך וועל ברענגען אויף זיי,
און אויף די באַוווינער פֿון ירושָלַיִם,
און אויף די מענער פֿון יהודה,
דאָס גאַנצע בייז וואָס איך האָב אָנגעזאָגט אויף זיי,
און זיי האָבן ניט צוגעהערט.

32 און יִרמיָהו האָט גענומען אַן אַנדער מגילה, און האָט זי געגעבן
צו ברוך דעם זון פֿון נֵריָהון, דעם שרײַבער און ער האָט
אויפֿגעשריבן אויף איר פֿון יִרמיָהוס מויל אַלע ווערטער פֿון דעם בוך

וואָס יהוֹיָקים דער מלך פֿון יהודה האָט פֿאַרברענט אין פֿײַער; און צו
זיי זײַנען צוגעלייגט געוואָרן נאָך פֿיל ווערטער אַזוי ווי זיי.

## לז

1 און צִדקִיָהו דער זון פֿון יֹאשִיָהון איז געוואָרן מלך אויף דעם
אָרט פֿון כָּניָהו דעם זון פֿון יהוֹיָקימען, וואָס נבוכַדרֶאצַר דער
מלך פֿון בבֿל האָט געמאַכט פֿאַר אַ מלך אין לאַנד יהודה. 2 און ער
און זײַנע קנעכט און דאָס גאַנצע פֿאָלק פֿון לאַנד האָבן ניט
צוגעהערט צו די ווערטער פֿון גאָט, וואָס ער האָט גערעדט דורך
יִרמִיָהו הנבֿיא.

3 און דער מלך צִדקִיָהו האָט געשיקט יהוּכַל דעם, זון פֿון שֶלֶמיָהן,
און צפַניָהו דעם זון פֿון מַעֲשֵׂיָהן, דעם כֹּהן, צו יִרמִיָהו הנבֿיא, אַזוי
צו זאָגן: זײַ, איך בעט דיך, מתפּלל פֿאַר אונדז צו יהוה אונדזער גאָט.
4 און יִרמִיָהו פֿלעגט קומען און גיין צווישן פֿאָלק, וואָרום מע האָט
אים נאָך ניט געהאַט אַרײַנגעגעבן אין תּפֿיסה. 5 און דער חיל פֿון
פּרעהן איז אַרויסגעגאַנגען פֿון מִצרַיִם; און די כַּשׂדים וואָס האָבן
געלעגערט אויף ירושָלַיִם, האָבן געהערט די הערונג וועגן זיי, און
האָבן אָפּגעצויגן פֿון ירושָלַיִם. 6 איז דאָס וואָרט פֿון גאָט געווען צו
יִרמִיָהו הנבֿיא, אַזוי צו זאָגן: 7 אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט
פֿון ישׂראל: אַזוי זאָלט איר זאָגן צו דעם מלך פֿון יהודה וואָס שיקט
אײַך צו מיר מיך צו פֿרעגן: זע, דער כֵל פֿון פַּרעהן וואָס איז
אַרויסגעגאַנגען אײַך צו הילף, קערט זיך אום צו זײַן לאַנד, מִצרַיִם.
8 און די כַּשׂדים וועלן זיך אומקערן, און וועלן מלחמה האַלטן אויף
דער דאָזיקער שטאָט, און זיי וועלן זי באַצווינגען, און וועלן זי
פֿאַרברענען אין פֿײַער. 9 אַזוי האָט גאָט געזאָגט: איר זאָלט אײַך ניט
אײַנרעדן, אַזוי צו זאָגן: אַוועקגיין וועלן אַוועקגיין פֿון אונדז די
כַּשׂדים; וואָרום זיי וועלן ניט אַוועקגיין. 10 וואָרום אַז איר זאָלט
שלאָגן דעם גאַנצן כֵל פֿון די כַּשׂדים וואָס האַלטן מלחמה אויף
אײַך, און עטלעכע געשטאָכענע זאָלן בלײַבן פֿון זיי, וועלן זיי
אויפֿשטיין איטלעכער אין זײַן געצעלט, און וועלן פֿאַרברענען די
דאָזיקע שטאָט אין פֿײַער.

11 און עס איז געווען, אַז דער כֵל פֿון די כַּשׂדים האָט אָפּגעצויגן פֿון
ירושָלַיִם פֿאַר דעם כֵל פֿון פַּרעהן, 12 איז יִרמִיָהו אַרויסגעגאַנגען פֿון

ירושָלַיִם צו גיין קיין לאַנד בנימין, כּדי צו קריגן דאָרטן זײַן חלק
ירושה צווישן דעם פֿאָלק. 13 איז, ווי ער איז געווען אין טויער פֿון
בנימין, איז דאָרטן געווען דער הויפּטמאַן פֿון דער וואַס, וואָס זײַן
נאָמען איז געווען יִראִיָה דער זון פֿון שֶלֶמיָה דעם זון פֿון חנַניָהן;
האָט ער אָנגעכאַפּט יִרמיָהו הנבֿיאן, אַזוי צו זאָגן: צו די כַּשׂדים
ווילסטו צופֿאַלן. 14 האָט יִרמיָהו געזאָגט: אַליגן! איך וויל ניט
צופֿאַלן צו די כַּשׂדים. אָבער ער האָט ניט צוגעהערט צו אים, און
יִראִיָה האָט אָנגעכאַפּט יִרמיָהון, און האָט אים געבראַכט צו די
האַרן. 15 און די האַרן האָבן געצערנט אויף יִרמיָהון, און האָבן אים
געשלאָגן, און אים אַרײַנגעגעבן אין געפֿענקעניש, אין הויז פֿון
יהוֹנָתָן דעם שרײַבער; וואָרום דאָס האָט מען געמאַכט פֿאַר אַ
תּפֿיסה.

16 אַז יִרמיָהו איז געקומען אין געפֿענקעניש און אין די געוועלבן,
און יִרמיָהו איז דאָרטן אָפּגעזעסן פֿיל טעג, 17 האָט דער מלך
צִדקִיָהו געשיקט, און האָט אים אַרויסגענומען; און דער מלך האָט
אים געפֿרעגט בײַ זיך אין הויז, אין פֿאַרבאָרגעניש, און האָט געזאָגט:
פֿאַראַן אַ וואָרט פֿון גאָט? האָט יִרמיָהו געזאָגט: פֿאַראַן; און ער
האָט געזאָגט: אין דער האַנט פֿון דעם מלך פֿון בבֿל וועסטו
איבערגעגעבן ווערן. 18 און יִרמיָהו האָט געזאָגט צום מלך צִדקִיָהון:
וואָס האָב איך געזינדיקט קעגן דיר, און קעגן דײַנע קנעכט, און קעגן
דעם דאָזיקן פֿאָלק, וואָס איר האָט מיך אַרײַנגעגעבן אין תּפֿיסה?
19 און אַווּ זײַנען אײַערע נבֿיאים וואָס האָבן אײַך נבֿיאות געזאָגט,
אַזוי צו זאָגן: דער מלך פֿון בבֿל וועט ניט קומען אויף אײַך און אויף
דעם דאָזיקן לאַנד? 20 און אַצונד, הער צו, איך בעט דיך, מײַן האַר
קיניג; זאָל, איך בעט דיך, פֿאַלן מײַן געבעט פֿאַר דיר, און זאָלסט מיך
ניט אומקערן אין הויז פֿון יהוֹנָתָן דעם שרײַבער, און לאָמיך ניט
שטאַרבן דאָרטן. 21 האָט דער מלך צִדקִיָהו באַפֿוילן, און מע האָט
אַרײַנגעזעצט יִרמיָהון אין הויף פֿון דער וואַך, און מע האָט אים
געגעבן אַ לאַבן ברויט אַ טאָג פֿון דער בעקערגאַס ביז דאָס גאַנצע
ברויט איז אויסגעגאַנגען פֿון דער שטאָט. אַזוי איז יִרמיָהו געזעסן
אין הויף פֿון דער וואַך.

# לח

1 און שפַֿטיָה דער זון פֿון מקתָּנען, און גדַליָהו דער זון פֿון
פַּשחורן, און יאָכַל דער זון פֿון שֶׁלֶמיָהון, און פַּשחור דער זון
פֿון מַלכִּיָהן, האָבן געהערט די ווערטער וואָס יִרמיָהו רעדט צום
גאַנצן פֿאָלק, אַזוי צו זאָגן: 2 אַזוי האָט גאָט געזאָגט: דער וואָס
בלײַבט זיצן אין דער דאָזיקער שטאָט וועט שטאַרבן פֿון דער
שווערד, פֿון דעם הונגער, און פֿון דער פּעסט, און דער וואָס גייט
אַרויס צו די כַּשׂדים, וועט בלײַבן לעבן; זײַן נפֿש וועט אים זײַן צום
געווינס, און ער וועט בלײַבן לעבן. 3 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
איבערגעגעבן וועט איבערגעגעבן ווערן די דאָזיקע שטאָט אין דער
האַנט פֿון דעם חֵיל פֿון דעם מלך פֿון בבֿל, און ער וועט זי באַצווינגען.
4 האָבן די האַרן געזאָגט צום מלך: זאָל געטייט ווערן, איך בעט דיך,
דער דאָזיקער מאַן, וואָרום ער שלאַפֿט דאָך אָפּ די הענט פֿון די
המלחמהלײַט וואָס זײַנען איבערגעבליבן אין דער דאָזיקער שטאָט,
און די הענט פֿון דעם גאַנצן פֿאָלק, אַז דער רעדט צו זיי אַזוי ווי די
דאָזיקע רייד; וואָרום דער דאָזיקער מאַן זוכט ניט פֿריד פֿאַר דעם
דאָזיקן פֿאָלק נאָר בלויז אַ רעה. 5 האָט דער מלך צִדקִיָהו געזאָגט:
אָט איז ער אין אײַער האַנט; וואָרום דער מלך קען מיט אײַך
גאָרנישט אויספֿירן. 6 האָבן זיי גענומען יִרמיָהון, און האָבן אים
אַרײַנגעוואָרפֿן אין דער גרוב פֿון מַלכִּיָהו דעם זון פֿון מלך, וואָס אין
הויף פֿון דער וואַך; און זיי האָבן אַראָפּגעלאָזט יִרמיָהון מיט שטריק.
און אין דער גרוב איז קיין וואַסער ניט געווען, נאָר בלויז ליים; און
יִרמיָהו איז אַרײַנגעזונקען אין דעם ליים.

7 האָט געהערט עֶבֶד-מֶלֶך דער כּושי, אַ מאַן אַ הויפֿדינער וואָס איז
געווען אין הויז פֿון מלך, אַז מע האָט יִרמיָהון אַרײַנגעטאָן אין דער
גרוב; און דער מלך איז געזעסן אין טויער פֿון בנימין. 8 איז עֶבֶד-מֶלֶך
אַרויסגעגאַנגען פֿון מלכס הויז, און האָט גערעטדט צום מלך, אַזוי צו
זאָגן: 9 מײַן האַר מלך, שלעכט באַגאַנגען האָבן זיך די דאָזיקע לײַט
מיט אַלץ וואָס זיי האָבן געטאָן צו יִרמיָהו הנבֿיא, וואָס זיי האָבן אים
אַרײַנגעוואָרפֿן אין גרוב; און ער שטאַרבט אויף זײַן אָרט פֿאַר
הונגער; וואָרום ניטאָ קיין ברויט מער אין שטאָט. 10 האָט דער מלך
באַפֿוילן עֶבֶד-מֶלֶך דעם כּושי, אַזוי צו זאָגן: נעם מיט דיר פֿון דאַנען
דרײַסיק מאַן, און זאָלסט אַרויפֿברענגען כִּירמיָהו הנבֿיאן פֿון דער
גרוב איידער ער וועט שטאַרבן. 11 האָט עֶבֶד-מֶלֶך גענומען די
מענטשן מיט זיך, און ער איז געקומען אין הויז פֿון מלך אונטער דער
שאַצקאַמער, און האָט פֿון דאָרטן גענומען אַלטע קאָדרעס און

אַלטע שמאַטעס, און ער האָט זיי אַראָפּגעלאָזט צו יִרמיָהון אין גרוב
מיט שטריק. 12 און עֶבֶד-מֶלֶך דער כּושי האָט געזאָגט צו יִרמיָהון:
טו, איך בעט דיך, די אַלטע קאָדרעס און די שמאַטעס אונטער דײַנע
אָרעמס אונטער די שטריק. און יִרמיהו האָט אַזוי געטאָן. 13 און זיי
האָבן געצויגן יִרמיָהון מיט שטריק, און האָבן אים אַרויפֿגעבראַכט
פֿון דער גרוב. און יִרמיָהו איז געזעסן אין הויף פֿון דער וואַך.

14 האָט דער מלך צִדקִיָהו געשיקט און גענומען יִרמיָהו הנבֿיאן צו
זיך, צום דריטן אײַנגאַנג וואָס אינהויז פֿון גאָט; און דער מלך האָט
געזאָגט צו יִרמיָהון: איך וועל דיך פֿרעגן אַ זאַך; זאָלסט ניט
פֿאַרלייקענען פֿון מיר אַ וואָרט. 15 האָט יִרמיָהו געזאָגט צו צִדקִיָהון:
אַז איך וועל דיר זאָגן וועסטו דאָך טייטן מיך טייטן, און אַז איך וועל
דיר געבן אַן עטש, וועסטו ניט צוהערן צו מיר. 16 האָט דער מלך
צִדקִיָהו געשוואָרן יִרמיָהון אין פֿאַרבאָרגעניש, אַזוי צו זאָגן: אַזוי ווי
עס לעבט גאָט וואָס האָט אונדז באַשאַפֿן די דאָזיקע זעל, אויב איך
וועל דיך טייטן, און אויב איך וועל דיך איבערגעבן אין דער האַנט פֿון
די דאָזיקע לײַט וואָס זוכן דײַן לעבן!

17 האָט יִרמיָהו געזאָגט צו צִדקִיָהון: אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער
גאָט פֿון צבָאוֹת, דער גאָט פֿון ישׂראל: אויב אַרויסגיין וועסטו
אַרויסגיין צו די האַנר פֿון דעם מלך פֿון בבֿל, וועט דײַן נפֿש בלײַבן
לעבן, און די דאָזיקע שטאָט וועט ניט פֿאַרברענט ווערן אין פֿײַער;
אי דו וועסט בלײַבן לעבן, אי דײַן הויזגעזינט. 18 אויב אָבער וועסט
ניט אַרויסגיין צו די האַרן פֿון דעם מלך פֿון בבֿל, וועט די דאָזיקע
שטאָט איבערגעגעבן ווערן אין דער האַנט פֿון די כַּשׂדים, און זיי
וועלן זי פֿאַרברענען אין פֿײַער, און דו וועסט ניט אַנטרונען ווערן פֿון
זייער האַנט. 19 האָט דער מלך צִדקִיָהו געזאָגט צו יִמיָהון: איך האָב
מוֹרא פֿאַר די יִדן וואָס זײַנען צוגעפֿאַלן צו די כַּשׂדים, מע זאָל מיך
ניט איבערגעבן אין זייער האַנט, און זיי וועלן זיך אָנטאָן אָן מיר.
20 האָט יִרמיָהו געזאָגט: מע וועט דיך ניט איבערגעבן. הער צו, איך
בעט דיך, צו דעם קָול פֿון גאָט אין וואָס איך רעד צו דיר, און עס
וועט זײַן גוט פֿאַר דיר, און דײַן נפֿש וועט בלײַבן לעבן.

21 אויב אָבער דו ווילסט ניט אַרויסגיין, איז דאָס וואָרט וואָס
גאָט האָט מיר געוויזן: 22 ערשט אַלע ווײַבער וואָס זײַנען געבליבן

אין הויז פֿון דעם מלך פֿון יהודה, ווערן אַרויסגעפֿירט צו די האַרן פֿון דעם מלך פֿון בבֿל, און זיי זאָגן:

דיך אײַנגערעדט און דיך בײַגעקומען
האָבן די גוטע פֿרײַנט דײַנע;
אײַנגעזונקען אין אַ זומפּ זײַנען דײַנע פֿיס –
זײַנען זיי אָפּגעטרעטן אַהינטער.

23 און אַלע דײַנע ווײַבער און דײַנע קינדער פֿירט מען אַרויס צו די
כַּשׂדים, און דו וועסט ניט אַנטרונען ווערן פֿון זייער האַנט, נײַערט
אין דער האַנט פֿון דעם מלך פֿון בבֿל וועסטו געכאַפּט ווערן, און
וועסט מאַכן פֿאַרברענען די דאָזיקע שטאָט אין פֿײַער.

24 האָט צִדקִיָהו געזאָגט צו יִרמיָהון: זאָל קײַ מענטש ניט וויסן פֿון
די דאָזיקע ווערטער, און וועסט ניט שטאַרבן. 25 און אַז די האַרן
וועלן הערן אַז איך האָב גערעדט מיט דיר, און זיי וועלן קומען צו
דיר און זאָגן צו דיר: זאָג אונדז אַקאָרשט, וואָס האָסטו גערעדט צום
מלך; זאָלסט ניט פֿאַרלייקענען פֿון אונדז און מיר וועלן דיך ניט
טייטן; און וואָס האָט גערעדט צו דיר דער מלך? 26 זאָלסטו זאָגן צו
זיי: איך האָב געלאָזט פֿאַלן מײַן געבעט פֿאַרן מלך, מיך ניט
אומצוקערן אין יהוֹנָתָנס הויז, צו שטאַרבן דאָרטן.

27 זײַנען געקומען אַלע האַרן צו יִרמיָהון, און האָבן אים געפֿרעגט,
און ער האָט זיי געזאָגט אַזוי ווי אַלע די דאָזיקע ווערטער וואָס דער
מלך האָט באַפֿוילן, און זיי האָבן אים צו רו געלאָזט, וואָרום דאָס
גערייד איז ניט געהערט געוואָרן. 28 און יִרמיָהו איז געזעסן אין הויף
פֿון דער וואַך ביז דעם טאָג וואָס ירושָלַיִם איז באַצוווּנגען געוואָרן.

און עס איז געווען, אַז ירושָלַיִם איז באַצוווּנגען געוואָרן –

## לט

1 אין נײַנטן יאָר פֿון צִדקִיָהו דעם מלך פֿו יהודה, אין צענטן
חוֹדש, איז געקומען נבוּכַדרֶאצַר דער מלך פֿון בבֿל און זײַן
גאַנצער כֵל אויף ירושָלַיִם, און זיי האָבן געלעגערט אויף איר; 2 אין
עלפֿטן יאָר פֿון צִדקִיָהון, אין פֿירטן חוֹדש, אין נײַנטן טאָג פֿון חוֹדש,
איז אײַנגעבראָכן געוואָרן די שטאָט. – 3 זײַנען געקומען אַלע האַרן

פֿון דעם מלך פֿון בבֿל, און האָבן זיך געזעצט אין מיטלסטן טויער:
נֵרגַל-שַׂראֶצֶר, סַמגַר-נבֿו, שַׂרסכים רַב-סָרִיס, און אַלע איבעריקע
האַרן פֿון דעם מלך פֿון בבֿל. 4 און עס איז געווען, ווי צִדקִיָהו דער
מלך פֿון יהודה און אַלע מלחמה-לײַט האָבן זיי דערזען, אַזוי זײַנען
זיי אַנטלאָפֿן, און זײַנען אַרויסגעגאַנגען בײַ נאַכט פֿון שטאָט דורך
דעם מלכס גאָרטן, דורך דעם, טויער צווישן די צוויי מויערן; און ער
איז אַרויסגעגאַנגען אויפֿן וועג פֿון פּלוין. 5 האָט דער חיל פֿון די
כַּשׂדים זיי נאָכגעיאָגט, און זיי האָבן אָנגעיאָגט צִדקִיָהון אין די
פּלוינען פֿון איריכו; און זיי האָבן אים גענומען און אים
אַרויפֿגעבראַכט צו נבוכַדרֶאצַר דעם מלך פֿון בבֿל קיין רבלָה אין
לאַנד חַמָת, און ער האָט אַרויסגעזאָגט אַ משפּט אויף אים. 6 און
דער מלך פֿון בבֿל האָט געשאָכטן די זין פֿון צִדקִיָהון אין רָבלָה פֿאַר
זײַנע אויגן; אויך אַלע אַדללײַט פֿון יהודה האָט דער מלך פֿון בבֿל
געשאָכטן. 7 און די אויגן פֿון צִדקִיָהון האָט ער בלינד געמאַכט, און
ער האָט אים געשמידט אין קופּערנע קייטן, אים צו ברענגען קיין
בבֿל. 8 און דאָס הויז פֿון דעם מלך, און דאָס הויז פֿון פֿאָלק, האָבן
די כַּשׂים פֿאַרברענט אין פֿײַער, און די מויערן פֿון ירושָלַיִם האָבן זיי
אײַנגעוואָרפֿן. 9 און דעם רעשט פֿון פֿאָלק וואָס זײַנען געבליבן אין
דער שטאָט, און די צוגעפֿאַלענע וואָס זײַנען צוגעפֿאַלן צו אים, און
דעם רעשט פֿון פֿאָלק וואָס זײַנען געבליבן, האָט נבוזַרְאַדָן דער
הויפּט פֿון דעם לײַב-חיל פֿאַרטריבן קיין בבֿל. 10 אָבער פֿון דעם
אָרימען פֿאָלק וואָס האָבן גאָרנישט געהאַט, האָט נבוזַרְאַדָן דער
הויפּט פֿון דעם לײַב-חיל איבערגעלאָזט אין לאַנד יהודה, און ער
האָט זיי געגעבן ווײַנגערטנער און פֿעלדער אין יענעם טאָג.

11 און נבוכַדרֶאצַר דער מלך פֿון בבֿל האָט באַפֿוילן דורך נבוזַרְאַדָן
דעם הויפּט פֿון דעם לײַב-חיל וועגן יִרמיָהון, אַזוי צו זאָגן: 12 נעם
אים, און טו דײַנע אויגן אויף אים, און זאָלסט אים ניט טאָן קיין
שום בייז; נײַערט אַזוי ווי ער וועט דיר זאָגן, אַזוי טו מיט אים.
13 האָט געשיקט נבוזַרְאַדָן דער הויפּט פֿון דעם לײַב-חיל, און
נבושַזבן רַב-סָרִיס, און נֵרגַל-שַׂראֶצֶר רַב-מָג, און אַלע גרויסע לײַט פֿון
דעם מלך פֿון בבֿל – 14 האָבן זיי געשיקט, און האָבן אַרויסגענומען
יִרמיָהון פֿון הויף פֿון דער וואַך, און האָבן אים איבערגעגעבן צו
גדַליָהו דעם זון פֿון אַחיקָם דעם זון פֿון שָפָ־נען, אים אַרויסצונעמען
אַהיים. און ער איז געזעסן צווישן פֿאָלק.

15 און דאָס וואָרט וואָס איז געווען צו יִרמיָהון, ווען ער
איז געווען אײַנגעשפּאַרט אין הויף פֿון דער וואַך, אַזוי צו זאָגן:
16 גיי, און זאָלסט זאָגן צו עֶבֶד-מֶלֶך דעם כּושי, אַזוי צו זאָגן: אַזוי
האָט געזאָגט יהוה פֿון צבָאות, דער גאָט פֿון ישׂראל: זע, איך ברענג
מײַנע ווערטער אויף דער דאָזיקער שטאָט צום בייזן, און ניט צום
גוטן; און זיי וועלן געשען פֿאַר דיר אין יענעם טאָג. 17 אָבער איך
וועל דיך מציל זײַן אין יענעם טאָג, זאָגט גאָט, און וועסט ניט
איבערגעגעבן ווערן אין דער האַנט פֿון די מענטשן וואָס דו שרעקסט
זיך פֿאַר זיי. 18 וואָרום אַנטרינען וועל איך דיך מאַכן אַנטרינען, און
דורכן שווערד וועסטו ניט פֿאַלן, און דײַן נפֿש וועט דיר זײַן צום
געווינס, ווײַל דו האָסט זיך פֿאַרזיכערט אויף מיר, זאָגט גאָט.

מ דאָס וואָרט וואָס איז געווען צו יִרמיָהון פֿון גאָט נאָכדעם
אַז נבוזַרְאַדָן דער הויפּט פֿון דעם לײַב-חיל האָט אים
אַוועקגעלאָזט פֿון רָמָה, ווען ער האָט אים גענומען אַ
געשמידטן אין קייטן צווישן אַלע פֿאַרטריבענע פֿון ירושָלַיִם און
יהודה וואָס זײַנען פֿאַרטריבן געוואָרן קיין בבֿל. 2 און דער הויפּט פֿון
דעם לײַב-חיל האָט גענומען יִרמיָהון, און האָט צו אים געזאָגט:
יהוה דײַן גאָט האָט אָנגעזאָגט דאָס דאָזיקע בייז אויף דעם דאָזיקן
אָרט, 3 און יהוה האָט געבראַכט און געטאָן אַזוי ווי ער האָט
גערעדט; וואָרום איר האָט געזינדיקט צו יהוה, און איר האָט ניט
צוגעהערט צו זײַן קול, דרום איז אײַך געשען די דאָזיקע זאַך. 4 און
אַצונד, זע, איך האָב דיך הײַנט לויז געמאַכט פֿון די קייטן וואָס אויף
דײַן האַנט. אויב עס איז גוט אין דײַנע אויגן צו קומען מיט מיר קיין
בבֿל, קום, און איך וועל טאָן מײַן אויג אויף דיר; אויב אָבער עס איז
שלעכט אין דײַנע אויגן צו קומען מיט מיר קיין בבֿל,לאָז עס. זע,
דאָס גאַנצע לאַנד ליגט פֿאַר דיר; ווּ עס איז גוט און ווּ עס איז
רעכט אין דײַנע אויגן אַהין צו גיין, גיי. 5 און אַז ער האָט אַלץ זיך
ניט געוואָלט אומקערן האָט נבוזַרְאַדָן געזאָגט: טאָ קער זיך אום צו
גדַליָהו דעם זון פֿון אַחיקָם דעם זון פֿון שָפָ־נען, וואָס דער מלך פֿון
בבֿל האָט אויפֿגעזעצט איבער די שטעט פֿון יהודה, און זיץ מיט אים
צווישן דעם פֿאָלק; אָדער וווּהין נאָר עס איז רעכט אין דײַנע אויגן
צו גיין, גיי. און דער הויפּט פֿון דעם לײַב-חיל האָט אים געגעבן
צערונג און אַ מתּנה, און האָט אים אַוועקגעשיקט. 6 און יִרמיָהו איז

געקומען צו גדַליָה דעם זון פֿון אַחיקָמען קיין מִצפָּה. און איז געזעסן
מיט אים צווישן דעם פֿאָלק וואָס זײַנען געבליבן אין לאַנד.

7 און אַלע הויפּטלײַט פֿון חיל וואָס אין פֿעלד, זיי מיט זייערע
מענטשן, האָבן געהערט אַז דער מלך פֿון בבֿל האָט אויפֿגעזעצט
גדַליָהו דעם זון פֿון אַכיקָמען איבערן לאַנד, און אַז ער האָט געלאָזט
אונטער אים מענער און ווײַבער אונקינדער, און פֿון די אָרימע פֿון
לאַנד, פֿון די וואָס זײַנען ניט פֿאַרטריבן געוואָרן קיין בבֿל; 8 און זיי
זײַנען געקומען צו גדַליָ‏ַהן קיין מִצפָּה: יִשמָעֵאל דער זון פֿון נתַניָהון,
און יוֹחנָן און יוֹנָתָן די זין פֿון קָרֵחן, און שׂרָיָה דער זון פֿון תַּנחומְתן,
און די זין פֿון עֵיפַ־ין פֿון נטוֹפָ־ה, און איזַניָהו דער זון פֿון דעם
מַעֲכָתי, זיי מיט זייערע מענטשן. 9 און גדַליָהו דער זון פֿון אַחיקָם
דעם זון פֿון שָפָ־נען האָט געשוואָרן זיי און זייערע מענטשן,אַזוי צו
זאָגן: איר זאָלט ניט מורא האָבן צו דינען די כַּשׂדים. זיצט אין לאַנד,
און דינט דעם מלך פֿון בבֿל, און אײַך וועט זײַן גוט. 10 און איך, אָט
בלײַב איך אין מִצפָּה צו שטיין פֿאַר די כַּשׂדים וואָס וועלן קומען צו
אונדז; און איר זאַמלט אײַן ווײַן, און זומערואויבס, און אייל, און טוט
אַרײַן אין אײַערע כּלים, און זיצט אין אײַערע שטעט וואָס איר האָט
פֿאַרכאַפּט.

11 און אויך אַלע יִדן וואָס אין מואבֿ, און צווישן די קינדער פֿון
עַמון, און אין אֶדוֹם, און די וואָס אין אַלע לענדער, האָבן געהערט
אַז דער מלך פֿון בבֿל האָט געלאָזט אַן איבערבלײַב פֿון יהודה, און
אַז ער האָט אויפֿגעזעצט איבער זיי גדַליָהו דעם זון פֿון אַחיקָם דעם
זון פֿון שָפָ־נען. 12 און אַלע יִדן האָבן זיך אומגעקערט פֿון אַלע
ערטער וואָס זיי זײַנען פֿאַרשטויסן געוואָרן אַהין, און זיי זײַנען
געקומען קיין לאַנד יהודה צו גדַליָהון קיין מִצפָּה; און זיי האָבן
אײַנגעזאַמלט ווײַן און זומעראויבס זייער פֿיל.

13 און יוֹחנָן דער זון פֿון קָרֵחן, און אַלע הויפּטלײַט פֿון חיל וואָס
אויפֿן פֿעלד, זײַנען געקומען צו גדַליָהון קיין מִצפָּה, 14 און זיי האָבן
צו אים געזאָגט: צי ווייסן ווייסטו אַז בעַליס דער מלך פֿון די קינדער
פֿון עַמון האָט געשיקט יִשמָעֵאל דעם זון פֿון נתַניָהן צו נעמען דײַן
לעבן? אָבער גדַליָהו דער זון פֿון אַחיקָמען האָט זיי ניט געגלויבט.
15 האָט יוֹחנָן דער זון פֿון קָרֵחן געזאָגט צו גדַליָהון אין
פֿאַרבאָרגעניש אין מִצפּלָה, אַזוי צו זאָגן: לאָמיך גיין, איך בעט דיך,

און איך וועל דערשלאָגן יִשמָעֵאל דעם זון פֿון נתַניָהן, און קיין
מענטש וועט ניט וויסן. נאָך וואָס זאָל ער דיר נעמען דאָס לעבן, און
גאַנץ יהודה וואָס זײַנען אײַנגעזאַמלט אַרום דיר, וועלן צעשפּרייט
ווערן, און דער איבערבלײַב פֿון יהודה וועט אונטערגיין? 16 אָבער
גדַליָהו דער זון פֿון אַחיקָמען האָט געזאָגט צו יוֹחנָן דעם זון פֿון
קָרֵחן: זאָלסט ניט טאָן די דאָזיקע זאַך, וואָרום ליגן זאָגסטו אויף
יִשמָעֵאלן.

## מא

1 און עס איז געווען אין זיבעטן חוֹדש, איז געקומען
יִשמָעֵאל דער זון פֿון נתַניָה דעם זון פֿון אֶלישָמָען פֿון
קיניגלעכן אָפּשטאַם, און די גרויסע לײַט פֿון דעם מלך, און צען מאַן
מיט אים, צו גדַליָהו דעם זון פֿון אַחיקָמען קיין מִצפָּה, און זיי האָבן
דאָרטן געגעסן ברויט אין אײנעם אין מִצפָּה. 2 איז אויפֿגעשטאַנען
יִשמָעֵאל דער זון פֿון נתַניָהן, און די צען מאַן וואָס מיט אים, און זיי
האָבן געשלאָגן גדַליָהו דעם זון פֿון אַחיקָם דעם זון פֿון שָפָ־נען מיטן
שווערד; און ער האָט אים געטייט – דעם וואָס דער מלך פֿון בבֿל
האָט אויפֿגעזעצט איבערן לאַנד. 3 אויך אַלע ייִדן וואָס זײַנען געווען
מיט אים, מיט גדַליָהון, אין מִצפָּה, און די כַּשׂדים וואָס האָבן זיך
דאָרטן געפֿונען, די מלחמה-לײַט, האָט יִשמָעֵאל דערשלאָגן.

4 און עס איז געווען אויפֿן צווייטן טאָג נאָכן טייטן גדַליָהון, ווען קײַ
מענטש האָט נאָך ניט געוווּסט, 5 זײַנען אָנגעקומען מענטש פֿון
שכֶם, ווּן שילוֹ, און פֿון שוֹמרוֹן, אַכציק מאַן מיט אָפּגעגאָלטע בערד,
און צעריסענע קליידע,ר און שניטן אויפֿן לײַב; מיט שפּײַזאָפּפֿער און
ווײַרויך אין זייער האַנט, אויף צו ברענגען אין הויז פֿון גאָט. 6 איז
אַרויסגעגאַנגען ישמָעֵאל דער זון פֿון נתַניָהן זיי אַנטקעגן פֿון מִצפָּה,
געגאַנגען און גייענדיק געוויינט; און עס איז געווען, ווי ער האָט זיי
באַגעגנט, אַזוי האָט ער צו זיי געזאָגט: קומט צו בדַליָהו דעם זון פֿון
אַחיקָמען. 7 איז, ווי זיי זײַנען אַרײַנגעקומען אין מיטן שטאָט, אַזוי
האָט יִשמָעֵאל דער זון פֿון נתַניָהן זיי געשאָכטן אין דער גרוב אַרײַן,
ער און די מענטשן וואָס מיט אים. 8 און צען מאַן האָבן זיך געפֿונען
צווישן זיי, וואָס האָבן געזאָגט צו יִשמָעֵאלן: טייט אונדז ניט וואָרום
מיר האָבן, באַהאַלטן אין פֿעלד, ווייץ און גערשטן און אייל און
האָניק. האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן, און האָט זיי ניט געטייט צווישן

זייערע ברידער. 9 און די גרוב וואָס יִשמָעֵאל האָט אַהין
אַרײַנגעוואָרפֿן די טויטע לײַבער פֿון די מענטשן וואָס ער האָט
דערשלאָגן לעבן גדַליָהון, דאָס איז געווען די וואָס דער מלך אָסאָ
האָט געמאַכט אויס מורא פֿאַר בעְשאָ דעם מלך פֿון ישׂראל; זי האָט
יִשמָעֵאל דער זון פֿון נתַניָהן אָנגעפֿילט מיט דערשלאָגענע.

10 און יִשמָעֵאל האָט געפֿאַנגען דעם גאַנצן איבערבלײַב פֿון פֿאָלק
וואָס אין מִצפָּה, די טעכטער פֿון מלך, און דאָס גאַנצע פֿאָלק
וואָס זײַנען געבליבן אין מִצפָּה, וואָס נבוזַראַדָן דעם הויפּט פֿון
דעם לײַב־חיל האָט געלאָזן אונטער גדַליָהו דעם זון פֿון אַחיקָמען;
האָט זיי יִשמָעֵאל דער זון פֿון נתַניָהן געפֿאַנגען, און ער איז אַוועק
אַריבערצוגיין צו די קינדער פֿון עַמון.

11 האָט געהערט יוֹחנָן דער זון פֿון קָרֵחן, און אַלע הויפּטלײַט פֿון
חיל וואָס מיט אים, דאָס גאַנצע בייז וואָס יִשמָעֵאל דער זון פֿון
נתַניָהן האָט אָפּגעטאָן. 12 און זיי האָבן גענומען אַלע מענער, און
זײַנען געגאַנגען מלחמה האַלטן מיט יִשמָעֵאל דעם זון פֿון נתַניָהן,
און האָבן אים געפֿונען בײַם גרויסן וואַסער וואָס אין גִבעון. 13 און
עס איז געווען, ווי דאָס גאַנצע פֿאָלק מיט ישמעאלן האָבן דערזען
יוֹחנָן דעם זון פֿון קָרֵחן, און אַלע הויפּטלײַט פֿון חיל מיט אים, אַזוי
האָבן זיי זיך דערפֿרייט. 14 און דאָס גאַנצע פֿאָלק וואָס יִשמָעֵאל
האָט גענומען געפֿאַנגען פֿון מִצפָּה, האָבן זיך אויסגעדרייט און זיך
אומגעקערט, און זײַנען אַוועקגעגאַנגען צו יוֹחנָן דעם זון פֿון קָרֵחן.
15 און יִשמָעֵאל דער זון פֿון נתַניָהן איז אַנטרונען געוואָרן פֿון
יוֹחנָנען, מיט אַכט מאַן, און איז אַוועק צו די קינדער פֿון עמון.

16 און יוֹחנָן דער זון פֿון קָרֵחן, און אַלע הויפּטלײַט פֿון חיל וואָס
מיט אים, האָבן גענומען דעם גאַנצן איבערבלײַב פֿון דעם פֿאָלק
וואָס ער האָט אומגעקערט פֿון יִשמָעֵאל דעם זון פֿון נתַניָהן, פֿון
מִצפָּה, נאָכדעם ווי יענער האָט דערשלאָגן גדליה דעם זון פֿון
אַחיקָמען – די מענער די מלחמה־לײַט, און דיוו אײַבער, און די
קינדער, און די הויפֿדינער, וואָס ער האָט אומגעקערט פֿון גִבעון;
17 און זיי זײַנען געגאַנגען, און זײַנען געזעסן אין גרות־כִּמהם וואָס
בײַ בית־לחם, כּדי צו גיין קומען קיין מצרים. 18 פֿון וועגן די כַּשׂדים:
וואָרום זיי האָבן מורה געהאַט פֿאַר זיי, ווײַל יִשמָעֵאל דער זון פֿון

נתַניָהן האָט דערשלאָגן גדליה דעם זון פֿון אַחיקמען, וואָס דער מלך
פֿון בבֿל האָט אויפֿגעזעצט איבערן לאַנד.

## מב

1 און אַלע הויפּטלײַט פֿון חיל, און יוֹחנָן דער זון פֿון קָרֵחן,
און איזַניָה דער זון פֿון הוֹשַעיָהן, און דאָס גאַנצע פֿאָלק פֿון
קליין ביז גרויס, האָבן געגענט, 2 און האָבן געזאָגט צו יִרמיָהו
הנבֿיא: זאָל, איך בעט דיך, פֿאַלן אונדזער געבעט פֿאַר דיר, און זײַ
מתפּלל צו יהוה דײַן גאָט פֿאַר אונדז, פֿאַר דעם דאָזיקן גאַנצן
איבערבלײַב, וואָרום מיר זײַנען פֿון פֿיל געבליבן ווינציק, אַזוי ווי
דײַנע אויגן זעען אונדז. 3 און זאָל יהוה דײַן גאָט אונדז זאָגן דעם
וועג וואָס מיר זאָלן אויף אים גיין, און די זאַך וואָס מיר זאָלן טאָן.

4 האָט יִרמיָהו הנבֿיא צו זיי געזאָגט: איך האָב געהערט; אָט בין איך
מתפּלל צו יהוה אײַער גאָט, אַזוי ווי אײַערע ווערטער; און עס וועט
זײַן, איטלעך וואָרט וואָס יהוה וועט אײַך ענטפֿערן, וועל איך אײַך
דערציילן; איך וועל ניט פֿאַרמײַדן פֿון אײַך אַ וואָרט.

5 האָבן זיי געזאָגט צו יִרמיָהון: זאָל יהוה זײַן אַן אמתער און
באַגלויבטער עדות אַקעגן אונדז, אויב ניט אַזוי ווי איטלעך וואָרט
מיט וואָס יהוה דײַן גאָט וועט דיך שיקן צו אונדז, אַזוי וועלן מיר
טאָן. 6 סײַ גוט און סײַ שלעכט וועלן מיר צוהערן צו דעם קָול פֿון
יהוה אונדזער גאָט, וואָס מיר שיקן דיך צו אים; כּדי אונדז זאָל גוט
זײַן, אַז מיר וועלנם צוהערן צו דעם קָול פֿון יהוה אונדזער גאָט.

7 און עס איז געווען צום סָוף פֿון צען טעג, איז דאָס וואָרט פֿון גאָט
געווען צו יִרמיָהון. 8 און ער האָט גערופֿן יוֹחנָן דעם זון פֿון קָרֵחן,
און אַלע הויפּטלײַט פֿון כֵל וואָס מיט אים, און דאָס גאַנצע פֿאָלק
אופֿן קליין ביז גרויס. 9 און ער האָט צו זיי געזאָגט:

אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פֿון ישׂראל,
וואָס איר האָט מיך צו אים געשיקט,
צו מאַכן פֿאַלן אײַער געבעט פֿאַר אים:
10 אויב בלײַבן וועט איר בלײַבן אין דעם דאָזיקן לאַנד
וועל איך אײַך אויפֿבויען און ניט צעשטערן,
און וועל אײַך אײַנפֿלאַנצן און ניט אויסרײַסן,

וואָרום איך האָב חרטה אויף דעם בײז
וואָס איך האָב אײַך געטאָן.
11 איר זאָלט ניט מורא האָבן פֿאַר דעם מלך פֿון בבֿל,
וואָס איר האָט מורא פֿאַר אים;
איר זאָלט ניט מורא האָבן פֿאַר אים, זאָגט גאָט,
וואָרום איך בין מיט אײַך, אײַך צו העלפֿן,
און אײַך מציל צו זײַן פֿון זײַן האַנט.
12 און איך וועל אײַך געבן דערבאַרימונג,
און ער וועט אײַך דערבאַרימען,
אונוו עט אײַך אומקערן אויף אײַער ערד.

13 אויב אָבער איר זאָגט: מיאָר וועלן ניט בלײַבן אין דעם דאָזיקן
לאַנד – ניט צוצוהערן צו דעם קָול פֿון יהוה אײַער גאָט, 14 אַזוי צו
זאָגן: ניין, נײַערט קיין לאַנד מִצרַיִם וועלן מיר גיין, ווו מיר וועלן ניט
זען קיין מלחמה, און ניט הערן דעם קָול פֿון אַ שופֿר, און מיר וועלן
ניט הונגערן נאָך ברויט; און דאָרטן וועלן מיר וווינען – 15 טאָ
אַצונד הערט דרום דאָס וואָרט פֿון גאָט, איר איבערבלײַב פֿון יהודה:

אַזוי האָט געזאָגט יהוה פֿון צבָאות,
דער גאָט פֿון ישׂראל:
אויב קערן וועט איר קערן אײַער פּנים
צו קומען קיין מִצרַיִם,
און איר וועט קומען וווינען דאָרטן,
16 איז, די שווערד וואָס איר האָט מורא פֿאַר איר,
וועט אײַך דאָרטן דערגרייכן אין לאַנד מִצרַיִם,
און דער הונגער וואָס איר האגהט זיך וועטן אים,
וועט אײַך אָניאָגן דאָרטן אין מִצרַיִם,
און דאָרטן וועט איר שטאַרבן.
17 און געשען וועט מיט אַלע מענטשן
וואָס האָבן געקערט זייער פּנים צו קומען קיין מִצרַיִם,
צו וווינען דאָרטן,
אַז זיי וועלן שטאַרבן און דער שווערד,
פֿונעם הונגער, און פֿון דערם פּעסט,
און פֿון זיי וועט ניט זײַן אַ געבליבענער אָדער אַנטרונענער,
פֿון וועגן דעם בײז וואָס איך ברענג אויף זיי.
18 וואָרום אַזוי האָט געזאָגט יהוה פֿון צבָאות,

דער גאָט פֿון ישׂראל:
אַזוי ווי מײַן כּעס און מײַן גרימצאָרן איז אויסגעגאָסן געוואָרן
אויף די באַוווינער פֿון ירושָלַיִם,
אַזוי וועט אויסגעגאָסן ווערן מײַן גרימצאָרן אויף אײַך,
ווען איר קומט קיין מִצרַיִם,
און איר וועט זײַן פֿאַר אַ פֿולך, און פֿאַר אַ שרעק,
און פֿאַר אַ קללה, און פֿאַר אַ שאַנד;
און איר וועט מער ניט אָנזען דעם דאָזיקן אָרט.

19 גאָט האָט אָנגעזאָגט וועגן אײַך, איר איבערבלײַב פֿון יהודה: איר
זאָלט ניט גיין קיין מִצרַיִם; וויסן זאָלט איר וויסן זײַן אַז איך האָב
אײַך הײַנט געוואָרנט. 20 וואָרום איר האָט אַן אָפּנאַר באַגאַנגען
אַקעגן אײַער זעל, ווען איר האָט מיך געשיקט צו יהוה אײַער גאָט,
אַזוי צו זאָגן: זײַ מתפּלל פֿאַר אונדז צו יהוה אונדזער גאָט, און אַזוי
ווי אַלץ וואָס יהוה אונדזער גאָט וועט הייסן, אַזוי זאָג אונדז, און
מיר וועלן טאָן. 21 און איך האָב אײַך הײַנט געזאָגט, אָבער איר
הערט ניט צו דעם קָול פֿון יהוה אײַער גאָט, און צו אַלץ מיט וואָס
ער האָט מיך געשיקט צו אײַך. 22 און זשע זאָלט איר וויסן
זײַן, אַז פֿון שווערד, פֿון הונגער, און פֿון פּעסט וועט איר שטאַרבן
אין דעם אָרט וואָס איר ווילט קומען וווינען דאָרטן.

## מג

1 און עס איז געווען, ווי יִרמיָהו האָט געענדיקט רעדן צום
גאַנצן פֿאָלק אַלע ווערטער פֿון יהוה זייער גאָט, מיט וואָס
יהוה זייער גאָט האָט אים געשיקט צו זיי, אַלע דידאָזיקע ווערטער,
2 אַזוי האָט גערעדט עֲזַריָה דער זון פֿון הוֹשַעיָהן, און יוֹחנָן דער זון
פֿון קָרֵחַן, און אַלע מוטווילִיקע לײַט, זאָגנדיק צו יִרמיָהון: ליגן
זאָגסטו! ניט יהוה אונדזער גאָט האָט דיך געשיקט זאָגט: איר זאָלט
ניט קומען קיין מִצרַיִם צו וווינען דאָרטן; 3 נײַערט ברוך דער זון פֿון
נֵריָהן רעדט דיך אָן אויף אונדז, כּדי אונדז איבערצוגעבן אין דער
האַנט פֿון די כַּשׂדים אונדז צו טייטן, אָדער אונדז צו פֿאַרטרײַבן קיין
בבֿל.

4 און יוֹחנָן דער זון פֿון קָרֵחַן, און אַלע הויפּטלײַט פֿון חַיל, און דאָס
גאַנצע פֿאָלק, האָבן ניט צוגעהערט צו דעם קָול פֿון גאָט, צו בלײַבן

אין לאַנד יהודה. 5 און יוחנָן דער זון פֿון קָרֵחן, און אַלע הויפּטלײַט
פֿון חיל, האָבן גענומען דעם גאַנצן איבערבלײַב פֿון יהודה וואָס
האָבן זיך אומגעקערט פֿון אַלע פֿעלקער וואָס זיי זײַנען פֿאַרשטויסן
געוואָרן אַהין, כּדי צו וווינען אין לאַנד יהודה: 6 די מענער, און די
ווײַבער, און די קינדער, און דעם מלכס טעכטער, און אַלע נפֿשות
וואָס נבֿוזַראַדָן דער הויפּט פֿון דעם לײַב-כֵּל האָט געלאָזט מיט
גדַליָהו דעם זון פֿון אַחיקָם דעם זון פֿון שָפָֿ־נען, און יִרמיָהו הנבֿיאן,
און ברוך דעם זון פֿון נֵריָהון; 7 און זיי זײַנען געקומען קיין לאַנד
מִצרַיִם; וואָרום זיי האָבן ניט צוגעהערט צו דעם קָול פֿון גאָט; און
זיי זײַנען געקומען ביז תַּחפַּנחֵס.

8 און דאָס וואָרט פֿון גאָט איז געווען צו יִרמיָהון אין תַּחפַּנחֵס, אַזוי
צו זאָגן: 9 נעם מיט דײַן האַנט גרויסע שטיינער, און זאָלסט זיי
באַהאַלטן אין וואַפּנע, אין דעם ציגלפֿלאַסטער וואָס בײַם אײַנגאַנג
פֿון פּרעהס הויז אין תַּחפַּנחֵס, פֿאַר די אויגן פֿון די מענער פֿון יהודה;
10 מאון זאָלסט זאָגן צו זיי:

אַזוי האָט געזאָגט יהוה פֿון צבָאוֹת, דער גאָט פֿון ישׂראל:
זע, איך שיק און וועל נעמען
נבֿוכַדרֶאצַר דעם מלך פֿון בָּבֶל, מײַן קנעכט,
און איך וועל שטעלן זײַן טראָן
איבער די דאָזיקע שטיינער וואָס איך האָב באַהאַלטן,
אואן ער וועט אויסשפּרייטן זײַן פּראַכטגעצעלט איבער זיי.
11 און ער וועט קומען, און וועט שלאָגן דאָס לאַנד מִצרַיִם;
ווענמען צום טויט צום טויט,
און ווענמען צו געצאַנגענשאַפֿט צו געפֿאַנגענשאַפֿט,
און ווענמען צום שווערד צום שווערד.
12 און איך וועל אָנצינדן אַ פֿײַער
אין די הײַזער פֿון די געטער פֿון מִצרַיִם;
און ער וועט זיי פֿאַרברענען,
אָדער זיי נעמען געפֿאַנגען;
און ער וועט צונויפֿוויקלען דאָס לאַנד מִצרַיִם,
ווי אַ פּאַסטוך וויקל צונויף זײַן בגד;
און ער וועט אַרויס פֿון דאָרטן בשלום.
13 און ער וועט צעברעכן די זײַלשטיינער פֿון בית-שֶמֶש
וואָס אין לאַנד מִצרַיִם;

און די הײַזער פֿון די געטער פֿון מִצרַיִם
װעט ער פֿאַרברענען אין פֿײַער.

מד
1 דאָס װאָרט פֿון גאָט װאָס איז געװען צו יִרמְיָהון װעגן
אַלע ייִדן װאָס זײַנען געזעסן אין לאַנד מִצרַיִם, די װאָס
זײַנען געזעסן אין מִגדוֹל, און אין תַּחפַּנחֵס, און אין נוֹף, און אין לאַנד
פַּתרוֹס, אַזױ צו זאָגן: 2 אַזױ האָט געזאָגט יהוה פֿון צבָאוֹת, דער
גאָט פֿון ישׂראל: איר האָט געזען דאָס גאַנצע בײז װאָס איך האָב
געבראַכט אויף ירושָלַיִם, און אויף אַלע שטעט פֿון יהודה; און אָט
זײַנען זײ אַ װיסטעניש הײַנט איקן טאָג, און קײַנער װוינט ניט אין
זײ; 3 פֿון װעגן זײער בײז װאָס זײ האָבן געטאָן, מיך צו דערצערענען,
צו גײן רײַכערן און דינען צו פֿרעמדע געטער װאָס ניט זײ האָבן זײ
געקענט, ניט איר, און ניט אײַערע עלטערן. 4 און איך האָב צו אײַך
געשיקט אַלע מײַנע קנעכט די נבִֿיאים, נאָכאַנאַנד און נאָכאַנאַנד
גע,שיקט, אַזױ צו זאָגן: איר זאָלט ניט טאָן די דאָזיקע אומװערדיקע
זאַך װאָס איך האָב פֿײַנט. 5 אָבער זײ האָבן ניט צוגעהערט
שלעכטיקײט, ניט צו רײַכערן צו פֿרעמדע געטער. 6 און מײַן
גרימצאָרן און מײַן כּעס איז אויסגעגאָסן געװאָרן, און נאָט געברענט
אין די שטעט פֿון יהודה, און אין די גאַסן פֿון ירושָלַיִם, און זײ זײַנען
געװאָרן אַ חורבן, אַ װיסטעניש, אַזױ װי נײַנטיקן טאָג. 7 און אַצונד
האָט אַזױ געזאָגט יהוה דער גאָט פֿון צבָאוֹת, דער גאָט פֿון ישׂראל:
צוּװאָס טוט איר אײַך אַלײן אַ גרױסע רעה, מע זאָל אײַך פֿאַרשנײַדן
מאַן און װײַב, קינד און ברוסטקינד, פֿון צװישן יהודה, און ניט צו
לאָזן אַן איבערבלײַב? 8 מיך צו דערצערענען מיט די װערק פֿון
אײַערע הענט, צו רײַכערן צו פֿרעמדע געטער אין לאַנד מִצרַיִם, װוּ
איר זײַט געקומען װוינען, כּדי מע זאָל אײַך פֿאַרשנײדן, און כּדי איר
זאָלט װערן פֿאַר אַ קללה און פֿאַר אַ שאַנד צװישן אַלע פֿעלקער פֿון
דער ערד. 9 האָט איר פֿאַרגעסן די שלעכטיקײטן פֿון אײַערע
עלטערן, און די שלעכטיקײטן פֿון די מלכים פֿון יהודה, און די
שלעכטיקײטן פֿון זײערע װײַבער, און אײַערע שלעכטיקײטן, און די
שלעכטיקײטן פֿון אײַערע װײַבער, װאָס זײ האָבן געטאָן אין
לאַנד יהודה, און אין די גאַסן פֿון ירושָלַיִם? 10 זײ זײַנען ניט
אונטערטעניק געװאָרן ביז אויף הײַנטיקן טאָג, און זײ האָבן ניט

מורא געהאַט, און זײַנען ניט געגאַנגען אין מײַן תּורה און אין מײַנע
געזעצן וואָס איך האָב געלייגט פֿאַר אײַך און פֿאַר אײַערע עלטערן.

11 דרום האָט אַזוי געזאָגט יהוה פֿון צבָאוֹת,
דער גאָט פֿון ישׂראל:
זעט, איך קער מײַן פּנים אויף אײַך צום בײזן,
און צו פֿאַרשנײַדן גאַנץ יהודה.
12 און איך וועל נעמען דעם איבערבלײַב פֿון יהודה
וואָס האָבן געקערט זייער פּנים
צו קומען קיין לאַנד מִצרַיִם צו וווינען דאָרטן,
און אַלע וועלן פֿאַרלענדט ווערן;
אין לאַנד מִצרַיִם וועלן זיי פֿאַלן;
פֿון שווערד, פֿון הונגער, וועלן זיי פֿאַרלענדט ווערן;
פֿון קליין ביז גרויס, פֿון שווערד און פֿון הונגער
וועלן זיי שטאַרבן;
און זיי וועלן זײַן פֿאַר אַ פֿלוך, און פֿאַר אַ שרעק,
און פֿאַר אַ קללה, און פֿאַר אַ שאַנד.
13 און איך וועל זיך אָפּרעכענען
מיט די וואָס זיצן אין לאַנד מִצרַיִם,
ווי איך האָב זיך אָפּגערעכנט מיט ירושָלַיִם,
מיט שווערד, מיט הונגער, און מיט פּעסט.
14 און פֿון דעם רעשט פֿון יהודה
וואָס קומען קיין לאַנד מִצרַיִם צו וווינען דאָרטן,
וועט ניט זײַן אַ געבליבענער אָדער אַנטרונענער
זיך אומצוקערן קיין לאַנד יהודה,
וואָס זייער האַרץ ציט זיי זיך ווידער צו באַזעצן דאָרטן;
וואָרום זיי וועלן זיך ניט אומקערן, צו מאָל ווי אַנטרונענע.

15 האָבן געענטפֿערט יִרמיָהון אַלע מענער וואָס האָבן געוווּסט אַז
זייער ווײַבער רײַכערן צו פֿרעמדע געטער, און אַלע ווײַבער וואָס
זײַנען געשטאַנען אַרום, אַ גרויס געזעמל, און דאָס גאַנצע פֿאָלק
וואָס זײַנען געזעסן אין לאַנד מִצרַיִם, אין פַּתרוֹס, אַזוי צו זאָגן:
16 דאָס וואָרט וואָס דו האָסט גערעדט צו איאָנדז אין נאָמען פֿון
גאָט, הערן מיר דיר ניט צו. 17 נײַערט טאָן וועלן מיר טאָן איטלעך
וואָרט וואָס איז אַרויס פֿון אונדזער מויל, צו רײַכערן צו דער מלכּה
פֿון הימל, און גיסן צו איר גיסאָפּפֿער, אַזוי ווי איר האָבן געטאָן, מיר

און אונדזערע עלטערן, אונדזערע מלכים און אונדזערע האַרן, אין די
שטעט פֿון יהודה, און אין די גאַסן פֿון ירושָלַיִם; און מיר האָבן
געהאַט ברויט צו זאַט, און אונדז איז געווען גוט, און שלעכטס האָבן
מיר ניט אָנגעזען. 18 און פֿון זינט מיר האָבן אויפֿגעהערט רײַכערן צו
דער מלכּה פֿון הימל, און גיסן צו איר גיסאָפּפֿער, זײַנען מיר
געמינערט פֿון אַלץ, און פֿון שווערד און פֿון הונגער ווערן מיר
פֿאַרלענדט. 19 און אַז מיר האָבן גערייכערט צו דער מלכּה פֿון הימל,
און געגאָסן צו איר גיסאָפּפֿער, האָבן מיר דען אָן אונדזערע מאַנען
איר געמאַכט קוכנס אין איר געשטאַלט, און געגאָסן צו איר
גיסאָפּפֿער?

20 האָט יִרמיָהו געזאָגט צום גאַנצן פֿאָלק – צו די מענער און צו
די ווײַבער צו דעם גאַנצן פֿאָלק וואָס האָאַבן אים געגעבן אַן
ענטפֿער – אַזוי צו זאָגן: 21 פֿאַר וואָר, די רײַכערונג וואָס איר האָט
גערייכערט אין די שטעט פֿון יהודה, און אין די גאַסן פֿון ירושָלַיִם,
איר און אײַערע עלטערן, אײַערע מלכים און אײַערע האַרן, און דאָס
פֿאָלק פֿון לאַנד, דעראָן האָט גאָט געדאַכט, און עס איז
אים אַרויפֿגעקומען אויפֿן זינען; 22 און גאָט האָט מער ניט
געקענט פֿאַרטראָגן, פֿון וועגן אײַערע בייזע מעשׂים, פֿון וועגן די
אומווערדיקייטן וואָס איר האָט געטאָן, און אײַער לאַנד איז געוואָרן
פֿאַר אַ וויסטעניש, און פֿאַר אַ שרעק, און פֿאַר אַ קללה, אָן אַ
באַווינער, אַזוי ווי הײַנטיקן טאָג. 23 ווײַל איר האָט גערייכערט, און
ווײַל איר האָט געזינדיקט צו גאָט, און האָט ניט צוגעהערט צו דעם
קָול פֿון גאָט, און אין זײַן תּורה און אין זײַנען געזעצן און אין זײַנע
אָנזאָגן זײַט איר ניט געגאַנגען, דרום האָט אײַך געטראָפֿן דאָס
דאָזיקע בייז, אַזוי ווי הײַנטיקן טאָג.

24 און יִרמיָהו האָט געזאָגט צום גאַנצן פֿאָלק, און צו אַלע ווײַבער:
הערט דאָס וואָרט פֿון גאָט, איר גאַנץ יהודה וואָס אין לאַנד מִצרַיִם.
25 אַזוי האָט געזאָגט יהוה פֿון צבָאוֹת, דער גאָט פֿון ישׂראל, אַזוי צו
זאָגן: איר און אײַערע ווײַבער האָט אי גערעדט מיט אײַער מויל, אי
מיט אײַערע הענט דערפֿילט, אַזוי צו זאָגן: "טאָן וועלן מיר טאָן
אונדזערע נדרים וואָס מיר האָבן אַ נדר געטאָן, צו רײַכערן צו דער
מלכּה פֿון הימל, און צו גיסן צו איר גיסאָפּפֿער"; מקיים מוזט איר
מקיים זײַן אײַערע נדרים, און טאָן מוזט איר טאָן אײַערע נדרים!

26 דרום הערט דאָס וואָרט פֿון גאָט,
איר גאַנץ יהודה וואָס זיצט אין לאַנד מִצרַיִם,
אָט שווער איך בײַ מײַן גרויסן נאָמען, זאָגט גאָט,
אויב מײַן נאָמען וועט מער גערופֿן ווערן
פֿון דעם מויל פֿון אַ שום מענטשן פֿון יהודה
איאַן גאַנצן לאַנד מִצרַיִם,
וואָס זאָל זאָגן: אַזוי ווי גאָט יהוה לעבט!
27 זע, איך פּאַס-אויף אויף זיי צום בײזן און ניט צום גוטן;
און אומקומען וועלן אַלע מענער פֿון יהודה
וואָס אין לאַנד מִצרַיִם
פֿון שווערד און פֿון הונגער, ביז זיי וועלן פֿאַרלענדט ווערן.
28 און אַנטרונענע פֿון שווערד וועלן זיך אומקערן
פֿון לאַנד מִצרַיִם קיין לאַנד יהודה, געציילטע מענטשן;
און וויסן וועט דער גאַנצער איבערבלײַב פֿון יהודה
וואָס זײַנען געקומען קיין לאַנד מִצרַיִם צו וווינען דאָרטן,
וועמעס וואָרט וועט מקוים ווערן, מײַנס אָדער זייערס.
29 און דאָס איז אײַך אַ צייכן, זאָגט גאָט,
אַז איך רעכן זיך אָפּ מיט אײַך אין דעם דאָזיקן אָרט,
כּדי איר זאָלט וויסן אַז מקוים וועלן ווערן
מײַנע ווערטער אויף אײַך צום בײזן;
30 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
זע, איך גיב איבער פַּרעה-כָפּרַע דעם מלך פֿון מִצרַיִם
אין דער האַנט פֿון זײַנע פֿײַנט,
און אין דער האַנט פֿון די וואָס זוכן זײַן לעבן,
ווי איך האָב איבערגעגעבן צָדקִיָהו דעם מלך פֿון יהודה
אין דער האַנט פֿון נבוכַדרֶאצַר דעם מלך פֿון בבֿל,
זײַן פֿײַנט און דער וואָס האָט געזוכט זײַן לעבן.

# מה

1 דאָס וואָרט וואָס יִרמיָהו הנבֿיא האָט גערעדט צו ברוך
דעם זון פֿון נֵריָהן, ווען ער האָט אויפֿגעשריבן די דאָזיקע
ווערטער אויף אַ בוך פֿון יִרמיָהוס מויל, אין פֿירטן יאָר פֿון יהוֹיָקים
דעם זון פֿון יֹאשִיָהון, דעם מלך פֿון יהודה, אַזוי צו זאָגן: 2 אַזוי האָט
געזאָגט יהוה דער גאָט פֿון ישׂראל וועגן דיר, ברוך:

3 האָסט געזאָגט: אָ ווי איז מיר!
וואָרום גאָט האָט געמערט קומער אויף מײַן ווייטאָק;
איך בין מיד פֿון מײַן זיפֿצן,
און געפֿין ניט קיין רו.
4 אַזוי זאָלסט זאָגן צו אים: אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
זע, וואָס איך האָב געבויט צעשטער איך,
און וואָס איך האָב געפֿלאַנצט רײַס איך אויס;
און אַזוי איז דאָס אין גאַנצן לאַנד.
5 און דו פֿאַרלאַנגסט דיר גרויסע זאַכן?
זאָלסט ניט פֿאַרלאַנגען.
וואָרום זע, איך ברענג אַן אומגליק אויף אַלע לײַבער,
זאָגט גאָט;
אָבער דיר וועל איך געבן דײַן נפֿש צום געווינס,
אין אַלע ערטער וואָס דו וועסט גיין אַהין.

# מו

1 וואָס דאָס וואָרט פֿון גאָט איז געווען צו יִרמיָהו הנבֿיא אויף
די פֿעלקער.

2 אויף מִצרַיִם: אויף דעם חיל פֿון פַּרעה-נכו דעם מלך פֿון מִצרַיִם,
וואָס איז געווען בײַם טײַך פּרָת אין כַּרכּמיש, וואָס נבֿוכַדרֶאצַר דער
מלך פֿון בבֿל האָט געשלאָגן אין פֿירטן יאָר פֿון יהוֹיָקים דעם זון פֿון
יֹאשִיָהון, דעם מלך פֿון יהודה.

3 ברייט אָן פּאַנצער און שֶלד,
און גענענט אויף מלחמה!
4 שפּאַנט די פֿערד,
און זעצט זיך אַרויף, איר רײַטער,
און שטעלט זיך אויס אין די קיווערס;
שלײַפֿט די שפּיזן,
טוט אָן די וואָפֿנקליידער!
5 פֿאַר וואָס זע איך זיי דערשראָקענע אָפּטרעטן אַהינטער?
און זייערע גיבּורים ווערן צעקלאַפּט,
און לויפֿן אין געלאַף, און קערן זיך ניט אום;
אַ שרעק רונד אַרום, זאָגט גאָט.

6 דער פֿלינקער קען ניט אַנטלויפֿן,
און דער גיבור קען ניט אַנטרונען ווערן;
אין צפֿון בײַם ברעג פֿון טײַך פּרָת
ווערן זיי געשטרויכלט און פֿאַלן.

7 ווער איז דער וואָס גייט אויף ווי דער נילוס,
וואָס ווי שטראָמען שטורעמען זײַנע וואַסער?
8 מִצרַיִם גייט אויף ווי דער נילוס,
און ווי שטראָמען שטורעמען די וואַסערן;
און ער זאָגט: איך וועל אויפֿגיין,
איך וועל באַדעקן די ערד,
איך וועל אונטערברענגען די שטאָט
און די וווינער אין איר.
9 שפּרינגט אויף, איר פֿערד,
אָ און ווילדוועט, איר רײַטוועגן,
און זאָלן אַר אויסגיין די גיבוֹרים,
כּוש און פּוט וואָס האַלטן אַ שֵלד,
און די לודים וואָס האַלטן – שפּאַנען אַ בויגן.

10 און יענער טאָג וועט זײַן בײַ יהוה דער גאָט פֿון צבָאוֹת
אַ טאָג פֿון נקמה זיך נוֹקם צו זײַן אָן זײַנע פֿײַנט;
און עסן וועט די שווערד און זיך זעטן,
און זיך אָנטרינקען מיט זייער בלוט;
וואָרום אַ שלאַכטונג איז בײַ יהוה דעם גאָט פֿון צבָאוֹת
אין צפֿון-לאַנד בײַם טײַך פּרָת.
11 גיי אַרויף קיין גִלעָד, און נעם באַלזאַם,
יונגפֿרוי טאָכטער מִצרַיִם;
אומזיסט האָסטו רפֿואות געמערט,
ניטאָ קיין געניזונג פֿאַר דיר.
12 געהערט האָבן די פֿעלקער דײַן שאַנד,
און מיט דײַן געשריי איז פֿול די ערד;
וואָרום אַ גיבור אָן אַ גיבור האָט געשטרויכלט,
אין איינעם געפֿאַלן זײַנען זיי בײדע.

13 דאָס וואָרט וואָס גאָט האָט גערעדט צו יִרמְיָהו הנבֿיא וועגן דעם
קומען פֿון נבוכַדרֶאצַר דעם מלך פֿון בבֿל צו שלאָגן מִצרַיִם.

14 זאָגט אָן אין מִצרַיִם, און מאַכט הערן אין מִגדוֹל,
און מאַכט הערן אין נוֹף און תַּחפַּנחֵס;
זאָגט: שטעל זיך און ברייט דיך אָן,
וואָרום די שווערד פֿאַרצערט רונד אַרום דיר.
15 פֿאַר וואָס איז דײַן שטאַרקער אַנדערגעוואָרפֿן געוואָרן?
ער איז ניט באַשטאַנען, וואָרום גאָט האָט אים געשטויסן.
16 ער האָט געמערט די געשטרויכלטע;
יאָ, איינער אויפֿן אַנדערן זײַנען זיי געפֿאַלן,
און זיי האָבן געזאָגט: שטייט אויף,
און לאָמיר זיך אומקערן צו אונדזער פֿאָלק,
און צום לאַנד פֿון אונדזער געבורט,
פֿון וועגן דער שווערד וואָס פֿאַרטיליקט.
17 זיי האָבן דאָרטן גערופֿן:
פַּרעה דער מלך פֿון מִצרַיִם איז בלויז טומל;
ער האָט געלאָזט די צײַט אַריבערגיין.
18 אַזוי ווי איך לעב, זאָגט דער קיניג –
יהוה פֿון צבָאוֹת איז זײַן נאָמען,
אַז ווי תָּבוֹר צווישן די בערג,
און ווי כַּרמֶל בײַם ים, וועט ער קומען.
19 מאַך דיר וואַנדער-כְּלים,
טאָכטער באַוווּינערין פֿון מִצרַיִם;
וואָרום נוֹף וועט צו וויסט ווערן,
און חרוב זײַן אָן אַ באַוווינער.
20 אַ וווּנדערשיין קאַלב איז מִצרַיִם,
אָבער די שטעכפֿליג פֿון צפֿון איז געקומען, געקומען.
21 אַפֿילו אירע געדונגענע קריגסלײַט אין איר
זינען ווי קעלבער געשטאָפּטע,
וואָרום זיי אויך האָבן זיך אומגעקערט,
זיי זײַנען אַנטלאָפֿן אין איינעם,
זיי זײַנען ניט באַשטאַנען;
וואָרום דער טאָג פֿון זייער בראָך איז געקומען אויף זיי,
די צײַט פֿון זייער רעכנשאַפֿט.
22 איר קָול גייט ווי פֿון אַ שלאַנג,אַ
וואָרום מיט חיל גייט מען,
און מיט העק קומט מען אויף איר,
אַזוי ווי האָלטשעקער.

23 זײ האַקן אויס איר וואַלד, זאָגט גאָט,
ווי ער איז ניט צו דערפֿאָרשן;
וואָרום מער ווי הײשעריקן זײַנען זײ,
און ניטאָ קײן צאָל צו זײ.
24 געוואָרן צו שאַנד איז די טאָכטער מיצרקים,
געגעבן אין דער האַנט פֿון דעם פֿאָלק פֿון צפֿון.

25 געזאָגט האָט יהוה פֿון צבֿאות, דער גאָט פֿון ישׂראל:
זע, איך רעכן זיך אָפּ מיט אָמון פֿון נוא,
און מיט פַּרעהן, און מיט מִצרַיִם,
און מיט אירע געטער, און מיט אירע מלכים;
אי מיט פּרעה אין מיט די וואָס פֿאַרזיכערן זיך אויף אים.
26 און איך וועל זײ געבן אין דער האַנט
פֿון די וואָס זוכן זײער לעבן,
און אין דער האַנט פֿון נבֿוכַדראֶאצַר דעם מלך פֿון בבֿל,
און אין דער האַנט פֿון איזינע קנעכט;
און דער נאָך וועט זי באַוווינט ווערן,
אַזוי ווי אין די טעג פֿון אַ מאָל, זאָגט גאָט.

27 אָבער דו זאָלסט ניט מוֹרא האָבן, מײַן קנעכט יעקבֿ,
און זאָלסט ניט אַנגסטן, ישׂראל,
וואָרום זע, איך העלף דיך פֿון דער ווײַט,
און דײַן זאָמען פֿון לאַנד פֿון זײער געפֿאַנגענשאַפֿט;
און יעקבֿ וועט ניט שרעקן.
28 דו זאָלסט ניט מוֹרא האָבן, מײַן קנעכט יעקבֿ, זאָגט גאָט,
וואָרום איך בין מיט דיר.
וואָרום איך וועל מאַכן אַ פֿאַרלענדוינג פֿון אַלע פֿעלקער
וואָס איך האָב דיך פֿאַרשטויסן אַהין,
אָבער פֿון דיר וועל איך קײן פֿאַרלענדונג ניט מכן;
און איך וועל דיך שטראָפֿן לויט גערעכטיקײט,
אָבער פֿאַרטיליקן וועל איך דיך ניט פֿאַרטיליקן.

# מז

1 וואָס דאָס וואָרט פֿון גאָט איז געווען צו יִרמְיָהו הנבֿיא אויף
די פּלִשתּים, איידער פַּרעה האָט געשלאָגן עַזָה.

2 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
זע, וואַסערן גייען אויף פֿון צפֿון,
און וועלן ווערן אַ פֿלייציקער טײַך,
און פֿאַרפֿלייצן דאָס לאַנד און איר פֿולקייט,
די שטאָט און די וווינער אין איר;
און שרײַען וועלן די מענטשן,
און יאָמערן וועלן אַלע וווינער פֿון לאַנד.
3 איבער דעם טריטגעפּלידער פֿון די קלויען פֿון זײַנע אָגערס,
איבער דעם רַעַש פֿון זײַנע רײַטוועגן,
דעם טומל פֿון זײַנע רעדער,
קערן זיך עלטערן ניט צו קינדער, פֿון אָפּהענטיקייט.
4 פֿון וועגן דעם טאָג וואָס קומט
צו פֿאַרוויסטן אַלע פּלִשתּים,
צו פֿאַרשנײַדן פֿון צור און פֿון ידון
איטלעך געבליבענעם העלפֿער;
וואָרום גאָט טוט פֿאַרוויסטן די פּלִשתּים,
דעם רעשט פֿון אינדזל כַּפֿתּור.
5 געקומען איז אַ פּליכעניש אויף עַזָה
פֿאַרשניטן געוואָרן איז אַשקלון,
דער רעשט פֿון זייער טאָל.
ביז וואַנען וועסטו זיך דעם לײַב שנײַדן?
6 ווײ, דו שווערד פֿון גאָט,
ויז ווי לאַנג נאָך וועסטו ניט דוען?
ווער אײַנגעטאָן אין דײַן שייד,
באַרו זיך און ווער שטיל.
7 ווי קענסטו זײַן רואיק?
אַז גאָט האָט איר באַפֿוילן;
אויף אַשקלון און אויפֿן באָרטן פֿון ים,
אַהין האָט ער זי באַשערט.

# מח

1 אויף מואבֿ.
אַזוי האָט געזאָגט יהוה פֿון צבֿאָות,
דער גאָט פֿון ישׂראל:
ווי צו נבֿו, וואָרום זי איז פֿאַרוויסט;
צו שאַנד, באַצוווּנגען, איז קִריָתַים,
צו שאַנד און צעבראָכן איז מִשׂגָבֿ.
2 ניטאָ מער דער לויב פֿון מואבֿ,
אין חשבון האָט מען באַקלערט
בײז אויף איר:
קומט, און לאָמיר זי פֿאַרשנײַדן פֿון צו זײַן אַ פֿאָלק!
דו אויך, מַדמֵן, וועסט שטיל ווערבן,
עף דיר וועט נאָכגיין די שווערד.
3 אַ קָול פֿון געשריי פֿון כֹרוֹנַיִם,
אַ פֿאַרוויסטונג און אַ בראָך אַ גרויסער.
4 צעבראָכן געוואָרן איז מואבֿ,
אירע יונגע לאָזן הערן אַ געשריי.
5 וואָרום דעם אויפֿגאַנג פֿון לוּחית
גייט מען אַר אויף מיט געוויין אויף געוויין;
וואָרום דעם אויפֿגאַנג פֿון לוחית
גייט מען אַרויף מיט געוויין אויף געוויין;
וואָרום אויף דעם אַראָפּגאַנג פֿון כורוֹנַיִם
הערט מען אַן אַנגסטגעשריי פֿון בראָך.
6 אַנטלויפֿט, ראַטעוועט אײַער נפֿש,
און זײַט ווי אַ טאַמאַריסק אין דער מדבר.

7 וואָרום ווײַל דו האָסט זיך פֿאַרזיכערט
אויף דײַנע אויפֿטוען און אויף דײַנע אוֹצרות,
וועסט דו אויך באַצוווּנגען ווערן;
און כּמוֹש וועט אין גלות אַוועק,
זײַנע פּריסטער און זײַנע האַרן אין אײנעם.
8 און אַ פֿאַרוויסטער וועט קומען אויף איטלעכער שטאָט,
און קיין שטאָט וועט ניט אַנטרונען ווערן;
און אונטערגיין וועט דער טאָל,
און פֿאַרטיליקט ווערן וועט דער פּלוין,
אַזוי ווי גאָט האָט געזאָגט.
9 גיט פֿליגלען צו מואבֿ,

וואָרום פֿליען אַוועקפֿליען וועט זי;
און אירע שטעט וועלן צו וויסט ווערן,
אָן אַ באַוווינער אין זיי.
10 פֿאַרשאָלטן דער וואָס טוט אָפּגעלאָזט די אַרבעט פֿון גאָט,
און פֿאַרשאָלטן דער וואָס פֿאַרמײַדט זײַן שווערד פֿון בלוט!
11 רואיק געווען איז מואָבֿ פֿון זײַן יוגנט אָן,
און אָפּגעזעצט איז ער אויף זײַנע הייוון,
און ניט איבערגעליידיקט געוואָרן פֿון כּלי אין כּלי,
און אין גלות איז ער ניט געגאַנגען;
דערפֿאַר האָט זיך אָפּגעשטעלט זײַן טעם בײַ אים,
און זײַן ריך האָט זיך ניט געביטן.
12 אָבער זע, טעג קומען,
זאָגט גאָט,
און איך וועל שיקן צו אים אומבײַגערס,
און זיי וועלן אים אומבײַגן,
און זײַנע כּלים וועלן זיי אויסליידיקן,
און זייערע קריג וועלן זיי צעברעכן.
13 און מואָבֿ וועט זיך שעמען מיט כּמוֹש,
ווי דאָס הויז פֿון ישׂראל האָט זיך געשעמט
מיט בית-אֵל
זייער פֿאַרזיכערונג.
14 ווי קענט איר זאָגן: גיבּוֹרים זײַנער מיר,
און העלדישע לײַט פֿאַר מלחמה?
15 פֿאַרוויסט געוואָרן איז מואָבֿ,
און אויף אירע שטעט איז מען אַרויפֿגעגאַנגען;
און זײַנע געקליבענע יונגען
האָבן גענידערט צו דער שכיטה,
זאָגט דער קיניג –
יהוה פֿון צבָאוֹת איז זײַן נאָמען.
16 נאָנט איז דער בראָך פֿון מואָבֿ צו קומען,
און זײַן אומגליק אײַלט זייער.
17 באַדויערט אים אַלע זײַנע אַר אומיקע,
און אַלע וואָס קענט זײַן מאָען;
זאָגט: ווי איז צעבראָכן דער מאַכטיקער שטעקן,
דער פּראַכטיקער שטאָק!
18 נידער פֿון כּבוד, און זיץ אין דאָרשטיקייט,

טאָכטער באַווינערין פֿון דיבון,
וואָרום דער פֿאַרוויסטער פֿון מואבֿ
איז אַרויפֿגעקומען אויף דיר,
ער האָט צעשטערט דײַנע פֿעסטונגען.
19 בײַם וועג שטיי, און קוק אויס,
באַווינערין פֿון עֲרוֹעֵר;
פֿרעג דעם אַנטלאָפֿענעם און די אַנטרונענע;
זאָג: וואָס איז געשען?
20 צו שאַנד געוואָרן איז מואבֿ,
וואָרום זי איז צעבראָכן געוואָרן;
יאָמערט און שרײַט,
זאָגט אָן אין אַרנון,
אַז פֿאַרוויסט געוואָרן איז מואבֿ.
21 און אַ משפּט איז געקומען אויף דעם לאַנד פֿון פּלוין;
אויף חוֹלוֹן, און אויף יַהצָה, און אויף מֵיפָ־עַת;
22 און אויף דיבוֹן, און אויף נבוֹן, און אויף בית-דִבלָתַיִם;
23 און אויף קִריָתַיִם, און אויף בײַת-גָמול, און אויף בית-מְעוֹן;
24 און אויף קריוֹת, און אויף בצרָה,
און אויף אַלע שטעט פֿון לאַנד מואבֿ,
די ווײַטע און די נאָנטע.
25 אָפּגעהאַקט געוואָרן איז דער האָרן פֿון מואבֿ,
און זײַן אָרעם איז צעבראָכן געוואָרן,
זאָגט גאָט.
26 פֿאַרשיכּורט אים,
וואָרום קעגן גאָט האָט ער זיך געגרײַסט;
און מואבֿ וועט זיך פּאַטשן אין זײַן מייקעכץ,
און ער אויך וועט צום געלעכטער ווערן.
27 וואָרום איז ניט אַ געלעכטער געווען דיר ישׂראל?
צי איז ער צווישן גנבים געפֿונען געוואָרן,
וואָס ווען נאָר דו האָסט גערעדט פֿון אים,
פֿלעגסטו זיך אויפֿטרײַסלען?
28 פֿאַרלאָזט די שטעט, און רוט אין פֿעלז,
באַווינער פֿון מואבֿ,
און זײַט ווי אַ טויב וואָס טוט נעסטן
בײַ די זײַטן פֿון דעם מויל פֿון אַ גרוב.

29 מיר האָבן געהערט די שטאָלצקייט פֿון מואבֿ,
ווי זייער שטאָלץ ער איז;
זײַן גרויסקייט און זײַן שטאָלצקייט און זײַן גאווה,
און די הויכקייט פֿון זײַן האַרצן.
30 איך ווייס, זאָגט גאָט, זײַן כוצפּה,
און זײַנע באַרימערײַען אָן אַ האַפּט,
זייער טאָן אָן אַ האַפּט.
31 דרום יאָמער איך אויף מואבֿ,
און אויף גאַנץ מואבֿ טו איך קלאָגן;
אויף די באַווינער פֿון קיר-כֶּרֶשׂ מוז מען זיפֿצן.
32 מער פֿון דעם געוויין אויף יַעְזֵר וויַין איך אויף דיר,
ווײַנשטאָק פֿון שִׂבְמָה;
דײַנע צווײַגן זײַנען ביז צום ים אַריבער,
ביזן אים פֿון יַעְזֵר האָבן זיי דערגרייכט;
אויף דײַן האַרבסטונג און אויף דײַן לעז
איז אַ פֿאַרוויסטער אָנגעפֿאַלן.
33 און אײַנגעטאָן איז די פֿרייד און די לוסטיקייט
פֿון דעם פֿרוכטגאָרטן, און פֿון לאַנד מואבֿ,
און ווײַן פֿון די קעלטערס האָב איך פֿאַרשטערטג:;
מע טרעט ניט מיט "הֵידָד"!
דער "הֵידָד" איז ניט "הֵידָד".
34 דאָס געשרײַ פֿון חֶשבּוֹן איז ביז אֶלעָלֵה,
ביז יַהַץ לאָזן זיי אַרויס זייער קָול,
פֿון צוֹעַר ביז כוֹרוֹנַיִם,
דער דרײַיאָריקער קו;
וואָרום אויך די וואַסערן פֿון נִמרים
וועלן צו וויסט ווערן.

35 און איך וועל פֿאַרשטערן פֿון מואבֿ,
זאָגט גאָט,
דעם וואָס ברענגט-אויף אויף אַ במָה,
און דעם וואָס רייכערט צו זײַנע געטער.
36 דרום מײַן האַרץ אויף מואבֿ
טוט ווי פֿלײַטן ברומען,
און מײַן האַרץ אויף די מענער פֿון קיר-כֶּרֶשׂ,
טוט ווי פֿלײַטן ברומען,

פֿאַר וואָס די שֶׁפֿע וואָס זיי האָבן אָנגעשאַפֿט
איז אונטערגעגאַנגען.
37 וואָרום יעוועדער קאָפּ איז אַ פּליך,
און יעוועדער וואָרד איז אָפּגעשניטן,
אויף אַלע הענט זײַנען שניטן,
און אויף די לענדן איז זאַק.
38 אויף אַלע דעכער פֿון מואבֿ, און אין אירע גאַסן,
איז לויטער קלאָגערײַ;
וואָרום איך האָב צעבראָכן מואבֿ
ווי אַ נישטוווערטיקע כּלי, זאָגט גאָט.
39 ווי איז זי צעבראָכן געוואָרן! – יאָמערט –
ווי האָט מואבֿ אין בּיאָש דעם רוקן געקערט!
און מואבֿ וועט ווערן צו געלעכטער און צו שרעק
פֿאַר אַלע זײַנע אַרומיקע.

40 וואָרום אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
זע, ווי אַן אָדלער וועט ער שוועבן,
און שפּרייטן זײַנע פֿליגלען צו מואבֿ.
41 באַצוווּנגען ווערן די שטעט,
און די פֿעסטונגען ווערן אײַנגענומען;
און דאָס האַרץ פֿון די גיבּורים פֿון מואבֿ אין יענעם טאָג
וועט זײַן ווי דאָס האַרץ פֿון אַ פֿרוי אין ווייען.
42 און מואבֿ ווערט פֿאַרטיליקט ווערן פֿון צו זײַן אַ פֿאָלק,
פֿאַר וואָס ער האָט זיך קעגן גאָט געגרײַסט.
43 אַ גרויל און אַ גרוב און אַ נעץ
אויף דיר,
באַווינער פֿון מואבֿ, זאָגט גאָט.
44 דער וואָס אַנטלויפֿט פֿון דעם גרויל,
בעט אַרײַנפֿאַלן אין גרוב,
און דער וואָס קומט אַרויף פֿון גרוב,
וועט געוואַנגען ווערן אין נעץ;
וואָרום איך וועל ברענגען אויף איר, אויף מואבֿ,
דאָס יאָר פֿון זייער רעכנשאַפֿט, זאָגט גאָט.

45 אין שאָטן פֿון חֶשבּוֹן האָבן זיך אָפּגעשטעלט
אָן כּוֹח אַנטרונענע;

וואָרום אַ פֿײַער איז אַרויס פֿון כֶשבון,
און אַ פֿלאַם פֿון מיטן סיכֹן,
און זי האָט פֿאַרצערט די שלייף פֿון מואבֿ,
און דעם שאַרבן פֿון די ליאַרעמיונגען.
46 וויי דיר, מואבֿ!
אונטערגעגאַנגען איז דאָס פֿאָלק פֿון כּמוש;
וואָרום דײַנע זין זײַנען גענומען געוואָרן אין געפֿאַנג,
און דײַנע טעכטער אין געפֿאַנגענשאַפֿט.
47 אָבער איך וועל אומקערן די געפֿאַנגענשאַפֿט פֿון מואבֿ
אין סוף פֿון די טעג, זאָגט גאָט.
ביז דאַנען איז דער משפּט פֿון מואבֿ.

# מט

1 אויף די קינדער פֿון עַמון.
אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
האָט ישׂראל קיין קינדער ניט?
צי האָט ער קיין יורש ניט?
פֿאַר וואָס האָט מַלכָּם געיַרשעט גָד,
און זײַן פֿאָלק האָט זיך באַזעצט אין זײַנע שטעט?
2 דרום זע, טעג קומען, זאָגט גאָט,
און איך וועל מאַכן הערן אויף רַבה פֿון די קינדער פֿון עַמון
אַ שאַלונג פֿון מלחמה;
און זי וועט ווערן אַ וויסטער הויפֿן,
און אירע טעכטערשטעט וועלן אין פֿײַער אָנגעצונדן ווערן;
און ישׂראל וועט ירשען זײַנע ירשער,
זאָגט גאָט.
3 יאָמער, כֶשבון, וואָרום פֿאַרוויסט געוואָרן איז עַי;
שרײַט, איר טעכטער פֿון רַבה, גורט אָן זאַקקליידער,
קלאָגט און לויפֿט אום צווישן די שאָפֿגעהעפֿטן,
וואָרום מַלכָּם וועט אין גלות גיין,
זײַנע פּריסטער און זײַנע האַרן אין איינעם.
4 וואָס רימסטו זיך מיט די טאָלן,
מיט דײַן פֿלוסיקן טאָל, דו טאָכטער ווידערשפּעניקע,
וואָס פֿאַרזיכערט זיך אויף אירע אוצרות:
„ווער קען קומען צו מיר?“

5 זע, איך ברענג אויף דיר אַ פּחד,
זאָגט יהוה דער גאָט פֿון צבָאוֹת,
פֿון אַלע דײַנע אַר אומיקע,
און איר וועט פֿאַרשטויסן ווערן איטלעכער גלײַך אַקעגן זיך,
און קײַנער וועט ניט אײַנזאַמלען דעם פֿאַרוואָגלטן.
6 אָבער דערנאָך וועל איך אומקערן
די געפֿאַנגענשאַפֿט פֿון די קינדער פֿון עַמוֹן,
זאָגט גאָט.

7 אויף אֶדוֹם.
אַזוי האָט געזאָגט גאָט פֿון צבָאוֹת:
איז מער קיין חכמה ניטאָ אין תֵּימָן?
איז אַן עטש אויסגעגאַנגען פֿון די פֿאַרשטאַנדיקע?
איז אויסגעוועפּט געוואָרן זייער חכמה?
8 אַנטלויפֿט, פֿאַרקערט אײַך, באַזעצט אײַך טיף,
באַווינער פֿון דדָן;
אָרום דער בראָך פֿון עֵשָׂון ברענג איך אויף אים,
בעת איך רעכן זיך מיט אים.
9 אויב האַרבסטער וואָלטן געקומען צו דיר,
וואָלטן זיי דאָך אַ נאָכקלײַב געלאָזט;
אויב נגבים בײַ דער נאַכט,
וואָלטן זיי דאָך בלויז צעשטערט גענוג פֿאַר זיך.
10 אָבער איך האָב אַנטלויזט עֵשָׂון,
איך האָב אַנטפּלעקט זײַנע פֿאַרבאָרגענישן,
און באַהאַלטן קען ער זיך ניט;
פֿאַרוויסט געוואָרן אין זײַן זאָמען,
און זײַנע ברידער און זײַנע שכנים,
און ער איז מער ניטאָ.
11 לאָז איבער דײַנע יתוֹמים, איך זאָל זיי דערנערן,
און דײַנע אַלמנות זאָלן אויף מיר זיך פֿאַרזיכערן.

12 וואָרום אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
זע, די וואָס זיי האָט ניט געקומט טרינקען דעם כּוֹס,
זיי זאָלן יאָ טרינקען,
און דו זאָלסט זײַן דער
וואָס זאָל שוינען פֿאַרשוינט ווערן?

וועסט ניט פֿאַרשוינט ווערן,
נײַערט טרינקען וועסטו טרינקען.
13 וואָרום איך שווער בײַ מיר, זאָגט גאָט,
אַז פֿאַר אַ שרעק, פֿאַר אַ שאַנד, פֿאַר אַ וויסטעניש,
און פֿאַר אַ קללה, וועט בצרָה ווערן,
און אַלע אירע שטעט וועלן ווערן אייביקע כורבות.

14 אַ הערונג האָב איך געהערט פֿון גאָט,
און אַ שליך איז געשיקט צווישן די פֿעלקער:
זאָלמט אײַך אײַן, און קומט אויף איר,
און שטייט אויף צו מלחמה.
15 וואָרום זע, קליין מאַך איך דיך צווישן די פֿעלקער,
פֿאַראַכט צווישן מענטשן.
16 דײַן מוֹראדיקייט האָט דיך פֿאַרפֿירט,
די מוטוויליקייט פֿון דײַן האַרצן,
דו וואָס וווינסט אין די שפּאַלטן פֿון פֿעלז,
וואָס פֿאַרנעמסט די הייך פֿון באַרג.
ווען זאָלסט דערהייכן ווי אַן אָדלער דײַן נעסט,
וועל איך פֿון דאָרט דיך אַראָפּנידערן, זאָגט גאָט.
17 און אֶדוֹם וועט ווערן פֿאַר אַ שרעק,
איטלעכער וואָס גייט איר פֿאַרבײַ וועט זיך דערשרעקן,
און וועט שמוצערן אויף אַלע אירע פּלאָגן.
18 אַזוי ווי די איבערקערעניש פֿון סדוֹם און עֲמוֹרָה
און אירע שכנים, זאָגט גאָט,
וועט קיין מענטשן דאָרט ניט וווינען,
און קיין מענטשנקינד וועט זיך ניט אויפֿהאַלטן אין איר.
19 זע, ווי אַ לייב פֿון דעם געוועלד פֿון יַרדן,
וועט ער אַרויפֿגיין אויף דער פֿעסטער וווינונג;
וואָרום אין אַ רגע וועל איך אים אָניאָגן אויף איר,
און ווער דער אויסדערוויילטער,
דעם וועל איך אויפֿזעצן איבער איר.
וואָרום ווער איז מײַן גלײַכן?
און ווער קען מיך אַרויסרופֿן?
און ווער איז דער פּאַסטוך
וואָס קען באַשטיין פֿאַר מיר?
20 דרום הערט דעם באַראָט פֿון גאָט

וואָס ער האָט באַראָטן אויף אֶדום,
און זײַנע טראַכטונגען וואָס ער טראַכט
אויף די באַוווינער פֿון תֵּימָן:
אויב די מינדסטע פֿון די שאָף וועלן זיי ניט אַוועקשלעפּן!
אויב מע וועט ניט פֿאַרוויסטן זייער וווינונג איבער זיי!
21 פֿון דעם הילך פֿון זייער פֿאַל ציטערט די ערד;
אַ געשריי וואָס זײַן הילך ווערט אויפֿן ים-סוף געהערט.
22 זע, ווי אַן אָדלער וועט ער זיך אויפֿהייבן און שוועבן,
און שפּרײַטן זײַנע פֿליגלען קעגן בצרָה;
און דאָס האַרץ פֿון די גיבוֹרים פֿון אֶדוֹם אין יענעם טאָג
וועט זײַן ווי דאָס האַרץ פֿון אַ פֿרוי אין ווייען.
23 אויף דַמֶשֶׂק.
פֿאַרשעמט איז חֲמָת און אַרפַּד,
וואָרום אַ שלעכטע הערונג האָבן זיי געהערט;
צעגאַנגען זײַנען זיי געוואָרן;
אויפֿן ים איז אַן אומרו,
ער קען זיך ניט אײַנשטילן.
24 שלאַף געוואָרן איז דַמֶשֶׂק,
זי קערט זיך צו אַנטלויפֿן,
און אַ ציטערניש האָט זי אָנגענומען;
אַנגסט און ווייען האָבן זי אָנגעכאַפּט ווי אַ געווינערין.
25 ווי ניט פֿאַרשוֹינט געוואָרן איז דער גערימטער כּרַך,
די שטאָט פֿון מײַן פֿרייד!
26 פֿאַר וואָר, אירע יונגע לײַט וועלן פֿאַלן אין אירע גאַסן,
און אַלע מלחמה-לײַט וועלן פֿאַרשניטן ווערן אין יענעם טאָג,
זאָגט גאָט פֿון צבָאוֹת.
27 און איך וועל אָנצינדן אַ פֿײַער אין דער מויער פֿון דַמֶשֶׂק,
און עס וועט פֿאַרצערן די פּאַלאַצן פֿון בן-הֲדַד.

28 אויף קֵדָר, און אויף די קיניגרײַכן פֿון חצוֹר וואָס נבוכַדרֶאצַר דער מלך פֿון בבֿל האָט געשלאָגן.

אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
שטייט אויף,גייט אַרויף אויף קֵדָר,
און פֿאַרוויסט די קינדער פֿון מזרח.
29 זייערע געצעלטן און זייערע שאָף וועט מען צונעמען;

זייערע פֿאָרהאַנגען, און אַלע זייערע כּלים,
און זייערע קעמלען וועט מען צונעמען פֿאַר זיך;
און מען וועט אויסרופֿן אויף זיי: אַ שרעק רונד אַרום!
30 אַנטרינט, אַנטלויפֿט ווײַט, באַזעצט אײַך טיף,
באַוווינער פֿון חצור, זאָגט גאָט;
וואָרום נבוכדראַצר דער מלך פֿון בבֿל
האָט באַראָטן אויף אײַך אַ בסראָט
און טראַכט אויף אײַך אַ טראַכטונג.
31 שטייט אויף, גייט אַרויף אויף אַ רואיקן פֿאָלק
וואָס זיצט אין זיכערקייט, זאָגט גאָט;
קיין טירן און ריגל האָט ער ניט,
אָפּגעזונדערט וווינען זיי.
32 און זייערע קעמלען וועלן זײַן צו רויב,
און זייער מחנה פֿי צו פֿנג;
און איך וועל זיי צעשפּרייטן אויף אַלע ווינטן –
די וואָס מיט אָפּגעהאַקטע האָרעקן;
און פֿון אַלע זייערע זײַטן
וועל איך ברענגען זייער בראָך, זאָגט גאָט.
33 און חצור וועט זײַן פֿאַר אַ וווינונג פֿון שאַקאַלן,
אַ וויסטעניש ביז אייביק;
קיין מענטש וועט ניט וווינען דאָרט,
און קיין מענטשנקינד וועט זיך ניט אויפֿהאַלטן אין איר.

34 וואָס דאָס וואָרט פֿון גאָט איז געווען צו יִרמיָהו הנבֿיא אויף
עֵילָם, אין אָנהייב פֿון דער מלוכה פֿון צִדקִיָה דעם מלך פֿון יהודה,
אַזוי צו זאָגן:

35 אַזוי האָט געזאָגט גאָט פֿון צבָאוֹת:
זע, איך צעברעך דעם בויגן פֿון עֵילָם,
די פּער פֿון זייערע גיבוֹרים.
36 און איך וועל ברענגען אויף עֵילָם די פֿיר ווינטן
פֿון די פֿיר עקן הימל,
און איך וועל זיי צעשפּרייטן צו אַלע די דאָזיקע ווינטן;
און עס וועט ניט זײַן אַ פֿאָלק,
וואָס די פֿאַרשוויסענע פֿון עֵילָם וועלן ניט קומען אַהין.
37 און איך וועל צעברעכן עֵילָם פֿאַר זייערע פֿײַנט,

און פֿאַר די וואָס זוכן זייער לעבן,
און איך וועל ברענגען אויף זיי אַן אומגליק –
דעם גרים פֿון מײַן צאָרן, זאָגט גאָט;
38 און איך וועל נאָכשיקן נאָך זיי די שווערד,
ביז איך טו זיי פֿאַרלענדן.
און איך וועל שטעלן מײַן טראָן אין עֵילָם,
און וועל אונגערברענגען פֿון דאָרטן קיניג און האַרן,
זאָגט גאָט.
39 אָבער עס וועט זײַן אין סָוף פֿון די טעג,
וועל איך אומקערן די געפֿאַנגענשאַפֿט פֿון עֵילָם,
זאָגט גאָט.

נ 1 דאָס וואָרט וואָס גאָט האָט גערעדט אויף בבֿל,
אויפֿן לאַנד פֿון די כַּשׂדים, דורך יִרמיָהו הנבֿיא.
2 זאָגט אָן צווישן די פֿעלקער, און מאַכט הערן,
און הייבט אויף אַ פֿאָן;
מאַכט הערן, איר זאָלט ניט פֿאַרהוילן;
זאָגט: באַצוווּנגען איז בבֿל,
צו שאַנד איז בל, צעבראָכן איז מרוֹדַך,
צו שאַנד זײַנען אירע געצנבליקדער,
צעבראָכן אירע אָפּגעטער.
3 וואָרום אַ פֿאָלק פֿון צפֿון איז אַרויפֿגעגאַנגען אויף איר,
ער וועט מאַכן איר לאַנד צו וויסט,
און קיין באַווינער וועט אין איר ניט זײַן;
פֿון אַ מענטש ביז אַ בהמה זײַנען אַנטלאָפֿן, אַוועק.
4 אין יענע טעג און אין יענער צײַט, זאָגט גאָט,
וועלן קומען די קינדער פֿון ישׂראל,
זיי און די קינדער אופֿן יהודה אין איינעם;
גיין ווײַנענדיק וועלן זיי גיין,
און יהוה זייער גאָט וועלן זיי זוכן.
5 אויף צִיוֹן וועלן זיי פֿרעגן,
אויפֿן וועג אַהער זייער פּנים:
קומט, און לאָמען זיך באַהעפֿטן אָן יהוה,
אין אַן אייביקן בונד וואָס זאָל ניט פֿאַרגעסן ווערן.

6 בלודנע שאָף איז געווען מײַן פֿאָלק;
זייערע פּאַסטוכער האָבן זיי געלאָזט בלאָנדזשען,
אויף די בערג זיי אַוועקגעלאָזט;
פֿון באַרג צו בערגל זײַנען זיי געגאַנגען,
פֿאַרגעסן זייער הויעראָרט.
7 אַלע וואָס האָבן זיי געפֿונען האָבן זיי פֿאַרצערט,
און זייערע פֿײַנט האָבן געזאָגט:
מיר וועלן ניט שולדיק זײַן,
ווײַל זיי האָבן געזינדיקט צו גאָט,
צו דער ווינונג פֿון גערעכטיקייט,
און דער האָפֿונג פֿון זייערע עלטערן, גאָט.

8 אַנטלויפֿט פֿון בבֿל,
און פֿון לאַנד כַּשׂדים גייט אַרויס,
און זײַט ווי בעק פֿאַרויס פֿאַר די שאָף.
9 וואָרום זע, איך דערוועק און ברענג אַרויף אויף בבֿל
אַ געזעמל גרויסע פֿעלקער פֿון צפֿון-לאַנד,
און זיי וועלן זיך אויסשטעלן קעגן איר;
פֿון דאָרטן וועט זי באַצוווּנגען ווערן;
זייערע פֿײַלן זײַנען ווי פֿון אַ באַגליקטן גיבור,
וואָס קערט זיך ניט אום מיט ליידיקן.
10 און כַּשׂדים וועט זײַן צו רויב;
אַלע אירע ר אויבער וועלן זיך אָנזעטן, זאָגט גאָט.
11 ווײַל איר פֿרייט זיך, ווײַל איר זײַט לוסטיק,
איר אויסרויבער פֿון מײַן אַרב,
ווײַל איר שפּרינגט ווי אַ קאַלב אויף גראָז,
און הירזשעט ווי די אָגערס,
12 וועט זײַן אין גרויס שאַנד אײַער מוטער,
וועט זיך שעמען אײַער געווינערין.
זע, דאָס לעצטע פֿון די פֿעלקער וועט ווערן
אַ מדבר, אַ טריקעניש, און אַ ווילדערניש.
13 פֿון וועגן דעם צאָרן פֿון גאָט וועט זי זײַן ניט באַוווינט,
און זי וועט זײַן אַ וויסטעניש אין גאַנצן;
איטלעכער וואָס גייט פֿאַרבײַ בבֿל וועט זיך דערשרעקן,
און וועט שמוצערן אויף אַלע אירע פּלאָגן.
14 שטעלט זיך אויס קעגן בבֿלרונד אַרום,

אַלע שפּאַנער פֿון בויגן,
וואַרפֿט אויף איר, איר זאָלט ניט שפּאָרן קיין פֿײַלן,
וואָרום צו גאָט האָט זי געזינדיקט.
15 שאַלט אויף איר רונד אַרום,
זי האָט זיך אונטערגעגעבן;
געפֿאַלן זײַנען אירע גרונטפֿעסטן,
צעשטערט געוואָרן אירע מויערן;
וואָרום דאָס איז די נקמה פֿון גאָט,
זײַט זיך נוֹקם אָן איר;
ווי זי האָט געטאָן, טו צו איר.
16 פֿאַרשנײַדט אַ זייער פֿון בבֿל,
און דעם וואָס האַלט אַ שנײַדמעסער אין שניטצײַט;
פֿון וועגן דער שווערד וואָס פֿאַרטיליקט,
וועלן זיי איטלעכער צו זײַן פֿאָלק זיך קערן,
און איטלעכער צו זײַן לאַנד וועלן זיי אַנטלויפֿן.

17 אַ צעשפּרייטע שאָף איז ישׂראל,
לײַבן האָבן אים פֿאַרשטויסן;
דער ערשטער האָט אים געגעסן דער מלך פֿון אַשור,
און דער דאָזיקער לעצטער האָט אים צעבײַנערט –
נבוכַדראֶאצַר דעם מלך פֿון בבֿל.
18 דרום האָט אַזוי געזאָגט יהוה פֿון צבָאוֹת,
דער גאָט פֿון ישׂראל:
זע, איך רעכן זיך מיט דעם מלך פֿון בבֿל און מיט זײַן לאַנד,
אַזוי ווי איך האָב זיך אָפּגערעכנט מיט דעם מלך פֿון אַשור.
19 און איך וועל אומקערן ישׂראל צו זײַן פּיטערפּלאַץ,
און ער וועט זיך פּיטערן אויפֿן כַּרמֶל און בשָן,
און אויפֿן געבערג פֿון אפֿרים און גִלעָד
וועט זיך זעטן זײַן זעל.
20 אין יענע טעג און אין יענער צײַט, זאָגט גאָט,
וועט געזוכט ווערן די זינד פֿון ישׂראל,
און זי וועט ניט זײַן,
און די חטאים פֿון יהודה,
און זיי וועלן ניט געפֿונען ווערן,
וואָרום איך וועל פֿאַרגעבן די וואָס איך וועל איבערלאָזן.
21 אויף דעם לאַנד מרָתַיִם מאַך חָרבֿ און חרם הינטער זיי,

זאָגט גאָט, און טו אַזוי ווי אַלץ וואָס איך האָב דיר באַפֿוילן.
22 אַ קָול פֿון מלחמה אין לאַנד,
און אַ בראָך אַ גרויסער!
23 ווי איז צעהאַקט און צעבראָכן געוואָרן
דער האַמער פֿון דע גאַנצער ערד!
ווי איז בבֿל צו וויסט געוואָרן
ווי איז בבֿל צו וויסט געוואָרן
צווישן די פֿעלקער!
24 איך האָב דיר אַ נעץ געשטעלט
און ביסט אויף געפֿאַנגען געוואָרן, בבֿל,
און דו האָסט ניט געמערקט;
ביסט געפֿונען געוואָרן און אויך געכאַפּט געוואָרן,
ווײַל דו האָסט זיך מיט גאָט אָנגעהויבן.
25 גאָט האָט געעפֿנט זײַן שאַצקאַמער,
און אַרויסגעצויגן די געצײַג פֿון זײַן צאָרן,
וואָרום אַן אַרבעט פֿאַר יהוה דעם גאָט פֿון צבָאוֹת
איז דאָ אין לאַנד פֿון די כַּשׂדים.
26 קומט אויף איר פֿון אַלע עקן,
עפֿנט אירע שפּײַכלערס,
וואַרפֿט זי אָן אַזוי ווי הויפֿנס, און פֿאַרוויסט זי;
זאָל ניט זײַן פֿון איר אַן איבערבלײַב.
27 קוילעט אַלע אירע אָקסן,
זאָלן זיי נידערן צו דער שכיטה;
ווײ צו זיי! וואָרום געקומען איז זייער טאָג,
די צײַט פֿון זייער רעכנשאַפֿט.
28 אַ קָול פֿון אַנטלאָפֿענע און אַנטרונענע פֿון לאַנד בבֿל!
אַנצוזאָגן אין צִיוֹן די נקמה פֿון יהוה אונדזער גאָט,
די נקמה פֿאַר זײַן טעמפּל.
29 רופֿט צונויף די שיסערס אויף בבֿל,
אַלע שפּאַנער פֿון בויגן,
לעגערט אויף איר רונד אַרום,
זאָל איר ניט זײַן קין אַנטרינגונג;
באַצאָלט איר לויט איר ווערק,
אַזוי ווי אַלץ וואָס זי האָט געטאָן, טוט צו איר.
וואָרום אַקעגן גאָט האָט זי געמוטוויליקט,
אַקעגן דעם הייליקן פֿון ישׂראל.

30 דרום וועלן פֿאַלן אירע יונגעלײַט אין אירע גאַסן,
און אַלע אירע מלחמה-לײַט וועלן פֿאַרשניטן ווערן
אין יענעם טאָג, זאָגט גאָט.

31 זע, איך קום אויף דיר, מוטוויליקער,
זאָגט יהוה, דער גאָט פֿון צבֿאָות,
וואָרום געקומען איז דײַן טאָג,
די צײַט וואָס איך רעכן זיך מיט דיר.
32 און דער מוטוויליקער וועט געשטרויכלט ווערן און פֿאַלן,
און ניט האָבן ווער זאָל אים אויפֿשטעלן;
און איך וועל אָנצינדן אַ פֿײַער אין זײַנע שטעט,
און עס וועט פֿאַרצערן אַלץ וואָס אַרום אים.

33 אַזוי האָט געזאָגט גאָט פֿון צבֿאות:
געדריקט ווערן די קינדער פֿון ישׂראל
און די קינדער פֿון יהודה אין איינעם,
און אַלע זייערע פֿאַנגערס האַלטן זיי פֿעסט,
זיי ווילן זיי ניט אַוועקלאָזן.
34 זייער אויסלײַזער איז שטאַרק,
יהוה פֿון צבֿאָות איז זײַן נאָמען;
קריגן וועט ער קריגן זייער קריג,
כּדי צו באַרוען די ערד,
און מאַכן ציטערן די באַווינער פֿון בבֿל.
35 אַ שווערד
אויף די כּשׂדים, זאָגט גאָט,
און אויף די באַווינער פֿון בבֿל,
און אויף אירע האַרן, און אויף אירע חכמים!
36 אַ שווערד אויף די באַרימער, און זיי וועלן באַנאַרישט ווערן!
אַ שווערד אויף אירע גיבורים, און זיי וועלן צעבראָכן ווערן!
37 אַ שווערד אויף זייערע פֿערד, און אויף זייער רײַטוועגן,
און אויף אַלע געמישטע פֿעלקער וואָס אין איר,
און זיי וועלן ווערן ווי ווײַבער!
אַ שווערד אויף אירע אוֹצרות,
און זיי וועלן צעריבט ווערן!
38 אַ טריקעניש אויף אירע וואַסערן,
און זיי וועלן אויסגעטריקנט ווערן!

װאָרום אַ לאַנד פֿון געצן איז דאָס,
און מיט שרעקבילדער זײַנען זײ משוגע.
39 דרום װעלן דאָרט װױנען װילדע קעץ פֿממיט שאַקאַלן,
און װױנען אין איר װעלן שטרױספֿױגלען,
און זי װעט ניט באַזעצט װערן אויף אײביק,
און ניט באַװױנט װערן אויף דור-דורות.
40 אַזױ װי גאָטס איבערקערעניש פֿון סדום און עַמוֹרָה
און אירע שכנים, זאָגט גאָט,
װעט קײן מענטש דאָרט ניט װױנען,
און קײן מענטשנקינד װעט זיך ניט אויפֿהאַלטן אין איר.

41 זע, אַ פֿאָלק קומט פֿון צפֿון,
און אַ גרױסע אומה און פֿיל מלכים
דערװעקן זיך פֿון די עקן ערד.
42 בױגן און שפּיז האַלטן זײ,
אַכזָרים זײַנען זײ, און האָבן קײן רכמנות ניט;
זײער קָול ברומט װי דער ים,
און אויף פֿערד רײַטן זײ;
אױסגעשטעלט װי אײן מאַן אויף מלחמה,
אַקעגן דיר, טאָכטער בבֿל.
43 דער מלך פֿון בבֿל האָט געהערט זײער הערונג,
און זײַנע הענט זײַנען שלאַף געװאָרן,
אַן אַנגסט האָט אים אָנגענומען,
אַ װײַטאָק װי אַ געװינערין.
44 זע, װי אַ לײב פֿון דעם געװעלד פֿון יַרדן,
װעט ער אַרױפֿגײן אויף דער פֿעסטער װױנונג;
װאָרום אין אַ רגע װעל איך װײ אָניאָגן אויף איר,
און װער דער אױסדערװײלטער,
דעם װעל איך אױפֿזעצן איבער איר.
װאָרום װער איז מײַן גלײַכן?
און װער קען מיך אַר אױסרופֿן?
אונװ ער איז דער פֿאַסטוך
װאָס קען באַשטײן פֿאַר מיר?
45 דרום הערט דעם באַראָט פֿון גאָט,
װאָס ער האָט באַראָטן אויף בבֿל,
און זײַנע טראַכטונגען

וואָס ער טראַכט אויפֿן לאַנד פֿון די כּשׂדים:
אויב די מינדסטע פֿון די שאָף וועלן זיי ניט אַוועקשלעפּן!
אויב ער עט ניט פֿאַרוויסטן די וווּנונג איבער זיי!
46 פֿון דעם קלאַנג "בבֿל איז אײַנגענומען!"
ווערט אויפֿגעציטערט די ערד,
און אַ געשריי צווישן די פֿעלקער ווערט געהערט.

# נא

1 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
זע, איך דערוועק אויף בבֿל,
און אויף די באַווינער פֿון לֵב־קָמָי,
עף אַ ווינט אַ צעשטעריקן.
2 און איך וועל אָנשיקן אויף בבֿל פֿרעמדע,
און זיי וועלן זיי ווינטשופֿלען,
עף און וועלן אויסליידיקן איר לאַנד;
וואָרום פֿון רונד אַרום וועלן זיי זײַן אויף איר,
אין דעם טאָג פֿון אומגליק.
3 אַהין זאָל שפּאַנען דער שפּאַנער זײַן בויגן,
און אַהין זאָל ער זיך אויפֿהייבן אין זײַן פּאַנצער;
און איר זאָלט ניט שוינען אירע יונגעלײַט;
פֿאַרוויסט איר גאַנצן חיל.
4 און דערשלאָגענע וועלן פֿאַלן אין לאַנד פֿון די כּשׂדים,
און דערשטאָכענע אין אירע גאַסן.
5 וואָרום ניט פֿאַראַלמנט איז ישׂראל און יהודה
פֿון זײַן גאָט, פֿון יהוה פֿון צבֿאָות;
וואָרום זייער לאַנד איז פֿול מיט שולד
אַקעגן דעם הייליקן פֿון ישׂראל.
6 אַנטלויפֿט פֿון בבֿל, און ראַטעוועט איטלעכער זײַן נפֿש,
אירזאָלט ניט פֿאַרשניטן ווערן דורך איר זינד;
וואָרום אַ צײַט פֿון ן קמה איז דאָס בײַ גאָט,
אַ פֿאַרגעלטונג באַצאָלט ער איר.
7 אַ גילדערנער כּוס איז בבֿל געווען אין גאָטס האַנט,
די גאַנצע ערד האָט זי פֿאַרשיכּורט;
פֿון איר ווײַן האָבן די פֿעלקער געטרונקען,
דרום זײַנען די פֿעלקער צעדולט געוואָרן.

8 פלוצלינג איז געפֿאַלן בבֿל און צעבראָכן געוואָרן;
טוט יאָמערן אויף איר;
קריגט אַ באַלזאַם פֿאַר איר ווייטאָק,
אפֿשר עט זי געהיילט ווערן.
9 "מיר האָבן געהיילט בבֿל,
אָבער זי איז ניט געהיילט געוואָרן;
פֿאַרלאָזט זי, און לאָמיר גיין איטלעכער צו זײַן לאַנד;
וואָרום ביז צום הימל גרייכט איר משפּט,
און ער הייבט זיך אויף ביז די וואָלקנס".
10 גאָט האָט אַרויסגעבראַכט אונדזער גערעכטיקייט;
קומט, און לאָמיר דערציילן אין צִיון
דעם אויפֿטו פֿון יהוה אונדזער גאָט.

11 מאַכט בלאַנק די פֿײַלן,
פֿילט אָן די פֿײַלבײַטלען,
גאָט האָט דערוועקט דעם גײַסט פֿון די מלכים פֿון מָדַי;
וואָרום אויף בבֿל איז זײַן טראַכטונג, זי צו צעשטערן,
ווײַל די נקמה פֿון גאָט איז דאָס,
די נקמה פֿאַר זײַן טעמפּל.
12 קעגן די מויערן פֿון בבֿל הייבט אויף אַ פֿאָן,
פֿאַרשטאַרקט די וואַך,
שטעלט אויף וועכטער, ברייט אָן לויערער,
וואָרום אי געטראַכט האָט גאָט אי געטאָן
וואָס ער האָט גערעדט אויף די באַוווינער פֿון בבֿל.

13 דו וואָס וווינסט בײַ גרויסע וואַסערן,
דו רײַכע אין אוֹצרוֹת,
געקומען איז דײַן סָוף,
די מאָס פֿון דײַן גײַציקייט.
14 גאָט פֿון צבָאוֹת האָט געשוואָרן בײַ זיך:
פֿאַר וואָר, איך פֿיל דיך אָן מיט מענטשן ווי הײשעריקן,
און זיי וועלן אויסרופֿן קעגן דיר "הֵידָד"!

15 ער האָט געמאַכט די ערד מיט זײַן כּוֹח,
ער האָט אויפֿגעשטעלט די וועלט מיט זײַן חכמה,
און מיט זײַן פֿאַרשטאַנדיקייט אויסגעשפּרייט די הימלען.

16 בײַם קָול פֿון זײַן דונערן
ווערט אַ פֿילקײט פֿון וואַסער אין הימל,
און ער ברטענגט אויף וואָלקנס
פֿון עק פֿון דער ערד;
ער מאַכט בליצן צום רעגן,
און ציט אַרויס פֿון זײַנע שפּײַכלערס דעם ווינט.
17 איטלעכער מענטש אי פֿאַרגרעבט, אָן פֿאַרשטאַנד,
איטלעכער שמעלצער ווערט צו שאַנד פֿון דעם געץ,
וואָרום פֿאַלש איז זײַן געגאָסענער אָפּגאָט,
און קין אָטעם איז אין זײ ניטאָ.
18 נישטיק זײַנען זײ, אַ ווערק פֿון פֿאַרפֿירעניש;
אין דער צײַט פֿון זײער רעכנשאַפֿט וועלן זײ אונטערגײן.
19 ניט אַזוי ווי די דאָזיקע איז דער טײל פֿון יעקב,
וואָרום ער איז דער באַשעפֿער פֿון אַלץ,
און ישׂראל איז דער שבט פֿון זײַן אַרבונג;
יהוה פֿון צבָאוֹת איז זײַן נאָמען.

20 אַ האַמער ביסטו מיר, אַ געצײַג פֿון מלחמה,
און איך וועל צעברעכן מיט דיר פֿעלקער,
און צעשטערן מיט דיר קיניגרײַכן.
21 און איך וועל צעברעכן מיט דיר דעם פֿערד און זײַן רײַטער,
און איך וועל צעברעכן מיט דיר דעם רײַטוואָגן און זײַן רײַטער;
22 און איך וועל צעברעכן מיט דיר מאַן און ווײַב,
און איך וועל צעברעכן מיט דיר אַלט און יונג,
און איך וועל צעברעכן מיט דיר בכור און מײדל;
23 און איך וועל צעברעכן מיט דיר דעם פּאַסטוך און זײַן סטאַדע,
און איך וועל צעברעכן מיט דיר דעם אַקערמאַן און זײַן געשפּאַן,
און איך וועל צעברעכן מיט דיר דוכּסים און פֿירשטן.
24 אָבער איך וועל באַצאָלן בבֿל
און אַלע באַווינער פֿון כּשׂדים
אַל זײער בײז וואָס זײ האָבן געטאָן אין ציוֹן
פֿאַר אײַערע אויגן, זאָגט גאָט.

25 זע, איך קום צו דיר,
דו צעשטעריקער באַרג, זאָגט גאָט,
וואָס צעשטערט די גאַנצע ערד;

און איך וועל אויסשטרעקן מײַן האַנט אויף דיר,
און וועל דיך אַראָפּקײַקלען פֿון די וועלזן,
און דיך מאַכן פֿאַר אַן אויסגעברענטן באַרג.
26 און מע וועט ניט נעמען פֿון דיר אַ שטיין פֿאַר אַ ווינקל,
און אַ שטיין פֿאַר גרונטפֿעסטן;
נײַערט אײביקע וויסטענישן וועסטו זײַן,
זאָגט גאָט.

27 הייבט אויף אַ פֿאָן אין לאַנד,
בלאָזט אַ שופֿר צווישן די פֿעלקער,
ברייט אָן קעגן איר די פֿעלקער,
רופֿט צונויף קעגן איר די קיניגרײַכן
אַרָרָט, מִני, און אַשכּנַז;
זעצט אויף קעגן איר אַ חיל-פֿירער,
ברענגט אַרויף פֿערד ווי האָריקע הײשעריקן.
28 ברייט אָן קעגן איר די פֿעלקער,
די מלכים פֿון מָדַי,
אירע דוכּסים און אַלע אירע פֿירשטן,
און דאָס גאַנצע לאַנד פֿון זײַן ממשלה.
29 און די ערד שטורעמט און ציטערט,
וואָרום מקוים געוואָרן זײַנען אויף בבֿל
די טראַכטונגען פֿון גאָט,
צו מאַכן לאַנד בבֿל צו וויסט, אָן אַ וווינער.
30 די גיבּורים פֿון בבֿל האָבן אויפֿגעהערט מלחמה האַלטן,
זיי זיצן אין די פֿעסטונגען;
אָפּגעטאָן האָט זיך זייער גבורה,
זיי זײַנען געוואָרן ווי ווײַבער;
מע האָט אָנגעצונדן אירע וווּינונגען,
צעבראָכן געוואָרן זײַנען אירע ריגלען.
31 אַ לויפֿער קעגן אַ לויפֿער לויפֿט,
און אַן אָנזאָגער קעגן אַן אָנזאָגער,
אָנצוזאָגן דעם מלך פֿון בבֿל,
אַז זײַן שטאָט איז באַצוווּנגען פֿון אַלע עקן;
32 און די איבערפֿאָרן זײַנען פֿאַרכאַפּט,
און די פֿעסטונגען האָט מען פֿאַרברענט אין פֿײַער,
און די מלחמה-לײַט זײַנען צעטומלט.

33 וואָרום אַזוי האָט געזאָגט יהוה פֿון צבֿאָות,
דער גאָט פֿון ישׂראל:
טאָכטער בבֿל איז ווי אַ שײַער
אין דער צײַט וואָס מע טרעט אים;
נאָך אַ קליין ווײַלע,
און קומען וועט די שניטצײַט אויף איר.

34 פֿאַרצערט האָט מיך, צעדריקט האָט מיך,
נבוכַדרֶאצַר דער מלך פֿון בבֿל;
ווי אַ ליידיקע כּלי האָט ער מיך אָפּגעשטעלט,
ווי אַ קראָקאָדיל האָט ער מיך אײַנגעשלונגען;
ער האָט אָנגעפֿילט זײַן בויך מיט מײַנע געריכטן;
אַוועקגעשווענקט האָט ער מיך.
35 ”דאָס אומרעכט צו מיר און מײַן פֿלייש אויף בבֿל!“
זאָגט די באַווינערין פֿון ציון;
און: ”מײַן בלוט אויף די באַווינער פֿון כַּשׂדים!“
זאָגט ירושָלַיִם.

36 דרום האָט גאָט אַזוי געזאָגט:
זע, איך קריג דײַן גריג,
און וועל זיך נוקם זײַן דײַן נקמה;
און איך וועל אויסטריקענען איר אים,
און טרוקן מאַכן איר קוואַל.
37 און בבֿל וועט ווערן צו הויפֿנס,
אַ וווינונג פֿון שאַקאַלן,
אַ שרעק און אַ שמוצערונג,
אָן אַ באַווינער.
38 אין אײנעם ווי יונגלײַבן וועלן זיי ברילן,
ווי קליינע לײַבן וועלן זיי שרײַען.
39 מיט גיפֿט וועל איך צוריכטן זייער טראַנק,
און איך וועל זיי פֿאַרשיכּורן, כּדי זיין זאָלן זיך צאַפּלען,
און אײַנשלאָפֿן אַן אייביקן שלאָף,
און זיך ניט אויפֿכאַפּן, זאָגט גאָט.
40 איך וועל זיי מאַכן נידערן ווי לעמער צו דער שכיטה,
ווי ווידערס מיט בעק.
41 ווי איז באַוווּנגען געוואָרן שֵׁשַך,

און אײַנגענומען געוואָרן דער לויב פֿון דער גאַנצער ערד!
ווי איז בבֿל צו וויסט געוואָרן
צווישן די פֿעלקער!
42 אויפֿגעגאַנגען איז ער אים אויף בבֿל;
פֿון זײַנע פֿיל אינדן איז זי פֿאַרדעקט געוואָרן.
43 אירע שטעט זײַנען געוואָרן אַ וויסטעניש,
אַ טרוקן לאַנד און אַ מדבר,
אַ לאַנד וואָס קיין שוממענטש וווינט ניט דערין,
און קיין מענטשנקינד גייט ניט דורך דערין.
44 און איך וועל זיך אָפּרעכענען מיט בל אין בבֿל,
עף און וועל אַרויסציען זײַן שלונג פֿון זײַן מויל,
און מער וועלן ניט שטראָמען צו אים פֿעלקער;
אויך די מויער פֿון בבֿל טוט פֿאַלן.

45 גייט אַרויס פֿון איר, מײַן פֿאָלק,
און ראַטעוועט איטלעכער זײַן נפֿש,
פֿון דעם גרימצאָרן פֿון גאָט.
46 און זאָל ניט שלאַף ווערן אײַער האַרץ,
אַז איר זאָלט מורא האָבן
פֿאַר דער הערונג וואָס ווערט געהערט אין לאַנד;
וואָרום אַ הערונג וועט קומען איין יאָר,
און דאָס יאָר נאָכדעם אַ הערונג,
און רויב וועט זײַן אין לאַנד,
אַ געוועלטיקער קעגן אַ געוועלטיקער.
47 פֿאַר וואָר, זע, טעג קומען,
און איך וועל זיך אָפּרעכענען מיט די געצן פֿון בבֿל,
און איר גאַנץ לאַנד וועט זיך שעמען,
און אַלע אירע דערשלאָגענע וועלן פֿאַלן אין איר מיט.
48 און זינגען וועלן איבער בָבל
הימל און ערד און אַלץ וואָס אין זיי;
וואָרום פֿון צפֿון וועלן קומען אויף איר
די פֿאַרוויסטערס, זאָגט גאָט.
49 אויך בבֿל איז צום פֿאַלן,
איר דערשלאָגענע פֿון ישׂראל!
אויך אין בבֿל טוט מען פֿאַלן,
איר דערשלאָגענע פֿון דער גאַנצער ערד!

50 איר אַנטרונענע פֿון שווערד,
גייט, איר זאָלט אײַך ניט אָפּשטעלן;
דערמאָנט פֿון דער ווײַטן גאָט,
און ירושָלַיִם זאָל אויפֿגיין אויף אײַער האַרצן.
51 "מיר שעמען זיך, ווײַל כרפּות האָבן מר זיך אָנגעהערט,
אַ בושה באַדעקט אונדזער פּנים,
ווײַל פֿרעמדע זײַנען געקומען
אויף די הייליקטומען פֿון גאָטס הויז".
52 אָבער זע, טעג קומען, זאָגט גאָט,
און איך וועל זיך אָפּרעכענען מיט איר געצן,
און אין איר גאַנצן לאַנד וועלן קרעכצן דערשלאָגענע.
53 ווען אַרויפֿגיין אין הימל זאָל בבֿל,
און ווען זי זאָל באַפֿעסטיקן די הייך פֿון איר מאַכט,
וועלן פֿון מיר קומען פֿאַרוויסטערס אויף איר,
זאָגט גאָט.
54 אַ קָול פֿון געשריי פֿון בבֿל,
און אַ גרויסער בראָך פֿון לאַנד כַּשׂדים!
55 וואָרום גאָט פֿאַרוויסט בבֿל,
און עט אונטערברענגען פֿון איר דעם גרויסן טומל;
און זייערע אינדן וועלן ברומען ווי גרויסע וואַסערן;
עס הילכט דער ליאַרעם פֿון זייער קָול.
56 וואָרום עס קומט אויף איר, אויף בבֿל, אַ פֿאַרוויסטער,
און אירע גיבורים וועלן באַצוווּנגען ווערן,
זייערע בויגנס ווערן צעבראָכן;
וואָרום אַ גאָט פֿון פֿאַרגעלטונג איז יהוה,
באַצאָלן וועט ער באַצאָלן.
57 און איך וועל פֿאַרשיכּורן אירע האַרן און אירע חכמים,
אירע דוכּסים און אירע פֿירשטן און אירע גיבורים,
און זיי וועלן אײַנשלאָפֿן אַן אייביקן שלאָף,
און וועלן זיך ניט אויפֿכאַפּן,
זאָגט דער קיניג –
יהוה פֿון צבָאוֹת איז זײַן נאָמען.

58 אַזוי האָט געזאָגט גאָט פֿון צבָאוֹת:
אײַנגעוואָרפֿן וועלן אײַנגעוואָרפֿן ווערן
די ברייטע מויערן פֿון בבֿל, אָ און אירע הויכע טויערן

װעלן אין פֿײַער אָנגעצונדן װערן;
און די פֿעלקער װעלן זיך מיען אומנישט,
און די אומות פֿאַרן פֿײַער;
און זײ װעלן פֿאַרמאַטערט װערן.

59 דאָס װאָרט װאָס יִרמְיָהו הנבֿיא האָט באַפֿױלן שׂפָּ־יָה דעם זון פֿון
נֵרִיָה דעם זון פֿון מַחסֵיָהן, װען ער איז געגאַנגען מיט צִדקִיָהו דעם
מלך פֿון יהודה קײן בבֿל, אין פֿירטן יאָר פֿון זײַן מלוכה; און שׂרָיָה
איז געװען דער לאַגערמײַסטער. 60 און יִרמְיָהו האָט אױפֿגעשריבן
דאָס גאַנצע בײז װאָס װעט קומען אױף בבֿל, אין אײן בוך, אַלד די
דאָזיקע װערטער װאָס זײַנען געשריבן אױף בבֿלל. 61 און יִרמְיָהו
האָט געזאָגט צו שׂרָיָהן: װי דו קומסט קײן בבֿל, אַזױ זאָלסטו זען
און איבערלײענען אַלע די דאָזיקע װערטער, 62 און זאָלסט זאָגן:
גאָט, דו האָסט גערעדט אױף דעם דאָזיקן אָרט, אים צו פֿאַרשנײַדן,
אַז קײן װײנער זאָל אין אים ניט זײַן, פֿון אַ מענטש ביז אַ בהמה,
נײַערט אײביקע װיסטענישן זאָל עס זײַן. 63 און עס װעט זײַן, װי דו
ענדיקסט לײַענען דאָס דאָזיקע בוך, זאָלסטו אָנבינדן אָן אים אַ
שטײן, און עס אַרײַנװאַרפֿן אין מיטן פּרָת; 64 און זאָלסט זאָגן: אַזױ
װעט אײַנגעזונקען װערן בבֿל, און ניט אױפֿשטײן, פֿון װעגן דעם בײז
װאָס איך ברענג אױף איר. און זײ װעלן פֿאַרמאַטערט װערן.

ביז דאַנען זײַנען די װערטער פֿון יִרמְיָהון.

# נב

1 אײן און צװאַנציק יאָר איז צִדקִיָהו אַלט געװען, אַז ער איז
געװאָרן מלך, און עלף יאָר האָט ער געקיניגט אין ירושָלַיִם;
און דער נאָמען פֿון זײַן מוטער איז געװען חֲמוּטַל די טאָכטער פֿון
יִרמְיָהון פֿון לִבנָה. 2 און ער האָט געטאָן װאָס איז שלעכט אין די
אױגן פֿון גאָט, אַזױ װי אַלץ װאָס יהױָקים האָט געטאָן. 3 װאָרום פֿון
װעגן דעם צאָרן פֿון גאָט איז דאָס געשען אין ירושָלַיִם און יהודה,
ביז ער האָט זײ אַװעקגעװאָרפֿן פֿון זײַן פּנים.

4 און צִדקִיָהו האָט װידערשפּעניקט אָן דעם מלך פֿון בבֿל. און עס
איז געװען אין נײַנטן יאָר פֿון זײַן מלוכה, אין צענטן חודש, אין
צענטן טאָג פֿון חודש, איז געקומען נבֿוכַדרֶאצַר דער מלך פֿון בבֿל,
ער מיט זײַן גאַנצן חיל, אױף ירושָלַיִם, און זײ האָבן געלעגערט אױף

איר, און געבויט אַ באַלעגערומויער רונד אַרום איר. 5 און די שטאָט
איז געווען אין באַלעגערונג ביזן עלפֿטן יאָר פֿון מלך צִדקִיָהון. 6 אין
פֿירטן חוֹדש, אין נײַנטן טאָג פֿון חודש, האָט זיך געשטאַרקט דער
הונגער אין שטאָט, און עס איז ניט געווען קיין ברויט פֿאַר דעם
פֿאָלק פֿון לאַנד. 7 איז אײַנגעבראָכן געוואָרן די שטאָט; און אַלע
מלחמהלײַט זײַנען אַנטלאָפֿן, און זײַנען אַרויס פֿון שטאָט בײַ נאַכט
דורך דעם טויער צווישן די צוויי מויערן וואָס בײַם מלכס גאָרטן –
און די כַּשׂדים זײַנען געווען בײַן שטאָט רונד אַרום – און זיי זײַנען
אַוועק מיטן וועג פֿון פּלוין. 8 האָט דער כֵל פֿון די כַּשׂדים נאָכגעיאָגט
דעם מלך, און זיי האָבן אָנגעיאָגט צִדקִיָהון אין די פּלוינען פֿון יריחו;
און זײַן גאַנצער חיל איז זיך צעלאָפֿן פֿון אים. 9 און זיי האָבן
געכאַפּט דעם מלך, און האָבן אים אַרויפֿגעבראַכט צו דעם מלך פֿון
בבֿל קיין רִבלָה אין לאַנד חמָת; און ער האָט אַרויסגעזאָגט אויף אים
אַ משפּט. 10 און דער מלך פֿון בבֿל האָט געשאָכטן די זין פֿון
צִדקִיָהוה פֿאַר זײַנע אויגן; און אויך אַלע האַרן פֿון יהודה האָט ער
געשאָכטן אין רבלָה. 11 און צִדקִיָהוס אויגן האָט ער בלינד געמאַכט,
און האָט אים געשמידט אין קופּערנע קייטן; און דער מלך פֿון בבֿל
האָט אים געבראַכט קיין בבֿל, און האָט אים אַרײַנגעזעצט אין
וואַכהויז ביז דעם טאָג פֿון זײַן טויט.

12 און אין פֿינפֿטן חוֹדש, אין צענטן טאָג פֿון חודש – דאָס איז
דאָס נײַנצנטע יאָר פֿון מלך נבוכַדראֶאצַר, דעם מלך פֿון בבֿל – איז
געקומען נבוזַרְאַדָן דער הויפּט פֿון דעם לײַב-חיל, וואָס איז
געשטאַנען פֿאַר דעם מלך פֿון בבֿל אין ירושָלַיִם. 13 און ער האָט
פֿאַרברענט דאָס הויז פֿון גאָט, און דעם מלכס הויז; און אַלע הײַזער
פֿון ירושָלַיִם, ווי נאָר אַ הויז פֿון אַ גרויסן מאַן, האָט ער פֿאַרברענט
אין פֿײַער. 14 און אַלד מויערן פֿון ירושָלַיִם רונד אַרום האָט דער
גאַנצער כֵל פֿון די כַּשׂדים וואָס מיט דעם הויפּט פֿון דעם לײַב-חיל
אײַנגעוואָרפֿן. 15 און פֿון די ראָימע פֿון פֿאָלק און דעם רעשט פֿון
פֿאָלק וואָס זײַנען געבליבן אין שטאָט, און די צוגעפֿאַלענע וואָס
זײַנען צוגעפֿאַלן צו דעם מלך פֿון בבֿל, און דעם רעשט פֿון די
מײַנסטער, האָט נבוזַרְאַדָן דער הויפּט פֿון דעם לײַב-חיל פֿאַרטריבן.
16 אָבער פֿון די אָרימע פֿון לאַנד האָט נבוזַרְאַדָן דער הויפּט פֿון דעם
לײַב-חיל איבערגעלאָזט פֿאַר ווײַנגערטנירער און פֿאַר אַקערלײַט.

17 און די קופּערנע זײַלן וואָס אין הויז פֿון גאָט, און די געשטעלן,
און דעם קופּערנעם ים וואָס אין הויז פֿון גאָט, האָבן די כּשׂדים
צעבראָכן, און האָבן אַוועקגעטראָגן זייער גאַנצע קופּער קיין בבֿל.
18 אויך די טעפּ, און די שופֿלען, און די שנײַצמעסערס, און די
שפּרענגבעקנס, און די שאָלן, און אַלע קופּערנע כּלים וואָס מע
פֿלעגט דינען מיט זיי, האָבן זיי צוגענומען. און די בעקנס, און די
פֿײַערפֿאַנען, און די שפּרענגבעקנס, און די טעפּ, און די מנורות, און
די שאָלן, און די שיסלען, וואָס גאָלד, גאָלד, און וואָס זילבער,
זילבער, האָט דער הויפּט פֿון לײַב-חיל צוגענומען. 19 און די בעקנס,
און די פֿײַערפֿאַנען, און די שפּרענגבעקנס, און די טעפּ, און די
מנורות, און די שאָלן, און די שיסלען, וואָס גאָלד, גאָלד, און וואָס
זילבער, זילבער, האָט דער הויפּט פֿון לײַב-כֵל צוגענומען. 20 די צוויי
זײַלן, דער איין ים, און די צוועלף קופּערנע רינדער וואָס אונטער די
געשטעלן, וואָס שלמה המלך האָט געמאַכט פֿאַרן הויז פֿון גאָט –
דאָס קופּער פֿון אַלע די דאָזיקע כּלים איז ניט געווען אָפּצוּוועגן.
21 און די זײַלן: אַכצן אײַלן איז געווען די הייך פֿון איין זײַל, און אַ
פֿאָדים פֿון צוועלף אײַלן האָט אים אַרומגערינגלט, און זײַן גרעב איז
געווען פֿיר פֿינגער; הויל אינעווייניק. 22 און אַ קרוין איז געווען אויף
אים פֿון קופּער; און די הייך פֿון איין זײַל איז געווען פֿינף אײַלן, מיט
אַ נעצווערק און מילגרוימען אויף דער קרוין רונד אַרום, אַלצדינג פֿון
קופּער; און אַזוי ווי די דאָזיקע אויפֿן צווייטן זײַל, מיט מילגרוימען.
23 און די מילגרוימען זײַנען געווען זעקס און נײַנציק צו דערויסן צו;
אַלע מילגרוימען אויפֿן נעצווערק רונד אַרום זײַנען געווען הונדערט.

24 און דער הויפּט פֿון דעם לײַב-כֵל האָט גענומען שׂרָיָה דעם
אויבער-כּהן, און צפֿניָה דעם צווייטן כּהן, און די דרײַ שוועלהיטער;
25 און פֿון דער שטאָט האָט ער גענומען איין הויפֿדינער וואָס איז
געווען דער אויפֿזעער איבער די מלחמה-לײַט, און זיבן מענער פֿון די
וואָס פֿלעגן זען דעם מלכּס פּנים, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין שטאָט,
און דעם שרײַבער פֿון דעם כֵל-פֿירער, וואָס פֿלעגט אויפֿנעמען אין
חיל דאָס פֿאָלק פֿון לאַנד, און זעכציק מאַן פֿון דעם פֿאָלק פֿון לאַנד,
וואָס האָבן זיך געפֿונען אין שטאָט. 26 און נבֿוזַראַדן דער הויפּט פֿון
דעם לײַב-חיל האָט זיי גענומען, און האָט זיי אַוועקגעפֿירט צום מלך
פֿון בבֿל קיין רִבלָה. 27 און דער מלך פֿון בבֿל האָט זיי געשלאָגן און
זיי געטייט אין רִבלָה אין לאַנד חֲמָת. אַזוי איז יהודה אין גלות אַוועק
פֿון זײַן לאַנד.

28 דאָס איז דאָס פֿאָלק וואָס נבוכדרעאצר האָט פֿאַרטריבן: אין
זיבעטן יאָר, יהודהער דריַי טויזנט און דריַי און צוואַנציק; 29 אין
אַכצנטן יאָר פֿון נבוכדרעאצרן, און ירושָלַיִם אַכט הונדערט און
צוויי און דריַיסיק נפֿשות; 30 אין דריַי און צוואַנציקסטן יאָר פֿון
נבוכדרעאצרן האָט נבוזראַדן דער הויפּט פֿון דעם לייַב-חיל פֿאַרטריבן
יהודהער זיבן הונדערט און פֿינף און פֿערציק נפֿשות; אַלע נפֿשות,
פֿיר טויזנט און זעקס הונדערט.

31 און עס איז געווען אין זיבן און דריַיסיקסטן יאָר פֿון דעם גלות
פֿון יהוֹיָכין דעם מלך פֿון יהודה, אין צוועלפֿטן חודש, אין פֿינף און
צוואַנציקסטן טאָג פֿון חודש, האָט אֶויל-מרוֹדַך דער מלך פֿון בבֿל,
אין דעם יאָר וואָס ער איז געוואָרן מלך, אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ פֿון
יהוֹיָכין דעם מלך פֿון יהודה, און האָט אים אַרויסגעצויגן פֿון תּפֿיסה.
32 און ער האָט גערעדט צו אים פֿריַינטלעך, און האָט געשטעלט זיַין
שטול איבער די שטולן פֿון די מלכים וואָס ביַי אים זין גָבל. 33 און
ער האָט אומגעביטן זיַינע תּפֿיסה-קליידער; און ער האָט געגעסן ביַי
אים גרויט תּמיד, אַלע טעג פֿון זיַין לעבן. 34 און זיַין אויסקומעניש,
אַ שטענדיקע אויסקומעניש, איז אים געגעבן געוואָרן פֿון דעם מלך
פֿון בבֿל טאָגטעגלעך ביז צום טאָג פֿון זיַין טויט, אַלע טעג פֿון זיַין
לעבן.

© 2005 Dworkins and Leonard Prager. All Rights Reserved.